STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00330

# DER FOYGL FUN GETO

Chawa Rosenfarb

•

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Harold Ostroff*
*in memory of*
*Frieda Ostroff*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דער פויגל פון געטאָ

**CHAWA ROSENFARB**

# The Bird of the Ghetto

Copyright, 1958
by
CHAWA ROSENFARB
Montreal, Canada

Published by
Dr. H. MORGENTALER

Printed in Canada by
THE NORTHERN PRINTING AND LITHOGRAPHING CO.
Montreal, Canada

חוה ראָזענפֿאַרב

# דער פֿייגל פֿון געטאָ



טראַגעדיע
אין דריי אַקטן.

# אַרייַנפֿיר וואָרט

עס איז געשען, אַז איך האָב זיך פֿאַרלייענט אין דער חורבן־ליטעראַטור וועגן ווילנע און פֿון די זייטן פֿון די ביכער איז מיר אַנטקעגנגעקומען די געשטאַלט פֿון איציק וויטענבערגן. זייט איך האָב וועגן אים דאָס ערשטע מאָל געלייענט האָט ער מיך רוען ניט געלאָזט... איך האָב דערזען פֿאַר זיך אַ גרויסע, טראַגישע פֿיגור, וואָס האָט מיט איר חלום וועגן טאַט און מיט דעם טאַט, וואָס איז ניט געווען איר חלום, דורכגעריסן דעם געוועב פֿון אירע טעג און זיך איינגעשניטן אין דער אייביקייט, ווי אַ מעטעאָר שניידט זיך איין אין דער בלויקייט פֿון הימל.

ער האָט געהערט צו די זעלטענע, וואָס קענען גיין מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ קעגן די כוחות, וואָס ווילן זיי צעשטערן און וואָס האָבן די גבורה זיך אונטערצוגעבן די צעשטערערישע כוחות ניט ווי באַזיגטע, נאָר ווי זיגער.

ער האָט מיר אויסגעזען צו זיין די פּערפֿעקטע העלדן־פֿיגור פֿאַר אַ געטאָ־טראַגעדיע.

דאָס ווילנער געטאָ האָט געפֿירט צו דער עקדה זיין קרבן, איציק וויטענבערגן און דער קרבן האָט זיך געלאָזט פֿירן... אין אפֿשיין פֿון יענע עקדה׳שע פֿלאַמען זע איך די פּערזענלעכקייט פֿון דעם געפֿירטן און איך זע די אומבאַהאָלפֿנקייט און פֿאַרצווייפֿלטע לעבנס־עקשנות פֿון די, וואָס האָבן אים געפֿירט. עס מאַכט מיר קלאָר פֿאַרוואָס עס האָט קיין ווידערשטאַנד ניט געקאָנט פֿאָרקומען ניט נאָר אין ווילנער געטאָ, נאָר אויך אין אַ סך אַנדערע געטאָס. עס מאַכט קלאָר, אָבער עס מאַכט ניט פֿילן פֿאַרשעמט. ווייל דער טראַגישער גורל פֿון איציק וויטענבערגן האָט אין זיך עפּעס לייטערנדיקעס און דערהויבענעס.

אַלע העלדן פֿון דעראָ דראַמע זיינען אַ פּראָדוקט פֿון מיין פֿאַנטאַזיע. איך ווייס ניט אויף וויפֿל זיי אַנטשפּרעכן דערווירקלעכקייט אַלס טיפּן, הגם אַ גרויסער טייל פֿון זיי טראָגט אויטענטישע נעמען. דער פֿאַקט, וואָס איך בין אַליין געווען אין אַ געטאָ האָט אפֿשר געהאָלפֿן און אפֿשר גאָר

געשטערט מיין אינטואיציע, אָבער בלי ספק האָט ער געווירקט איך זאָל באַלייכטן דאָס לעבן פון געטאָ־כלל און דעם גורל פון זיינע יחידים דורך דער פריזמע פון מיינע אייגענע דערפאַרונגען. מיין געטאָ איז געווען אַ געטאָ אָן אַ פפ״אָ (פאַראייניקטע פאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע), אַ געטאָ אָן אַ וויטענבערג... אָבער עס איז געווען דאָרט דער זעלבער טראַגישער געראַנגל פאַרן לעבן און כבוד, צווישן לעבן און כבוד.

דאָס ווילנער געטאָ פון מיין דראַמע איז ניט דאָס אמתע ווילנער געטאָ. אָבער עס איז געטאָ. מיינס. אייערס. אונדזערס. יעקב גענס האָט אוודאי קיינמאָל קיין ווייסע האַנטשן ניט געטראָגן. ער האָט אפשר קיינמאָל אַזוי זיך ניט אויפגעפירט ווי עס ווערט דאָ געשילדערט, אָבער חיים רומקאָווסקי, דער מושל פון לאָדזשער געטאָ און יעקב גענס האָבן געמוזט געהערן צו דעם זעלבן מענטשן־מאַטעריאַל. די פאָליציסטין טעא האָט אפשר אין דער אמתן ניט געשפּילט אַזאַ ראָלע ווי זי שפּילט אין דער דראַמע, אָבער איך האָב געקאָנט צענדליקער טעאס פון לאָדזשער געטאָ און לויט מיין געפיל זיינען זיי שוועסטערס פון דער ווילנער טעא. עס איז ניט געווען מיין כוונה צו פאַראַלגעמיינערן דעם הינטערגרונט. אויף וויפל איך האָב געקאָנט און געוווסט האָב איך געגעבן דאָס קאָנקרעטע ווילנע אין אייגנ־אַרטיקן קאָלאָריט. פון דער צווייטער זייט אָבער האָב איך געענדערט, אָדער פאַרווישט פאַקטן פון וועלכע איך האָב יאָ געוווסט. איך האָב למשל דעם צייט־פאַרלויף פון די געשעענישן געמאַכט מיט אַ טאָג קירצער ווי דאָס איז געווען אין דער ווירקלעכקייט. איך האָב אויך געגעבן פיקטיווע נעמען פאַר אַלע שטאַב־מיטגלידער, הגם איך האָב געוואוסט זייערע אויטענטישע. אָבער דווקא אין דעם פאַל האָב איך געוואָלט מען זאָל וואָס ווייניקער ציען אַ פאַראַלעלע צווישן דעם נאָמען און דער פערזאָן, וואָס האָט אים געטראָגן.

דידאַזיקע און אַנדערע אָפּווייכונגען פונעם אמת, האָבן מיר אויסגעזען צו זיין בייהילפיק אין אַרויסברענגען אַן אַנדערן אמת. דעם דראַמאַטישן.

ווייל שליסלעך מוז יעדע פערזאָן און יעדער פאַקט אַדורכגיין אַן איבערגעשטאַלטיקונג מיטן מאָמענט, וואָס זיי ווערן אַ טייל פון אַ געשרי־בענער פּיעסע. זיי מוזן אויפהערן צו זיין הונדערטפּראָצענטיק רעאַל ווען זיי הייבן אָן ווערן הונדערטפּראָצענטיק דראַמאַטיש. ווייל לעבן אויף דער סצענע, ווען אַפילו רעאַליסטיש געשילדערט איז ניט קיין פאָטאָגראַפיע פון דער ווירקלעכקייט, נאָר אַ מין סובלימירטער פרוש צו איר.

ח. ר.



איציק וויטענבערג

## אַזוי איז עס געשען...

אין דער נאַכט פון 16־טן יולי 1943 האָט געסטאַפּאָ אַרעסטירט איציק וויטענבערגן, דעם קאָמענדאַנט פון דער פּאַראַייניקטער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע (פפ״אָ). אַ גרופּע קעמפער איז באַפאַלן די געסטאַפּאָ־וואַך און דעם קאָמענדאַנט באַפרייט.

די זעלבע נאַכט האָט דער מושל פון ווילנער געטאָ, יעקב גענס, צונויפגערופן אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג פון אַלע געטאָ־איינוואוינער און זיי איבערגעגעבן דעם באַפעל פון די דייטשן: איציק וויטענבערג מוז צוגעשטעלט ווערן אַ לעבעדיקער, אויב ניט, וועט דאָס געטאָ אומקומען.

דער שטאַב פון דער פפ״אָ האָט געוואוסט, אַז דעם געטאָ דראָט סייווי ליקווידאַציע און אַז די פאַראָרדענונג אַרויס־צוגעבן וויטענבערגן איז בלויז אַן אויסרייד. דערפאַר האָט דער שטאַב באַשלאָסן דעם קאָמענדאַנט ניט אויס־צוגעבן.

אָבער די פאַרצווייפלונג פון דער געטאָ־מאַסע און איר ניטגרייטקייט אויפצונעמען דעם געדאַנק פון ווידער־שטאַנד האָבן געשאַפן די געפאַר פון אַ ברודער־קאַמף אין געטאָ גופא. כדי דאָס צו פאַרמיידן האָט דער שטאַב פון דער פפ״אָ געמוזט ענדערן זיין באַשלוס.

איציק וויטענבערג האָט זיך פרייוויליק איבערגעגעבן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ.

ער איז אומגעקומען אין די דייטשע פייניקונגס־קאַמערן דעם 18־טן יולי 1943.

# דער פויגל פון געטאָ

## טראַגעדיע אין דריי אַקטן און זעקס בילדער

---

**אָרט** — ווילנער געטאָ.

**צייט** — פון זון־אונטערגאַנג דעם 16־טן יולי
ביז פולן זון־ליכט דעם 17־טן יולי 1943.

### בילדער

### אַקט איינס

בילד איינס: באָד־אַנשטאַלט נר. 2 אין ווילנער געטאָ. פאַרנאַכט. 16־טער יולי.

בילד צוויי: באָד־אַנשטאַלט נר. 2 אין ווילנער געטאָ. א רגע שפּעטער.

### אַקט צוויי

בילד איינס: פּאַרטיזאַנער־שטאַב. אָוונט. 16־טער יולי.

בילד צוויי: קאַבינעט פון יעקב גענס. נאַכט. 16־טער יולי.

### אַקט דריי

בילד איינס: דער הויף פון פּאַרטיזאַנער־שטאַב. פאַרטאָג. 17־טער יולי.

בילד צוויי: עדזשעס צימער און דאָס געסל דערנעבן. פרימאָרגן. 17־טער יולי.

# פערזאנען:

. . .

**איציק וויטענבערג**, קאָמענדאַנט פון דער פפ״אָ.

**דינה**, זיין פרוי.

**עדזשע**, וויטענבערגס פריינדין.

**טעא**, געטאָ־פּאָליציסטין.

**יעקב גענס**, קאָמענדאַנט פון ווילנער געטאָ.

**דוד ראָזענבערג**, וויטענבערגס אַמאָליקער חבר.

**עקיבא**, אַ גרייזגרויער ייד.

**יונה**, אויפזעער פון באָד־אַנשטאַלט.

**געשטאַלט פון וויטענבערגס מוטער.**

| | |
|---|---|
| שלמה<br>יעקב<br>אסתר<br>נתן<br>זלמן<br>אברהם | מיטגלידער פון פּאַרטיזאַנער־שטאַב. |
| פאלקע<br>שלומקע | געטאָ־קינדער. |
| פריידל<br>שרקה | געטאָ־מיידלעך. |

בחור
משה
ברוך
מאַשע, זיין פרוי
צפורה
מיידעלע, צפורהס טאָכטער
רבקה
לאה
דאָקטאָר
1טער ייד
2טער ייד
1טע פרוי
2טע פרוי
3טע פרוי
יונגע פרוי
פּאַרטיזאַנער
גאַסן־הענדלער
וואוילע יונגען
פּאָליציסטן
קוימענקערער
שלוחים פון געגנסן
שלוחים פון יידן־ראט

(געטאָ־יידן — bracketed: all the above)

דריי ליטווינער געסטאַפּאָווצעס.

# אקט איינס

## בילד איינס

עס איז דער 16־טער יולי 1943. די סצענע שטעלט פאַר אַן אַריינ־גאַנגס־קאָרידאָר פון אַ געטאָ־באָד. די ווענט פון קאָרידאָר זעט מען ניט. די פאַרנאַכטיקע האַלב־טונקלקייט פאַרשלינגט זיי כמעט אינגאַנצן. בולט אַרויסגעבראַכט זיינען נאָר די קאָנטורן פון גרויסן פענצטער אין הינטער־גרונט. אין פענצטער שטייט אין פולן פייער אַ פּורפּורנע, אונטערגייענדיקע זון. אירע שטראַלן צעלייגן זיך אין מיסטעריעזע, ציטערדיקע פּאַסן אויף דער פּאָדלאָגע. אַ רויטלעך־פּיאָלעטע ליכטיקייט שטויביקט זיך אין דער לופטן. אין דערדאָזיקער ליכטיקייט באַוועגן זיך די שאָטנס פון די, וואָס וואַרטן אויף זייער ריי צום באָדן זיך. אויף די בענק אויסגעשטעלטע לענגאויס די ווענט זיצן די אַנדערע וואַרטנדיקע. די טונקלקייט פאַרשלינגט זיי. וואו ניט וואו זעט זיך בלויז אַ בלאַסער פלעק פון אַ פּנים, אַ שימער פון אַ פּאָר ביינערדיקע הענט, צי גאָר אַ בליק פון וועמענס הייסע, גליענ־דיקע אויגן...

אין דער טיף, פון דער לינקער זייט צייכנט זיך אַ ווייס־געמאָלענע טיר־עפנונג. דאָס איז דער אַריינגאַנג צו די באָד־צימערלעך. פון דאָרטן שלאָגט אַ לייכטער זייל פון פּאַרע, וואָס פּאַראייניקט זיך אין דער לופטן מיטן רויטלעכן שטויב פון די זון־שטראַלן און ווירקט, אַז דער שפּיל פון ליכט און שאָטן זאָל אויסזען נאָך מיסטעריעזער און סודותפולער. פון צייט צו צייט באַווייזט זיך אין דער ווייסער ראָם פון דער טיר אַן אויסגעבאָדענע, פאַרשוויצטע געשטאַלט, וואָס פאַרקנעפּלט זיך אייליק און פאַרשווינדט דורכן אַרויסגאַנג אין פאָדערגרונט לינקס.

פון דער רעכטער זייט איז דער קאָרידאָר אָפּגעטיילט מיט אַ דין ווענטל. קוים, קוים זעבאַר זיינען די קאָנטורן פון אַ טיר און אַ קליין פענצטערל. איבער דער טיר הענגט אַ לעמפּל. אונטער אים — אַ שילדל מיט דער אויפשריפט: „פאַרוואַלטער פון געטאָ־באָד נר. 2”. די אויפשריפט איז קלאָר און לייענבאַר.

ווען דער פאַרהאַנג הייבט זיך אויף איז שטיל אויף דער סצענע. מען הערט בלויז אַ פאַרטעמפּט גערויש פון די וואַסער־קראַנען און אַ ווייטן אָפּקלאַנג פון צעבערעקלטע ווערטער, וואָס רייסן זיך אַריין פון גאַס.

ערגעץ פון דרויסן טראָגט זיך אַהער אַ שטילער, פאַרעקשנטער געטאָ־מאָטיוו... די אַטמאָספער אויף דער סצענע איז אַ געפּרעסטע, אַן אָנגעלאָדענע מיט היץ און שווייסיקייט פון אַ הייסן זומער־פאַרנאַכט. אין דער געדיכטקייט פון דער לופט אָטעמט שווער און אָפּגעריסן אַ גרויסע, אומזעבאַרע אימה...

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם ווערט ליכטיקער אין צענטער פון דער סצענע. עס שיילן זיך ארויס פון דער טונקלקייט די קאָנטורן פון צוויי יינגלעך. פאלקע און שלומקע. זיי שטייען איצט פונקט אנטקעגן די זון־שטראַלן. אויסער די קורצע, צעריסענע הייזלעך טראָגן זיי גאָרניט אויף זיך. די אויסגעדאַרטע קערפּערס זיינען טונקלראָז פון דעם ליכט, וואָס פאַלט אויף זיי. די קינדער זיינען פאַרטון אין אַ שפּיל. זייער געפליסטער לאָזט זיך הערן וואָס אַמאָל בולטער:

**שלומקע** : זעסט, פאלקע, איך קוק דער זון גלייך אין די אויגן אַריין.

**פאלקע** : דאָס הייסט ביי דיר געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין? דו מרוזשעסט דאָך די וויעס, זע נאָר, ווי דו פינטלסט מיט די אויגן. גיי שוין, גיי... ס׳וועט גאָרניט אַרויסקומען...

**שלומקע** : פאַרוואָס וועט ניט אַרויסקומען?

**פאלקע** : דערפאַר ווייל דו קענסט ניט שפּילן, פאַרשטייסט? ברייט מוז מען עפענען די אויגן און קוקן אויף דער גאַנצער זון. אָט אַזוי... קום, מאַך עס מיט מיר. קוק... לאַנג, לאַנג... ביז די זון וועט ווערן בלוי און שפּעטער נאָך בלויער און שפּעטער שוואַרץ און שפּעטער נאָך שוואַרצער. דו קוקסט? זאָג מיר, שלומקע, דו קוקסט?

**שלומקע** : אוודאי קוק איך.

**פאלקע** : און דו פינטלסט ניט מיט די אויגן?

**שלומקע** : איך פינטל ניט.

**פאלקע** : דו ווייסט וואָס דאָס הייסט עסן עמעצן מיט די אויגן?

**שלומקע** : מיין מאַמע פלעגט טיילמאָל אַזוי זאָגן.

**פאלקע** : מיר מוזן אויפעסן די זון מיט די אויגן. און דאַן... (פאַרחלומט) און דאַן וועלן מיר זען די פאַרשידנסטע זאַכן. וואָס מיר ווילן נאָר אַליין וועלן מיר זען...

שלומקע : איך זע שוין שטיקלעך בלוי.

פאלקע : איז גוט. קוק ווייטער.

שלומקע : נאָך לאַנג?

פאלקע : יאָ. נאָך לאַנג. וואָס איילסטו זיך אַזוי? ווען מען קוקט אויף אַ זון טאָר מען זיך ניט איילן. פּונקט ווי מען זופּט אַ גלאָז טיי. פריער אַ ביסעלע און דערנאָך נאָך אַ ביסעלע. דו פילסט ווי דאָס הייסע גייט אַריין אין דיר, דערוואַרעמט דיך. און דאַן גיט מען נאָך אַ זופּעלע און נאָך אַ זופּעלע... דאָס זעלבע ווען מען קוקט אויף אַ זון.

שלומקע : איך זע שוין שוואַרץ, פאַלקע.

פאלקע : ווען עס וועט זיין שוואַרץ אויף שוואַרץ אויף שוואַרץ...

שלומקע : יאָ?

פאלקע : וועט זיין גוט.

שלומקע : אָבער עס איז דאָך שוין...

פאלקע : באַלד, באַלד...

שלומקע : שוין?

פאלקע : נאָך ניט... נאָך ניט... שוין! פאַרשטעל שנעל די אויגן און גיב מיר די האַנט.

שלומקע : וואו ביסטו?

פאלקע : דאָ בין איך. האַלט די הענט אויף די אויגן... קום... (זיי גייען אַ פּאָר טריט ווי שכורע) איצט לאָמיר זיך זעצן.

שלומקע : וואו זענען מיר?

פאלקע : קוק וועסטו זען.

שלומקע : איך זע גאָרניט. און דו?... דו זעסט שוין עפּעס?

פאלקע : אוודאי זע איך.

שלומקע : וואָס זעסטו?

פאלקע : וואָס איך זע? איך זע שטענדיק די זעלבע זאַך. אַ הויכע, שוואַרצע מויער ביז אונטערן הימל. אָט וואָס איך זע... דערפאַר האָב איך דיך אויסגעלערנט שפּילן אין דעם. דו זאָלסט געפינען עפּעס אַ גוט ווינקעלע פאַר אונדז.

שלומקע : איך?... יאָ... וואָרט, דוכט זיך איך זע טאָקע שוין עפּעס.

פאַלקע : וואָס זעסטו? זאָג, גיכער!

שלומקע : פון וואָס איז זי געמאַכט, דיין שוואַרצע מויער?

פאַלקע : פון שוואַרצער שרעק.

שלומקע : איך זע עפּעס אין איר.

פאַלקע : וואָס זעסטו אין איר?

שלומקע : וואָס קען מען זען אין אַ מויער? — אַ טויער!

פאַלקע : (באַגייסטערט) אַ טויער!

שלומקע : אַ טויער אין דער מויער! (ביידע לאַכן שטיל) קום, פאַלקע, לאָמיר אַרויס דורכן טויער...

(קינדערשער שמועס ווערט שטילער. דער פריער־געהערטער געטאָ־מאָטיוו לעבט ווידער אויף. ער איז אָבער איצט מילדער און שפּילעווּדיקער. **ברוך** און **דאָקטאָר** דערנענטערן זיך צום פאָדערגרונט. עס לאָזט זיך הערן זייער שמועס.)

דאָקטאָר : איי, ברוך, אַ לעבן אויף דיר. ס'האָרץ האָסטו מיר ממש דערקוויקט.

ברוך : און דאָס איז נאָך גאָרניט, דאָקטאָרלעבן.

דאָקטאָר : איטאַליע איז ביי דיר גאָרניט? וואָס טוט זיך מיט דיר? מוסאָליני וועט קאַפּיטולירן צווישן אַ יאָ און אַ ניין.

ברוך : בלאָטע מוסאָליני. ביי מיר איז ער שוין אַ געפּגרטער. עס גרייט זיך נאָך עפּעס גרעסערס.

דאָקטאָר : (מיט געמאַכטער באַגייסטערונג) נאָך גרעסערס?

ברוך : עס גרייט זיך, ניט מער און ניט ווייניקער, דאָקטאָרלעבן, ווי אַ דעסאַנט.*

דאָקטאָר : אַ דעסאַנט, האָסטו געזאָגט?

ברוך : איך האָב געזאָגט עס גרייט זיך? איך וואָלט נישט וועלן זיין קיין ליגנער, נאָר עס קאָן גרייַלעך געמאָלן זיין, אַז דער דעסאַנט איז שוין פאָרגעקומען, אָדער אפשר קומט

*) אינוואַזיע, פלוציםדיקער אַטאַק. אַ טערמין וועלכן די נייעס־שמועסער אין די געטאָס האָבן אָפט באַנוצט.

ער גאָר פאַר טאַקע איצט ווי מיר שטייען און רעדן אַזוי . . .

**דאָקטאָר** : אַזוי גאָר ?

**ברוך** : אַזוי גאָר. איך מאַך אַ פשוטן חשבון. דער וואָס האָט מיר דערציילט מיט אַ וואָך צוריק, האָט אַליין מיט אַ וואָך פריער געהערט פון זייער אַ פאַרטרוילעכער קוועלע — האָט איר שוין צוויי וואָכן. און ווי ניט שייך געמט עס דאָך נאָך אַ ביסעלע צייט ביז אַ נייעס דערקייקלט זיך צו אונדז אין געטאָ. ניט אַזוי ? און צוריקגעשמועסט, ווען לאָזט מען דען אַזאַ נייעס בכלל אַרויס אין דער וועלט אַריין ? אוודאי ניט ווען מען גרייט זיך, נאָר ווען מען איז שוין פיקס און פאַרטיק מיט הכל־מכל־כל . . . וואָס זאָגט איר עפעס צו מיין חשבון ?

**דאָקטאָר** : דער חשבון איז צדק.

**ברוך** : מיר ווערן שוין באַלד געהאָלפן, אמת ?

**דאָקטאָר** : עס קאָן שוין לאַנג נישט דויערן.

**ברוך** : דאָס איז דאָך מיין געשריי. עס טאָר שוין לאַנג ניט דויערן. באו מים עד נפש.

**דאָקטאָר** : ביסט מיך ממש מחיה, חברל.

**ברוך** : איך בין זיך אַליין ממש מחיה. ווען ניט די נייעסן ! אָן אַ ברויט וואָלט איך נאָך געקאָנט אויסקומען אַ טאָג, צוויי, נאָר טאָמער הער איך ניט עפעס אַזעלכעס פיל איך ווי אַ שטריק וואָלט זיך צוזאַמענגעצויגן אַרום מיין האַלדז. אַז איר ווילט, דאָקטאָר, קען איך אייך שטענדיק קומען דער־ציילן . . .

**דאָקטאָר** : זיי זיך ניט מטריח.

**ברוך** : וואָס רעדט איר, וואָס ? זיי זיך ניט מטריח ! טאָמער הער איך אַ גוט נייעסל וואָלט איך עס אַפילו די שטיינער איבער־דערציילט. זאָגט מיר נאָר בלויז וואו איך קאָן אייך טרעפן.

**דאָקטאָר** : אַ גוטע פראַגע.

**ברוך** : פאַרט, וואו וואוינט איר ?

**דאָקטאָר** : פרעג מיך בעסער וואו איך וואוין ניט.

ברוך : ניט געדאגהט, איך וועל אייך שוין אויסגעפינען. (נייגעריק) איר הערט טאַקע אויף אַן אמת גאָרניט? איר זעט דאָך אַזוי פיל מענטשן דורכן טאָג?

דאָקטאָר : יאָ, הערן הער איך שוין דווקא אַסך און מענטשן, מאָל דיר אויס, זע איך אויך גענוג. נאָר נייעסן דערציילט מען מיר בלויז די שלעכטע. די גוטע דאַרף איך זיי דערציילן.

ברוך : איר בלאָפט זיי?

דאָקטאָר : דאָס הייסט ניט געבלאָפט. איך טרעף בלויז צו. און מיינסט מען גלויבט מיר ניט? (קוקט זיך אַרום) וואָס איז דאָ עפּעס אַזוי שטיל היינט?

ברוך : שטיל? (קוקט זיך אויך אַרום) זיי האָבן זיך אודאי פאַרטיפט אין זיסע זכרונות... זיי וויסן נאָך פון גאָרניט.

דאָקטאָר : און דו? דו ווייסט עפּעס?

ברוך : אין טעאַטער זייט איר נעכטן געווען?

דאָקטאָר : וואָס איז געשען אין טעאַטער?

ברוך : גאָרניט, נאָר גענס׳ פּנים איז מיר ניט געפעלן. קיינעם ניט געפעלן. עפּעס איז ווידער ניט גוט, איר הערט? דער שטערן איז ביי אים געווען צוזאַמענגעצויגן, די נאָז אַראָפּ־געלאָזן. אַפילו די חניפה רײדלעך ניט געהערט. אַפילו אַ בליק ניט געוואָרפן אויף דער סצענע. און ווער יאָ? אַז אַלע האָבן געקוקט אויף אים. אַפילו די אַקטיאָרן. מען האָט גענומען אַריינלערנען אין זיין פּנים ווי אין אַ בלאַט גמרא. און פּלוצים האָט ער זיך גאָר אויפגעריסן פון בענקל, אַרויסגעלאָפן ווי אַ ווילדער און אַפילו די טיר הינטער זיך ניט פאַרמאַכט... איר האָט ניט אַמאָל אַ פּאַפּיראָסל, דאָקטאָר?

דאָקטאָר : ווילסט אַ צי פון מיין ליולקע?

ברוך : יאָ, נאָך היינט גאָרניט גערויכערט. (דאָקטאָר צינדט אָן זיין ליולקע. ברוך נעמט זי מיט אַ ציטערדיקער האַנט. פאַרציט זיך נערוועז) אַ שיינעם דאַנק.

דאָקטאָר : דיינע הענט ציטערן.

ברוך : גענס' פּנים זאָגט, אַז עפּעס גרייט זיך ווידער.

דאָקטאָר : ציטערן ביי דיר שטענדיק אַזוי די הענט?

ברוך : יאָ, טייַלמאָל... איר געדענקט, גענס האָט צוגעזאָגט, אַז די לעצטע געבליבענע צוואַנציק טויזנט האָבן אַלע שאַנסן איבערצולעבן?

דאָקטאָר : איך געדענק אַסך זיינע צוזאָגן.

ברוך : וואָס קען דאָס זיין, דאָקטאָר?

דאָקטאָר : פון וואַנען זאָל איך וויסן?

ברוך : איך זע, אז איר זייט בלייך געוואָרן!

דאָקטאָר : וואָס פעלט דיר איין?

ברוך : איר האָט זיך דערשראָקן. באַהאַלט זיך ניט פון מיר. איך זע דאָך, אַז איר האָט זיך דערשראָקן. וואָס קומט אייך אויפן געדאַנק, זאָגט מיר? איר נעמט עס ערנסט? איך זע דאָך, אַז איר נעמט עס ערנסט. עס קומט אַ ניי אומגליק, האַ?

דאָקטאָר : וואָס קען מען וויסן פון השערות אַרויסגעדרשנטע פון גענס' פּנים? כאַפּ דערווייל אַריין אַ בעדל, גיי...

ברוך : אַ לעמעשקע געוואָרן דער ברוך, טראַכט איר זיך, האַ?

דאָקטאָר : פון וואַנען ווייסטו אַזוי גוט וואָס איך טראַכט?

ברוך : פאַר אייך שעם איך זיך ניט. אָט אַזוי איז עס. פאַר אַנדערע קאָן איך נאָך האַלטן פאַרביסן די ליפּן און פאַרקריצט די ציינער, אָבער ווי נאָר איך זע אייך ווילט זיך מיר קלאָגן זיך. איר זייט דאָך... איר מיינט איך וועל אַמאָל פאַרגעסן וואָס איר האָט געטון פאַר מיין ווייב?

דאָקטאָר : דיין ווייב? זי לעבט?

ברוך : אויב דאָס הייסט געלעבט. קוים זי דערשלעפּט זיך פון בעט צו דער קיך...

דאָקטאָר : דאַנק גאָט דערפאַר.

ברוך : דערפאַר וואָס זי איז אַן אייביקע קאַליקע?

דאָקטאָר : דערפאַר וואָס זי איז געבליבן לעבן.

ברוך : איר ווייסט, דאָס האָט זי אָנגערעדט אַלע קראַנקע צו

שפרינגען פון שפּיטאָל־פענצטער. אפשר באַדויערט זי דאָס היינט? ווייס איך וואָס? זי רעדט איצט אזוי זעלטן... דער רחמות צו איר טרייבט מיך פון שטוב אַרויס... אַ רחמנות? עס איז אַ פיינטשאַפט. איר הערט? מיין מאַשעלען האָב איך פיינט. בין איך געוואָרן אַ טעאַטער־מענטש. העלף צו אַביסל אונטער די קוליסן אויך. אָדער איך קום אַהער אָפּוואשן פון זיך דעם כ׳ווייס אליין ניט וואָס. די צרות, דעם אומרו... איר רעדט ניט קיין וואָרט. אַן אכזר, טראַכט איר זיך, האַ? לאָזט אַליין דאָס קראַנקע ווייב.

**דאָקטאָר** : ווער בין איך ווידער צו אורטיילן דיינע מעשים?

**ברוך** : אורטיילט מיך יאָ, אורטיילט מיך ניט. עס איז מיר אַלץ איינס. גיט מיר נאָך אַ צי פון דער ליולקע. (דאָקטאָר דערלאַנגט אים די ליולקע) זייט מיר מוחל, דאָקטאָר, איר היילט גופים און איך קום צו אייך מיט די וואונדן פון מיין נשמה. טיילמאָל פארגעס איך, אַז איר זייט אַ געטאָ־ייד פונקט ווי מיר אַלע...

**דאָקטאָר** : נו, ברוך...

**ברוך** : איר איילט זיך.

**דאָקטאָר** : אייל זיך שטענדיק און קום זעלטן צו דער צייט.

**ברוך** : (האַסטיק) דאָקטאָר, איר מוזט מיר העלפן!

**דאָקטאָר** : וואָס איז דער מער מיט דיר?

**ברוך** : (פאַרצווייפלט) העלפט מיר!

**דאָקטאָר** : ברוך?!

**ברוך** : (הייס. אין דאָקטאָרס אויער) שלאָף־פילן. גיט מיר שלאָף־פילן! ניטאָ מער קיין כוח צו די אַקציעס. איר הערט? איך קאָן ניט מער! אַזוי וועלן מיר כאַטש אַ קבר האָבן. איך און זי... ניט פאַנאַר! * נאָר ניט פאַנאַר! (דער געטאָ־מאָטיוו לאָזט זיך מיטאַמאָל הערן אין טראַגישע טונקעלע טענער. דאָקטאָר באַפרייט זיך לאַנגזאַם פון ברוכס הענט).

---

*) פאָנאַר — טויטנלאַגער ניט ווייט פון ווילנע וואו עס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן טויזנטער ווילנער יידן.

דאָקטאָר : (פאַרזיכטיק) ווער גרייט צו דעם דעסאַנט, זאָגסטו, די ענגלענדער?

ברוך : (פאַרטון אין זיך) וואָס זאָגט איר?

דאָקטאָר : איך פרעג ווער עס גרייט צו דעם דעסאַנט?

ברוך : איר זאָגט מיר אָפּ?

דאָקטאָר : די ענגלענדער צי די אַמעריקאַנער אויך?

ברוך : וואָס איז דאָס וויכטיק?

דאָקטאָר : וואָס רעדסטו, וואָס איז דאָס וויכטיק? ביסטו ביים קלאָרן זינען, ברודערקע? אין צוויי וואָכן ווערט פראַנקרייך באַ־פרייט, אין א חודש—האלב אייראָפּע, אין א זעקס, זיבן וואָכן — מיר. מיר אַלע...

ברוך : פאַררעדט מיך ניט. איך בין דאָך ניט אייערס קיין פּאַציענט.

דאָקטאָר : ווער פאַררעדט דיך? דאָס זיינען דאָך דיינע אייגענע נייעסן. דו גלייבסט אין זיי אַליין ניט?

ברוך : איך ווייס ניט צי איך גלייב יאָ, צי איך גלייב ניט.

דאָקטאָר : דו זעעסט ניט ווי עס האַלט?

ברוך : מיר וועלן זיך דען דערוואַרטן?

דאָקטאָר : אוודאי, ברוך, אוודאי... איך מוז אַריינגיין. (ווייזט אויפן צימער פון פאַרוואַלטער)

ברוך : איר גייט אַוועק?... (וויל נאָך עפּעס זאָגן. באַהערשט זיך. צוויי פרויען פאַרהאַלטן דעם דאָקטאָר ביי דער טיר פון פאַרוואַלטערס צימער. ער שמועסט מיט זיי אַ ווײַלע שטיל. דורך דער טיר פון גאַס פאַלט מיט האַסטיקע טריט אַריין **צפּורה**. א געוואוקסיקע יידענע אין די מיטעלע יאָרן. אין קעגנזאַץ צו די אָנווערזנדיקע זעט זי אויס קרעפטיק און געזונט. דער דאָקטאָר פאַרשווינדט אומבאַמערקט אין דער טיר פון פאַרוואַלטערס צימערל. צפּורה „נעמט איין" די סצענע)

צפּורה : אַ פינצטערניש דאַ, רבונו של עולם! אַ היצעניש. מען קאָן דאָך דערשטיקט ווערן. (פאָכעט זיך) און דערווייל נעמט עס גאָר קיין סוף ניט. (צו אַ גרופּע זיצנדיקע פרויען) מיין ריי איז נאָך אַלץ ניט געקומען, האַ?

רבקה : (אַ בלייכע, קרענקלעכע פרוי) סיוואי, זע איך, פּטרט איר ניט קיין צייט. איינגעהאַנדלט דערווייל עפּעס?

צפורה : וואָס געהאַנדלט, ווער געהאַנדלט? ביים קאָמיסאַריאַט בין איך געווען, אַט וואו.

לאה : (אַן אַלטעטשקע) מען לויפט שוין ווידער צום קאָמיסאַריאַט?

צפורה : געוואָלט אַ פרעג טון צי עס וועט זיין שטיל די נאַכט, צי מען וועט ווידער דאַרפן שלאָפן אין די קליידער.

לאה : עס הייבט זיך אָן. שוין לאַנג ניט געשלאָפן אין די קליידער.

רבקה : נו, וואָס האָט מען אייך געזאָגט?

צפורה : וואָס מען האָט מיר געזאָגט, ווילט איר וויסן? איך זאָל שלאָפן ווי מיר איז באַקוועם, האָט מען מיר געזאָגט. געהערט אַן ענטפער? גאַנצע יחסנים געוואָרן די פּאָליציסטלעך. קיין לייטיש וואָרט לאָזט מען פון מויל ניט אַרויס. די גרעסטע גנבים וואָס דאָס געטאָ פאַרמאָגט זיינען זיי. נאָר דאָ פירט זיך דאָך, אַז אַ קליינער גנב זיצט אין תפיסה און אַ גרויסער גנב איז אַ גאַנצער צדיק...

לאה : נו, וועט איר זיך טאַקע אויסטון אויף ביינאַכט?

צפורה : פאַרוואָס? ווייל זיי זאָגן איך זאָל שלאָפן ווי מיר איז באַקוועם? איך ווייס שוין אַליין וואָס איך האָב צו טון. מיך וועט מען ניט אָפּנאַרן. און אַז איך זאָג עס איז ניט פויגלדיק מעג מען מיר גלויבן.

רבקה : עס איז ניט פויגלדיק?

צפורה : ניין, עס איז ניט. פאַרלאָזט זיך אויף מיר. עפּעס הענגט אין דער לופטן.

לאה : אָבער, אַז די פּאָליציי זאָגט אייך, אַז מען קאָן זיך אויס־טון?...

צפורה : ווער איך טון דווקא פאַרקערט. (נערוועז) דאָס געדולד קאָן דאָך פּלאַצן פון דער וואַרטעניש דאָ.

משה : (אַ ייד פון אַ יאָר פופציק. נאַכלעסיק אָנגעטון. דאָס העמד צעריסן. באָרוועס) איר זייט ערשט אַריינגעקומען און האָט שוין קיין געדולד ניט, באַלעבאָסטעטשקע?

צפורה : (גיט זיך אַ האַסטיקן קער צו אים) טאַקע, ערשט אַריינ־געקומען? און אפשר בין איך דאָ געווען פריער פון אייך?

משה : (מיט אַ געלעכטערל) יידן, איר הערט? פריער פון מיר. און ווער האָט דאָס היינט די באָד געעפנט? און וויפל פאַרשוין האָב איך שוין אַדורכגעלאָזן פאַר מיר?

צפורה : וואָס זייט איר עפּעס אַזאַ גוטער, האַ?

משה : ניט פון גוטסקייט טו איך דאָס.

צפורה : נאָר וואָס דען? (וואַרט ניט אויף קיין ענטפער) אַ היץ אַביסל! (פאָכעט זיך) אַז עס גלוסט זיך זיי גאָרניט אַרויסקריכן פון דרינען. אַרט זיי עפּעס, אַז דאָ שטייט מען און מען וואַרט? כ׳לעבן דער אַפּעטיט איז מיר שוין באַלד פאַרגאַנגען...

משה : האַלעווײַ וואָלט מיר אַזוי פאַרגאַנגען דער אַפּעטיט.

צפורה : (גיט זיך ווידער אַ קער צו אים) נאַ דיר, אָט האָסטו אים ווידער. אַז נאָר די פרעס ליגט זיי אין זינען. איך רעד דען פון עסן, רעד איך?

משה : צו וואָס דען קאָן מען נאָך היינטיקע צייטן האָבן אַפּעטיט?

צפורה : לאָזט מיך צורו... כ׳האָב געמיינט דאָס באָדן זיך, מ׳שטיינס געזאָגט, נו?

משה : צו דעם, זעט איר, האָב איך דווקא ניט אַזאַ גרויסן אַפּעטיט. וואָלט בעסער אַ דרעמל געכאַפּט אונטערן ביימל אויף רודניצקער 6.

צפורה : נו, שטערט אייך ווער?

משה : צי עס שטערט? ווייניק צרות? — האָבן מיר לייז אַ צולאָג. אַז מיר דינגען זיך ניט וועגן די אַנדערע צרות מיטן רבונו של עולם, וועלן מיר איבער דעם אוודאי ניט גיין זיך מיט אים דינגען. גלויבט מיר, יידן, איך בין מקנא אונדזער מלך, יעקב געגנס דעם ערשטן. ער, זעט איר, קאָן זיך פאַזוואָליען צו וואַשן איין מאָל אין אַ יובל זיין געגנדזענע הויט.

צפורה : אַז שינדן זאָל מען זי שוין פון אים.

1טער ייד : שאַ, מאַדאַמעטשקע, ניט שיין אַזוי צו רעדן וועגן אַן אייגענעם. וואָס איז ער קיין ייד ניט?

צפורה : אויך מיר אַ ייד.

רבקה : פאַרוואָס זאָגט איר „אויך מיר אַ ייד"? אים איז דען פריילעכער פון אונדז?

1טע פרוי : אפשר פאַרקערט.

צפורה : וואָס הייסט אפשר פאַרקערט? מיינע קינדער זאָלן האָבן אַזוי פיל מילך צו טרינקען וויפל פלעשער בראָמפן עס ווערן אויסגעזויפט ביי אים אין איין נאַכט.

לאה : טאָכטערקע, וואָס רעדסטו? דאָס גאַנצע געטאָ ליגט דאָך אויף זיין קאָפּ.

צפורה : זאָגט בעסער עס ליגט אים אין דער לינקער פאה.

רבקה : איך זאָג אייך, אז ער איז אונדזער אויסלייזער, זאָג איך אייך.

צפורה : ער האָט אייך שוין אויסגעלייזט, וואָס?

רבקה : ער וועט, איר וועט זען.

2טער ייד : בבא מעשיות. אַ בהמה כל זמן זי מעלקט זיך פירט מען ניט צום שעכטען. דאָס איז די מעשה מיט אונדז און ווייטער גאָרניט. די יעקעס ציען אַרויס פון אונדז דאָס ביסל חיות איידער זיי מאַכן אונדז פּערטיק. און יעקבל האָט ביי זיי צו זאָגן אויסגעבלאָזענע פייגן. וואָס איז ער ביי זיי, מיינט איר? אַ הונט וואָס בילט אַביסל אויף דער סטאַדע. און אַז זיי וועלן די סטאַדע ניט האָבן, וועלן זיי דעם הונט ניט ברויכן.

לאה : אַ הונט איז ער ביי אייך?... אַ פאַסטעך איז ער. גאָט זאָל אים באַלוינען פאַר דעם גוטס וואָס ער טוט צו אונדז און צו אונדזערע קינדערלעך.

רבקה : אמת. אַ טאַטע איז ער. אַ טאַטע פון אַ שטאָט יתומים.

צפורה : זאָגט בעסער אַ תליון. אָט וואָס ער איז. ווער שטייט ביים טויער און ציילט די קעפּ, ווער? אפשר איך? און ווער האָט געשיקט די פּאָליציי אָנצופירן מיט דער אקציע אין אָשמענע? און וואָס האָט ער געטון מיט די פינף טויזנט יידן וואָס ער

האָט צוגעזאָגט צו פירן קיין קאָוונע? וואו האָט ער זיי געפירט? אויף פאַנאַר האָט ער זיי געפירט.

1טע פרוי: און ווען דער דייטש טוט דאָס וואָלט בעסער געווען?

רבקה: יאָ. ווען אַן אייגענע האַנט שלאָגט טוט פאָרט ניט אַזוי וויי.

עקיבא: (אַ גרייז גרויער ייד, וואָס האָט די גאַנצע צייט זיך צוגע־הערט שווייגנדיק) ווען אַן אייגענע האַנט שלאָגט טוט דאָפּלט וויי, טוט צענפאַך וויי.

2טער ייד: אַן אייגענע האַנט, צי אַ פרעמדע. קיינער האָט ניט קיין רעכט צו זיין דער אויסמעסטער פון גאָטס שטראָף.

משה: און פאַרוואָס קומט אונדז דאָס אַ שטראָף?

עקיבא: אַן אייגענע האַנט איז גאָטס שטראָף צו פאַרמילדערן.

משה: אָבער מיט וואָס האָבן מיר זיך דאָס ביי אים אַזוי פאַר־זינדיקט?

רבקה: גענס וויל מילדערן די שטראָף. ער וויל ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך.

עקיבא: ער ראַטעוועט איינעם אויפן חשבון פון אַנדערן. דאָס איז אַן עבירה. ניט ער איז צו שאַצן וועמעס לעבן ס'איז בילכער.

ברוך: (רייסט זיך אויף פון זיין אָרט. לויפט צו צו דער גרופּע שמועסער) פון יעקבלען רעדט איר? פון דעם רציח? צו מיר קומט פרעגן וואָס ער איז און ווער ער איז.

לאה: און וואָס האָט ער אייך געטון אַזעלכעס?

ברוך: זאָל איך אייך דערציילן, באָבעשי? זאָל איך אייך דער־ציילן?

משה: און צוריקגעשמועסט האָט ער דען פון וואָס שמוציק צו ווערן אונדזער יעקבל? אַז אַ גאַנצן טאָג טראָגט מען ווייסע האַנטשן און די וועש טוישט מען ביי יעדער מאָלצייט.

לאה: (צו משה'ן) און דאָך באָדט ער זיך אוודאי מערער פון אייך.

משה: ווייס איך טאָקע ניט פאַרוואָס.

ברוך: איר ווייסט ניט פאַרוואָס? ווייל ער איז זאַט, אָנגעפרעסן...

2טער ייד : איך שטעל מיר פאָר דאָס בעדל וואָס ער מאַכט זיך. די ווייסע, זויבערע וואַנע, דאָס קלאָרע, הייסע וואַסער. אַ קראַסאַוויצע מאַכט אים מאַסאַזשן אויף דער פּלייצע... זייפט אים איין מיט ראַזער, פּאַרפומירטער זייף...

משה : אַ צווייטע קראַסאַוויצע דערלאַנגט אים דעם גוטן ווינער שניצל...

צפורה : און דעם ביטערן טראָפּן האָט איר פאַרגעסן?

2טער ייד : ווער זאָגט פאַרגעסן? ער נעמט טאַקע אַ פּאָר גלעזלעך לפני הסעודה און אַ פּאָר אחרי המעשה... און דערנאָך... דער גוטער ציגאַר...

משה : ליגט ער זיך אַזוי צעשפּרייט ווי אַ פּריץ...

צפורה : און לאָזט אַ כשרע טרער אויף זיינע אָרעמע יידעלעך נעבעך...

2טער ייד : מען שמועסט, אַז אין געטאָ זיינען פאַראַן אַטעיסטן און טעיסטן. ער איז אַ טעיסט. ער גלויבט אין דער פּאָלי־ציסטין טעא...

לאה : איר האָט זי שוין געזען אַמאָל? מען שמועסט...
(עס קומט אַריין צו לויפן אַ מיידעלע פון אַ יאָר צען. אויפן האַלדז טראָגט זי פאַרהאַנגען אַ קעסטעלע. דערויף אַ פּאָר בייגל, טייגעכצלעך, קאַרטאָפל־באָבקעס. זי לויפט צו צו צפורהן)

מיידעלע : מאַמע, קום אַהיים, מורער* איז אין געטאָ!

צפורה : מורער? (צו די אַרומיקע) נו, וואָס האָב איך געזאָגט?

רבקה : וויי איז מיר. עס הענגט שוין ווידער עפּעס איבער אונדזערע קעפּ.

לאה : יידן, וואָס זיצט איר? קומט זיך באַהאַלטן!... (לויפט אַרויס מיט קליינע טריטעלעך. אַ פּאָר אַנוועזנדיקע לויפן איר נאָך)

צפורה : (צום מיידעלע) וואו איז דער טאַטע? וואו זיינען די קינדער?

---

*) מורער — רעפערענט פאַר יידישע ענינים ביים דייטשן געביטס־קאָמיסאַר. איינער פון די געטאָ־הענקער.

מיידעלע : אין דער היים. דער טאַטע האָט מיך געשיקט נאָך דיר.

צפורה : ער האָט דיך געשיקט נאָך מיר? און וואָס וועט זיין מיט דער אַטשערע, וואָס וועט זיין? אָפּגעפּינצטערט אַ האַלבן טאָג דאָ.

מיידעלע : מאַמע!

צפורה : דער רוח זאָל דאָס נעמען. איך מוז זיך אויסבאָדן.

מיידעלע : דער טאַטע איז אַליין. ער האָט מורא.

צפורה : זאָל ער לייענען קריאת שמע...

מיידעלע : קום אַהיים... (וויינט)

צפורה : וואָס וויינסטו בהמהלע? מורער איז אין געטאָ? נו, איז וואָס? ער איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אין געטאָ? איך האָב געזאָגט איך באָד זיך היינט. דו הערסט? עס מעג דונערן און בליצן. מורער מעג זיך אויפן קאָפּ שטעלן... נו ווייז אקאָרשט אהער וואָס דו האָסט היינט געלייזט... וויש אויס די אויגענעס און אַן עק זאָל עס נעמען.

מיידעלע : מאַמע, איך בעט דיך אַזוי...

צפורה : האָב ניט קיין מורא, נשמה מיינע, ווייז אַהער דאָס בייטעלע.

משה : (דערנענטערט זיך צו זיי) זאָג נאָר, טאָכטער, קאַרטאָפּל באָבקעס זיינען ניט פאַראַן ביי דיר?

צפורה : וואָס הייסט ניט פאַראַן? נעמט נאָר, פאַרזוכט. (דערלאַנגט אים אַ באָבקע) די בעסטע קאַרטאָפּל־באָבקעס אין געטאָ. גיט אַהער אַ מאַרק.

משה : אַ נו, ווייז אַהער נאָך אַ צוויי, דריי, טאָכטערשי.

צפורה : (פאַרפּאַקט די באָבקעס) עסט געזונטערהייט. פיר מאַרק. אפשר נעמט איר שוין צו די לעצטע צוויי אויך? מורער איז אין געטאָ. טאָמער דאַרף מען זיך חלילה באַהאַלטן...

משה : טאָמער דאַרף מען חלילה גיין אויף פּאָנאַר זאָל זיין מיט וואָס דאָס האַרץ אונטערצולענען. ניט אַזוי?

צפורה : (צום מיידעלע) זעסט, נשמה מיינע, קאָנסט דערווייל אַרומגיין צווישן די מענטשן און איינגעמען אַ פּאָר גראָשן...

מיידעלע : איך וויל ניט.

משה : (שטופנדיק די באַבקעס אין קעשענע) ניט געראָטן אין דער מאַמען, וואָס?

צפורה : אַ קינד נעבעך... (צום מיידעלע) גו שוין, צעקראַכענע מירל, געגאַנגען זאָל ווערן.

מיידעלע : (נעמט אַרומגיין צווישן די בענק. זינגט) קויפט געטאָ־בייגעלעך, קליינע ווי אייגעלעך... ווער קויפט צוקערקעס, איריסן? דריי רובל אַ שטיק? ווער קויפט באַבקעס, טײ־געבצלעך, ווער קויפט?!!

משה : (צוריקקומענדיק צו זיין אָרט) איר הערט, יידן, (לאַכט) איך וואָלט אַ בעלן געווען צו זען ווי ער, דער מלך היהודים בירושלים דליטא באַגעגנט זיך אַמאָל מיט אַ לויז. למשל מיט איינער פון מיין קאָלעקציע. (קראַצט זיך. דערנעבן זיצנדיקע רוקן זיך אָפּ) וואָס האָט איר זיך געגעבן אַזאַ רוק אָפּ, האַ? איר האָט נאָך „זאָ וואָס" ניט געזען? מאַכט זיך ניט אַזוי איידל, מאַמעלעך. ווער קאָן זיך דאָ אין געטאָ פאַרפּוצן? אדם נאַקעט גייט דאָך איינער פאַרן צווייטן. ווער בלויז מיט אַ פאַרלויזטן גוף און ווער נאָך מיט אַ פאַרלויזטער נשמה דערצו.

רבקה : נשקשה. האַלטן זיך ווי אַ מענטש קאָן מען דאָ אויך.

משה : אָ, ווי אַ מענטש! איין קלייניקייט. ווי קען מען זיך האַלטן ווי אַ מענטש, אַז עס איז ניטאָ מיט וואָס די אוממענטשלעכ־קייט צו פאַרשטעלן? אדרבא, זאָגט מיר, וויפל מענטשן האָט איר דאָ אין געטאָ? אפשר איינעם אויף טויזנט. און אומ־מענטשן? אויף איינעם — טויזנט. און צוריקגעשמועסט, וואָס איז מיר שוין די גאַנצע מענטשלעכקייט וויכטיק?

רבקה : איר וועט דאָך מיר ניט איינרעדן, אַז מען קאָן זיך ניט האַלטן ריין אין געטאָ. וואַסער פעלט נאָך דערווייל ניט.

משה : מיר וועלן שוין ווידער געהאָלפן מיט וואַסער. משה רבנו האָט אויך געראַטעוועט די יידן דורך וואַסער.

עקיבא : רעדט ניט סתם אין דער וועלט אַריין, רב ייד.

משה : וואָס אַרט אייך, אַז איך רעד? און אפשר וועט איר מיר טאַקע זאָגן צוליב וואָס פאַר אַ תכלית ער האָט אונדז פון מצרים אַרויסגעשלעפּט. אונדזער משהלע? צוליב וואָס האָט ער פאַר אונדז דעם ים געשפּאָלטן? צוליב וואָס האָבן מיר די תורה באַקומען? צוליב וואָס האָט מען זיך מיט אונדז גערייצט און אויף אַ ווײַלע אַ גוט לאַנד געוויזן... אַ לאַנד פון מילך און האָניק? האַ? צוליב וואָס? אַדרבא, זאָגט מיר?... איר ווייסט צוליב וואָס? כדי מיר זאָלן זיין אַ כפרה־הינדל פאַר דער וועלט. אַ שטאַרק, פאַרעקשנט כפרה־הינדל, וואָס לאָזט זיך ניט קוילן און ווערט כסדר אויפדאָסניי געקוילעט. מיר ברענען אויף די פייערן און ביי די פלאַמען וואַרעמען זיך אונדזערע שכנים, וואַרעמט זיך די וועלט. האַלעוויי וואָלט משה דעמאָלס זיין שטעקן צעבראָכן, האַלעוויי וואָלט דער ים־סוף געמאַכט פון אונדז דעם אמתן סוף. מיר וואָלטן זיך אויסגעבאָדן אין אים איין מאָל פאַר אַלעמאָל אויף גוט, אויף אייביק און אויסגעמיטן הונדערטער מיט הונדערטער יאָרן פון צרות און בזיונות...

עקיבא : איר רעדט ערנסט, רב ייד?

משה : חלילה, ס'איז בלויז אַ וויץ ביי מיר. אַ געשמאַקער וויץ, אמת?

עקיבא : איר ווילט איך זאָל אייך ענטפערן אויף אייערע שאלות? און אַז איך וועל שוין ענטפערן, פון וואַנען ווייס איך, אַז מיין ענטפער איז דער ריכטיקער? ווער ווייס צוליב וואָס פאַר אַ תכלית מיר ווערן כסדר דערהאַלטן ביים לעבן? ווער ווייס צוליב וואָס דער מענטש איז בכלל באַשאַפן געוואָרן? גאָט האָט געזאָגט: „יש מאין אברא” — איך שאַף די וועלט פון גאָרניט. קומט דער מענטש און פאַרוואַנדלט די וועלט אין גאָרניט. טאָ וואו איז דער שכל דערפון?

משה : דאָס איז דאָך מיין געשריי. וואו איז דער שכל דערפון?

עקיבא : פאַרוואָס מיר זיינען דאָ וועלן מיר אפשר קיינמאָל ניט וויסן. אָבער בעת מיר זיינען דאָ איז דער אויסוואַל פריי.

הרשות נתונה. מיר ליידן און זיינען שטאַרקער פון אונדזערע ליידן. און ווייל עס איז אַזוי זעען מיר דערין אַ שליחות.

**משה** : אוודאי. וויפל דורות צאָלן מיר שוין פאַרן כבוד צו זיין גאָטס שליחים? (לאכט ביטער) און וואָס האָבן מיר אויפגעטון? די ערד איז דורכגעזאַפּט מיט אונדזער בלוט פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערן... יאָ, מיר האָבן אויפגעטון. מיר האָבן באַמיסטיקט זייערע פעלדער. אַ דאַנק אונדזער בלוט וואַקסט זייער תבואה בעסער...

**עקיבא** : אמת, אמת. די וועלט איז טאַקע אַ בייזע און די שכנים זיינען אונדזערע שונאים. אָבער די וועלט איז אונדזער וועלט אַזוי ווי זי איז. ניטאָ קיין אַנדערע און די שכנים זיינען אונדזערע שכנים אַזוי ווי זיי זיינען... איר רעדט מיט שנאה וועגן זיי, עס ווערט אייך עפּעס לייכטער דערפון?

**משה** : איך וויל וויסן פאַרוואָס עס קומט אונדז אַזאַ גורל. פאַרוואָס ווערן מיר געשליידערט פון גאָטס האַנט אין טייוולס האַנט? איינער שלעפּט אַרויף, דער אַנדערער שלעפּט אַראָפּ. איינער זאָגט צו משיחן און דער אַנדערער פירט אויף פּאַנאַר. דער ציט אַהין און יענער שלעפּט אַהער און בינתים ווערן מיר צעריסן אויף שטיקער. פאַרוואָס קומט אונדז דאָס? זאָגט מיר פאַרוואָס?

**עקיבא** : די וועלט האָט איין איינציקן וועג פאַר זיך. און וועט זי אים ניט אויסקלויבן וועט זי סייווי אונטערגיין. פריער צי שפּע־טער. מיט אונדז, צי אָן אונדז.

**משה** : יאָ, יאָ, און וואָס איז דער וועג, אפשר וועט איר מיך קלוג מאַכן?

**עקיבא** : ישעיהס חלום.

**משה** : (שפּאָטיש) און עס וועט זיין אין סוף פון די טעג... די שווערדן וועלן איבערגעשמידט ווערן אין אַקער־אייזנס...

**עקיבא** : אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט מער ניט מלחמה פירן.

משה : (לאַכט ביטער) אָט זיינען מיר דאָך שוין ביים סוף פון די טעג. מיר, די בני ישראל פון ווילנע שטייען דאָך שוין מיט איין פוס אויף פאָנאַר און דער צווייטער האַלט ביי אונטערקומען. (שטעלט זיך אויף) פון וועמען מאַכט איר חוזק, פון וועמען? שיינע ריידעלעך! דאָס איז גוט געווען אויף דער פריי. ניט דאָ. און די גאַנצע תורה אייערע ווער דאַרף זי און ווער ברויך זי איצטער?

לאה : (צו משהן) איר רעדט עפּעס גאָרניט ווי אַ ייד, טייערינקער.

משה : (אויפגערעגט) וואָס דען רעד איך, ווי אַ טערק?

לאה : אַ מענטש דאַרף זיך קענען האַלטן, בפרט אַ ייד.

משה : איך האַלט מיך דען ניט? (איראָניש) אוי האַלט איך מיך...

לאה : אַ ייד דאַרף קענען... אַ ייד דאַרף...

משה : יאָ, יאָ, באַבעשי, אויף דער וועלט שלאָגט מען מיך ווייל איך בין אַ ייד. אויף יענער וועלט וועט מען מיך שלאָגן ווייל איך בין ניט קיין ייד. (גייט לאַנגזאַם צו צו די יינגלעך, פאלקע און שלומקע, וואָס זיינען נאָך אַלץ פאַרטון אין זייער שפּיל. אַ שמערצפולער שמייכל שפּילט אויף זיינע ליפּן)

שלומקע : און איצטער זע איך אַ קו. אַזאַ גרויסע קו האָב איך נאָך אין מיין לעבן ניט געזען.

פאלקע : איך אויך ניט.

שלומקע : קום, לאָמיר זייגן פון איר.

פאלקע : זייגן, האָסטו געזאָגט?

שלומקע : יאָ, לאָמיר זיין דער קוס קעלבלעך.

פאלקע : טאַקע. מיר זיינען דער קוס קעלבלעך. מיר האָבן אַזוי פיל מילך...

שלומקע : גיב נאָר אַ קוק דאָס פעלד אַביסל. גרויס... פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערן.

פאלקע : און קיין מענטשן זיינען ניטאָ.

שלומקע : קיין איין מענטש ניט. בלויז פייגל און הינט און וועווריקעס און פערד און לאָשיקלעך.

פאַלקע : און גענדז און הינער...

שלומקע : דו זעסט ווער עס קומט אַהער צו אונדז?
פאַלקע : ווער?
שלומקע : זעסט ניט? אַ בין.
פאלקע : זי קאָן נאָך געבן אַ ביס.
שלומקע : אונדז וועט זי ניט בייסן.
פאלקע : פאַר אינדז ברענגט זי אפשר האָניק?... (קינדער שמייכלען פאַרחלומט. צפורה, וואָס שפרייזט אויף און אָפּ איבערן זאַל פאַרהאַלט זיך נעבן אַ יונגער פרוי וואָס לייענט אַ בוך)
צפורה : (אַנווייזנדיק אויף דער יונגער פרוי) אין דאָ לייענט מען נאָך ביכער, האַ? די וועלט עקט זיך און זי לייענט.
1טע פרוי : איך זיץ און וואונדער זיך טאַקע. ווי קען מען דאָס היינטיקע צייטן נאָך האָבן געדולד צו ביכער.
צפורה : האָט אוודאי אַ קוימענקערער אין דער משפחה.
2טע פרוי : אָדער אַ פּאָליציסטל.
1טע פרוי : אויף אַ ליידיקן מאָגן זיצט זי דאָ זיכער ניט.
משה : (אונטערקומענדיק) און פון וואַנען ווייסט איר דאָס אַלץ אַזוי גענוי, באַלעבאָסטעטשקעס מיינע?
1טע פרוי : אוודאי, אַ בויך האָט ניט קיין פענצטער און אַריינקוקן אין אים קאָן מען ניט. אָבער ווער עס האָט היינטיקע צייטן אַ געדולד צו ביכער מוז האָבן אַ געדולדיקן מאָגן און אַ געדולדיקער מאָגן איז ניט ליידיק.
צפורה : (אַריינשרייענדיק דער יונגער פרוי אין אויער) איר האָט געהערט, מאַדאַמעשי, מורער איז אין געטאָ!
יונגע פרוי : (הייבט אויף דעם קאָפּ) אַ שיינעם דאַנק פאַר דער גוטער בשורה.
צפורה : איר קאָנט זיך נאָך אַמאָל פאַרלייענען.
יונגע פרוי : איך וועל האָבן אויפגעטון אַזוי פיל וויפל איר.
משה : (צו יונגער פרוי) נעמט זיך ניט איבער, דושינקע מיט זייערע רייד. דאָס געטאָ איז אַ פּאָדער־הויז אין גן־עדן

אריין. דערפאַר קריכט דאָ איינער דעם צווייטן אין דער נשמה אַריין מיט די ברודיקע שיך.

יונגע פרוי: ווער נעמט זיך איבער מיט זייערע רייד?

משה: און וואָס לייענט איר דאָס אַזעלכעס, אויב מען מעג וויסן?

יונגע פרוי: וואָס איך לייען? פון אַן אַנדער לעבן לייען איך. פון פרייע מענטשן אין פרייע שטעט. פון גאַסן וואָס ענדיקן זיך ניט מיט קיין מויער... און די וואָס גייען דורך די גאַסן באַמערקן נאָך איינער דעם צווייטן. זיי קענען נאָך פילן. זיי האָבן נאָך הערצער, זיי זיינען נאָך מענטשן. ווען איך לייען פאַרגעס איך זיך...

משה: אַז וואויל איז אייך.

יונגע פרוי: (ווייזט אויף די פרויען אַרום) זיי האָבן מורא זיך צו פאַרגעסן. א שאָד זיי דער שמוץ, וואָס רינגלט אונדז אַרום. זיי קייען אים איבער נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. און זעט נאָר ווי זיי קוקן דאָס אויף מיר. איר ווייסט פאַרוואָס זיי האָבן מיך פיינט? ווייל איך טו ניט דאָס זעלבע וואָס זיי. ווייל איך נעם ניט אָנטייל אין זייער אויסגעדראָשענעם ווייבערישן גערעדעריי. ווייל איך האָב נאָך כוח צו אַנטלויפן פון געטאָ און פון זיי אַלעמען. ווייל איך קען זיך נאָך אַביסל פאַרגעסן.

3טע פרוי: ווי, ווי ווי זי האָט זיך דאָס צעזונגען. ווער פאַרגינט אייך ניט? פאַרגעסט זיך, פאַרגעסט זיך געזונטערהייט!

משה: לאָזט זי צורו, ווייבערלעך, לאָזט זי צורו.

1טע פרוי: ווער לאָזט זי דען ניט צורו?

משה: (צו יונגער פרוי) איר ווייסט נאָך וואו איר האַלט, דושינקע?

יונגע פרוי: איך ווייס שוין ניט וואו איך האַלט...

2טע פרוי: אַמאָל האָב איך אויך געלייענט ביכער.

3טע פרוי: ווער האָט דאָס אַמאָל ניט אַריינגעקוקט אין אַ ביכל?

1טע פרוי: איר געדענקט? אַמאָל זיינען דאָך געווען ספּעציעלע ביכער פון קאָכן. קאָך־ביכער. צו וואָס האָט מען עס גענדאַרפן, האַ? ביי אַזוי פיל עסן איז אַ קונץ צו קאָכן? היינט, זעט

איר, וואָלט צונויץ געקומען אַ קאָך־בוך. אַזאַ בוך וואָלט איך אַפילו היינט געלייענט.

**משה** : (צו 1 ייִד) איי, די ווייבער, די ווייבער. מען דאַרף פון זיי אַנטלויפן וואו דער פעפער וואַקסט. איר ווייסט ווען איך קום אין שטוב אַריין? צום שלאָפן גיין קום איך.

**צפורה** : (שפרינגט אים אַריין אין די רייד) קוקט מיר אָן דעם פריץ! צום שלאָפן גיין קומט ער זיך אַהיים. איר ווייסט וואָס מיין אַלטער טוט אַצינדער?

**משה** : ער קאָכט די וועטשערע.

**צפורה** : זאָלט איר טאַקע וויסן. צוליב וואָס דען איז מען מאַן און ווייב, האַ? (איבערגעבראָכט) צום שלאָפן גיין קומט ער זיך! און דאָס ווייב? צרות ווי האָלץ האָט זי אוודאי, אָבער מיט וואָס איינצוהייצן דעם אויוון גלויב איך ניט זי זאָל האָבן. יאָ, ווער עס איז זי מקנא און ווער עס איז איערע קינדער מקנא...

**משה** : איך בין זיי שוין דווקא יאָ מקנא. מיין ווייב און מיינע קינדערלעך. אויף פאָנאר שלאָפן זיי. גאַנצע זיבעציק טעג שוין... זומער־וואַקאַציעס האָבן זיי, פאַרשטייט איר מיך. פייגעלעך זינגען זיי צו, אַ ווינטל בלאָזט מילד, מחיהדיק... ניטאָ קיין שיינען געלע, צי בלויע, צי ראָזע... ניטאָ קיין פחד... אַלץ ברוך השם איבערגעקומען... שאַ... שטיל... און אַראָפּ פון מאַרק... (פון די באָד־צימערלעך דערהערט זיך אַ געזאַנג

**שטימע** : איך וויל נאָך איין מאָל זען מיין היים,
צי ס׳איז נאָך אַלץ דאָרט ווי געווען,
אָט דאָ דער פאַרקאַן, אָט דער בוים,
אָט דאָ — דער דאַך, וואָס זעט זיך קוים,
מיין אָרעם היים...

**משה** : (צו עקיבאַן) ווי גייט עס דאָרט, האַ? הייליק ביי גאָט איז ישראל, ראשית תבואתה, דאָס ערשטע פון זיין תבואה...

דאָס ערשטע צום שניט, צו דער קאַסע, פאַרשטייט איר מיך...

**שטימע**: (זינגט) אַ, וויפל בענקשאַפט, וויפל חן
פאַרמאָגט מיין מאַמעס אָרעם היים,
ס׳מעג זיין פון שטרוי, ס׳מעג זיין פון ליים —
איך בענק אַהיים...

**משה**: מיין שמוליקלען האָט זיך פאַרגלוסט עפּעס אַריינצושמוגלען אַ שעה פאַר דער אַקציע. פאַר טאַטע־מאַמע זיך מקריב געווען... מורער האָט אים באלד ביים טויער פארקאַטע־וועט... (שווייגן) דאָס גליק איז ווי אַ שנירל פערל. רייסט זיך אָפּ איינע, צעשיטן זיך די איבעריקע... א פּאָר שעה שפּעטער בין איך שוין געווען אָט אַזוי ווי איר זעט מיך איצטער. אַ ווייב מיט פינף קינדערלעך. פינף ליכטיקע גרינע זאַנגען... אָפּגעהאַקט מיט דער קאַסע. (שווייגן) איר באַדויערט מיך? וואָס איז מיך דאָ צו באַדויערן? אדרבא, וואָס פעלט מיר דען? איך בין מיר געוואָרן אַ פאַצעטל צו מיינע פופציק יאָר. פרעמדע מענער און ווייבער שלאָפן אין דעם בעט וואו איך האָב מיט מיין איטען צוואַנציק יאָר געחלומט. פרעמדע ווייבער קאָכן אויף מיין קיך די וועטשערעס פאַר פרעמדע קינדער. איך האָב זיי אַליין אַריינגענומען און איצטער בין איך ביי זיי ווי אַן אומגעבעטענער אורח. און אַן אומגעבעטענער אורח, ווייסט איר דאָך, איז ווי אַ קאַליע געוואָרענער זייגער. אַלע ווילן ער זאָל נעמען גיין און ער שטייט און רירט זיך ניט פון אָרט. און גיין וואָלט איך גראָד געדאַרפן גיין דעם אמתן גאַנג, פאַרשטייט איר מיך... נאָר וואָס?... דער מענטש איז אַ פּחדן... (ער נעמט אַרויס פון קעשענע די קאַרטאָפל־באַבקעס און פאַקט זיי אין מויל אַריין איינע נאָך דער אַנדערער. צו די אַרומיקע) איר מיינט איך עס? איך ווייס אַפילו ניט וואָספאַראַ טעם די באַבקעס האָבן. דאָס פייער וואָס ברענט אין מיר אָט דאָ... דאָס פייער פאַרשלינגט זיי.

אוי, ווען מען קען אַזוי פאַרדישען דאָס פייער... אָן עק מאַכן צו דער חיה... עס איז מער גאָרניט געבליבן ווי די חיה...

עקיבא : עס דוכט זיך אייך.

משה : ווען איך קען אַזוי...

עקיבא : איר ווילט צוהעלפן דעם דייטש?

משה : גייט שוין גייט, ער גיט זיך דען מיט אונדז ניט קיין עצה, דער דייטש? עס קומט אים עפּעס אָן צו שווער?

עקיבא : מיט אַ לעבן קען מען נאָך עפּעס אויפטון.

משה : אוודאי קען מען. מען קען נאָך אַ ווייבל נעמען, קינדער האָבן...

עקיבא : דאָס גראָד ניט.

משה : וואָס דען אַ שטייגער למשל?

עקיבא : למשל טון פאַר אַנדערע.

משה : (לאַכט ביטער) אַ באַרימהאַרציקע שוועסטער גייט איר מאַכן פון מיר? וואָס גייען מיך אָן אַנדערע, אַז איך אַליין גיי מיך ניט אָן? אם אין אני לי, אין גם אתה לי... אויב איך האָב קיין איך ניט האָב איך אויך קיין דו ניט. און ווען מען זאָל איך העלפן אַ שטייגער למשל? די אַנדערע זיינען דען ניט אויסגעשפּילטע פּונקט ווי איך? אַ פראַגע פון צייט נאָר רב ייד, איינער פריער, איינער שפּעטער...

עקיבא : מען דאַרף האָבן בטחון.

משה : וואויל איז אייך, אַז איר האָט אים.

עקיבא : אַפילו ווען מען האָט ניט קיין בטחון האָט ס׳לעבן נאָך אויך אַ ווערט.

משה : למשל?

עקיבא : מען קען עס אַוועקגעבן פאַר אַ טייערן פּרייז.

משה : נקמה?

עקיבא : לאָמיר זאָגן.

משה : גייט שוין, גייט. וואָס קאָן מיר נקמה העלפן? זי וועט מיר אויסהיילן מיינע וואונדן?

עקיבא : נקמה היילט ניט קיין וואונדן.

משה : וואָסזשע דען?

עקיבא : אַ מוסר ענין.

משה : אַזש אַזוי ווייט?

עקיבא : אַזש אַזוי ווייט. און דער צווייטער טייל פון אייער פסוק איז... כל אכליו יאשמו. די וואָס ווילן אונדז אויפפרעסן וועלן פאַרוויסט ווערן. מיר וועלן זיי בלייבן שטעקן ווי אַ ביין אין האַלדז. און ווייסט איר ווען אַ ביין בלייבט שטעקן אין האַלדז? ווען ער לאָזט זיך ניט אַזוי גלאַטיק אַראָפּשלינגען... אויב עפּנען זיי ניט די אויגן מוזן מיר זיי די אויגן אויפרייסן.

משה : מיט וואָס אַ שטייגער ווילט איר זיי אויפרייסן די אויגן?

עקיבא : מיט אונדזערע פויסטן.

משה : אוי, ניטאָ ווער עס זאָל לאַכן, אונדזערע פויסטן!

עקיבא : אַ פּאַטש פון אַ קליינער האַנט קאָן אויך אַ מאָל ווי טון.

משה : ווערן פאַרקאַטעוועט פון שמיץ, אָבער דעם שמייסערס האַנט זאָל געשוואָלן ווערן. דאָס מיינט איר?

עקיבא : און ווען אַפילו דאָס?

משה : איר טרייסט זיך מיט האַרץ חלשות.

עקיבא : איך טרייסט זיך גאָרניט. די מעשה פון וואַרשעווער געטאָ האָט איר געהערט?

3טע פרוי : (צו אירע שכנות) מען רעדט שוין דאָרט ווידער פון וואַר־שעווער געטאָ.

2טע פרוי : דאָס אומגליק זאָל אונדז נאָר דאָ ניט טרעפן.

1טע פרוי : איר ווייסט דען וואָס דאָרט האָט זיך געטון? לעבעדיקערהייט איז מען דאָך געשפּרונגען פון די פענצטער. ניט געוווען זיך וואו צו ראַטעווען.

צפורה : ווען איך בין דאָרט וואָלט איך זיך שוין געראַטעוועט.

רבקה : וואָס וואָלט איר געטון?

צפורה : ווייס איך דאָ וואָס איך וואָלט דאָרט געטון? דאָ ווייס איך שוין וואָס צו טון. פאַרלאָזט זיך אויף מיר.

3טע פרוי: וואַרשע. איין קלייניקייט. אַ שטאָט מיט יידן געוועזן...

ברוך: זיי זיינען כאַטש אוועק מיט כבוד.

צפורה: כבוד שמאָוועד. ביי מיר איז בילכער אַ ייד אָן אַ באָרד, איידער אַ באָרד אָן אַ ייד. לעבן דאַרף מען. ראַטעווען זיך דאַרף מען און ניט קריכן דעם רציח אין די נעגל אַריין.

ברוך: עס מוז זיין לייכטער צו שטאַרבן ווען מען שטייט און מען קעמפט. מען פילט אפשר דעמאָלס גאָרנישט, אַז מען שטאַרבט.

צפורה: איך וויל ניט שטאַרבן.

ברוך: מען רעדט דאָך ווען קיין אויסוועג איז ניטאָ.

צפורה: כל זמן מען לעבט איז דאָ אַן אויסוועג. מאַלינעס* דאַרף מען בויען. אונטער דער ערד אַרונטערקריכן דאַרף מען. ווי ווערים לעבן. אַבי ניט לאָזן זיך. אַבי איבערוואַרטן.

רבקה: איר רעדט ווי ניט קיין היגע.

צפורה: אוודאי רעד איך ווי ניט קיין היגע. וואָס טוען די היגע? קריכן דעם טייוול אין פיסק אַריין. ווי בהמות גייט מען אים אַנטקעגן.

רבקה: איך איז לייכט צו זאָגן, ווייל ס'האָט אייך אָפגעגליקט. איר האָט נאָך אַ מאַן און קינדערלעך.

צפורה: זיי זאָלן מיר לעבן און געזונט זיין... איך וועל זיי האָבן אויך. איר וועט זען. איך לאָז זיך ניט. מיר לעבן אויף אַ ברויזנדיקן וואַסער. פון איין שטיין צום אַנדערן שפרינג איך. אַזוי מוז מען. ניט לאָזן זיך מיטרייסן מיט די כוואַליעס. פון איין טאָג צום אַנדערן ציען, וועט מען אפשר דערלעבן צוצוקומען צום ברעג. דער רציח קאָן איינגעמען אַ וויסטע מפלה איבער נאַכט. דער מלאך המות אונדזערער קאָן אַוועק־פגרן. ווייס איך וואָס עס קאָן פאַסירן?... מען קען אויפשטיין אין אַ שיינעם העלן טאָג און זיין פריי...

1טע פרוי: אוי, טאַטעלע אין הימל, זיין פריי! (אַרומיקע זיפצן אָפּ פאַרחלומט)

---

*) מאַלינע — באַהעלטעניש.

**ברוך** : (מיטאַמאָל אויפגעמונטערט) זי איז גערעכט... מיר וועלן זיין פריי גאָר אין גיכן.

**1טער ייד** : איר האָט געהערט עפּעס נייעס?

**ברוך** : פון איינעם וואָס האָט אַליין אַ קעסטל.*

(עס קומט אריין לאה, די אלטעטשקע. זעצט זיך אוועק. כליפּעט שטיל).

**1טע פרוי** : (צו לאהן) וואָס זייט איר צוריקגעקומען? שוין שטיל אין דרויסן?

**לאה** : (כליפּענדיק) אויף קינדער דאַרף מען בעטן, האָ? פאַרמאַכט זיך אין דער מאַלינע און אויף דער אַלטער מאַמען ניט געוואַרט.

**רבקה** : מען גייט טאָקע אין די מאַלינעס?

**מיידעלע** : (צו צפּורהן) מאַמע, קום אַהיים, איך האָב מורא...

**1טער ייד** : (צו ברוכן) לאָמיר אַקאָרשט הערן די גוטע נייעס איידער מען גייט זיך באַהאַלטן?

**ברוך** : (דערשראָקן) איך מוז אַהיימגיין.

**2טער ייד** : זייט ניט אַזוי צעקאָכט. מען כאַפּט אייך נאָך ניט אויף.

**1טער ייד** : נו, לאָמיר שוין הערן אַ יידיש וואָרט.

**ברוך** : (פאַרלעגן) די רוסן גייען אויפן בוג.

**1טער ייד** : וואָס? שוין אויפן בוג? (צו די אַרומיקע) יידן, איר הערט?

**ברוך** : (דערוואַרעמט) און דאָס איז נאָך ניט אַלץ...

**2טער ייד** : וואָס נאָך? נו, נו, דערציילט.

**ברוך** : די אַליאירטע מאַכן אַ דעסאַנט.

**לאה** : (ווישט אויס די אויגן) אַ וואָס?

**צפּורה** : איר האָט דאָך געהערט. אַ סעדאַנט. איר ווייסט ניט וואָס אַ סעדאַנט איז?

**לאה** : פון וואַנען זאָל איך וויסן? פאַר מיינע צייטן זיינען ניט געווען קיין סעדאַטן, נאָר האַרמאַטן.

**1טער ייד** : איך וועל אייך זאָגן, באַבעשי, דאָס מיינט אויף מאַמע־לשון, אַז אונדזערע זעצן ארויס מיליטער גלייך אין דייטשלאנד אריין.

---

*) אַ קעסטל — אַ ראַדיאָ.

**לאה**: אוי, אַ געזונט אויף אייך. מיין איידעם זאָל דאָס הערן...

**צפורה**: אזוי ווי איך וועל זען די יעקעס ציען ארויס, ווייסט איר וואָס איך וועל טון? כ׳וועל זיך פּאַקן אין בעט אַריין און שלאָפן. איין מאָל פאַר אַלעמאָל זיך אויסשלאָפן אָן אַ פּחד, אַז ס׳קאָן דערווייל עפּעס געשען.

**3טע פרוי**: און איך וועל נעמען אַ פּריש, רונדיק ברייטל, אַוועקלייגן אויפן טיש אַ מעסער און זאָגן: נאַט, קינדערלעך, עסט וויפל איר ווילט... איר געדענקט נאָך דעם טעם פון אַ פּאַרמלחמהדיקן שטיקל ברויט?

**משה**: און דעם טעם פון אַ פּאַרמלחמהדיקן שטיקל געבראָטנס געדענקט איר? די סלינע קומט דאָך אין מויל אַריין ביים בלויזן דערמאָנען זיך.

**2טער ייד**: וואָס דאַרפט איר רעדן אַזוי ווייט? אַפילו דאָס פּאַרמלחמה־דיקע גלעזל טיי האָט דאָך אויך אַן אַנדערן טעם געהאַט. די לעמענע, די קלעצלעך צוקער...

**לאה**: און דעם אַמאָליקן שבת געדענקט איר נאָך, קינדערלעך? די ווייסע טישטעכער, די פינקלענדיקע לייכטער, דער שבתדיקער קידוש...

**משה**: און דער שבתדיקער טשאָלנט...

**3טע פרוי**: איך שטעל מיר עפּעס שוין גאָרניט פאָר.

**צפורה**: לאָמיר נאָר האַלטן דערביי, דערלעבן די שעה...

**משה**: וואָס דען? איידער ס׳גראָז וועט אויפוואַקסן, וועט ס׳פערדל אַוועקפגרן.

**עקיבא**: (צו משהן) גלויבט מיר, רב ייד, איר וואָלט בעסער געטון ווען איר שווייגט.

**משה**: וואָס זאָג איך דען אַזעלכעס?

**עקיבא**: אַזעלכעס וואָס קאָן קיינעם קיין גוטס ניט טון.

**משה**: איך ווייס ניט וואָס איר ווילט.

**עקיבא**: גאָרניט. האַלט זיך אייער תורה און נעמט ניט צו ביי די מענטשן דאָס ביסל בטחון.

**משה** : בעסער דער ביטערסטער אמת איידער דער זיסטער ליגן.

**עקיבא** : האַלט אייך אייער אמת פאַר זיך. אַז איר קאָנט מיט אים קיין גוטס ניט אויפטון איז עס קיין אמת ניט. וואָס זאָגט איר זיי צו? אַז זיי וועלן אומקומען? דערווייל ברענגט איר מיט אייערע רייד זיי שוין אום.

**משה** : יאָ, יאָ, ווי גייט דאָס ווערטל? דער אמת איז ווי אַ רעגן. אַלע זיינען נייגעריק אויף אים. נאָר טאָמער קומט ער, אַנטלויפט מען וואו דער פעפער וואַקסט.

**עקיבא** : אויף אייער אמת איז קיינער ניט נייגעריק. איך למשל האָב מיר אַן אַנדערן אמת. איך זאָג, אַז מיר זיינען אַן אַלט אויס־געשמידט שטיקל שטאָל, וואָס אַ סך האַמערס זיינען אויף אים צעבראָכן געוואָרן און דער האַמער וועט האָבן דעם זעלבן סוף. מיט אייער אמת קומט אויס זיך לעבעדיקערהייט צו באַגראָבן. מיט מיינעם, קאָן מען כאָטש לעבן דערווייל און אפשר עפּעס אויפטון אויך.

**משה** : איר זייט מיר אַ גאַנצער אויפטוער, זע איך.

**1טע פרוי** : אונדזער אומגליק איז נעבעך אַזוי גרויס.

**2טע פרוי** : און מיר זיינען נעבעך אַזוי קליין.

**לאה** : שוואַכער פון אַ פליג.

**עקיבא** : אָבער שטאַרקער פון אייזן.

(געטאָ־מאָטיוו לעבט ווידער אויף. עס קומען אַריין צוויי מיידלעך, שרקה און פריידל. זיי זיינען אַרומגעוויקלט מיט קאָרסעטן פון אַריינגעשמוגלטער סחורה. דערפאַר זעען זיי אויס דיק און אַביסל אומגעלומפּערט)

**פריידל** : (בלייך, קוים זי גייט. צו שרקהן) קום אַרויס. מיר טאָרן דאָ ניט זיין.

**שרקה** : (שלעפּט זי אַוועק אין אַ זייט) מיר וועלן אַראָפּציען די פּעקלעך וועט ווערן לייכטער.

**פריידל** : ניין, קום.

**שרקה** : זעסט ניט וואָס דרויסן טוט זיך? וועסט אַוועקפאַלן אין גאַס וועט זיין בעסער? (מיידלעך פאַרשווינדן אין אַ ווינקל)

1טע פרוי : (נאָכקוקנדיק די מיידלעך) אַז דער שמוגל גייט, הייסט, עס איז נאָך ניט אַזוי שלעכט.

2טע פרוי : האָבן זיך גוט אונטערגעפּוטערט. איר האָט געזען די בייכער? (מיידלעך קומען אָפּער מיט טאָרבעס אין די הענט)

3 פרוי : (צו די מיידלעך) וואָס הערט זיך ביים טויער?

שרקה : ניט גוט. מורער איז נאָר וואָס אָנגעקומען. (צו פריידלען) נו, דו פילסט זיך לייכטער?

פריידל : יאָ. קום שוין.

שרקה : שפּאָר זיך צו אויף אַ רגע. עס וועט גאָרניט געשען. איך שווער דיר. (צווינגט פריידלען זיך צו זעצן)

משה : (צו די מיידלעך) וואָס האָט איר עפּעס איינגעהאַנדלט אין שטאָט, קראַסאַוויצעס מיינע?

שרקה : און וואָס גייט דאָס אייך אָן?

משה : איי, ניט שיין אַזוי צו רעדן צו אַן עלטערן מענטשן. ווען איר וואָלט גערעדט אַביסל לייטישער וואָלט איך ביי אייך עפּעס געקויפט.

שרקה : מיר האַנדלען ניט.

משה : ווער וויל מיט אייך האַנדלען? איך וויל בלויז עפּעס קויפן, דושינקע.

פריידל : (צו שרקהן) איך האָב ניט קיין געדולד...

שרקה : און איך האָב געמיינט, אַז דו ווייסט ניט וואָס פּחד איז...

פריידל : וואָס, איך לעב ניט אין געטאָ?

שרקה : האָסט קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן.

פריידל : גראָד איצט, זעסטו איז עס ניט געווען פון פּחד נאָר פון פרייד. כ'האָב געזען מיין ברודער אַריינלויפן אין געסל נאָך איידער מורער איז אָנגעקומען... האָבן די פיס מיר אָנגע־הויבן ציטערן... (אומגעדולדיק) קום, איך דאַרף נאָך צוטראָגן די פּעקלעך אויף אַן אַדרעס.

שרקה : וואָס איז דאָס? מעל? צוקער?

פריידל : דו ביסט מיר אַ טייערע חברטע, שרקה.

שרקה : (פלוצים) ווייסט. איך האָב אַ געניאַלן איינפאַל! מיר וועלן זיך היינט מאכן א ליאַמע.* איך וועל צולויפן נאָך א פּאָר טעפּ הייסע וואַסער אויף טיי און יעדער וועט ברענגען עפּעס צו פאַרבייסן. מען וועט זינגען אַביסל. מיין האַרץ גייט אויס נאָך אַביסל געזאַנג!... איך האָב אַ ניי בלוזקעלע, דו ווייסט?

פריידל : שיין?

שרקה : אַ בלויעס. מיט ווייסע פּינטעלעך. פון מיין מאַמעס אַ קלייד. וואָס האָסטו געטון מיט דיין מאַמעס קליידער?

פריידל : גאָרניט.

שרקה : דיין מאַמע וואָלט געווען צופרידענער ווען דו נוצסט זיי.

פריידל : איך קאָן זיך צו זיי ניט צורירן.

שרקה : פאַרוואָס? ווען איך טו אָן מיין מאַמעס א קלייד פיל איך... אפשר פאַרבעטן מיר לייזערן, האַ? ער וועט פאַרלייענען זיינע לידער.

פריידל : לייזער האָט ניט קיין צייט. ער איז לעצטנס זייער פאַר־נומען.

שרקה : ביי דעם זעלבן וואָס דיין ברודער?

פריידל : וואָס פאַלט דיר איין?

שרקה : עפּעס פאַלט מיר איין. (צעזינגט זיך)
שטיל, די נאַכט איז אויסגעשטערנט,
און דער פראָסט ער האָט געברענט...

פריידל : וואָס טוט זיך מיט דיר, שרקה, קום שוין.

שרקה : (זינגט ווייטער) געדענקסטו, ווי דו האָסט מיך געלערנט האלטן דעם שפּייער אין די הענט?..

1טע פרוי : איר זעט? מען זינגט.

לאה : יונגערהייט פאַרטראָגט מען די צרות אויך בעסער.

צפורה : גלויבט מיר, אונדז אין זייערע יאָרן איז געווען וואוילער פון זיי. קוקט ווי דאָס זעט אויס... דאָר און קוואַר... און

---

*) אַ ליאַמע — אַ פאַרווײלונג.

קוקט אויף מײנער. (װײזט אויף איר מײדעלע) א מלחמה קעגן קינדער איז דאָס געװאָרן. ניט אַנדערש.

משה : (צו עקיבאן) כי את אשר יאהב ה׳ יוכיח. װעמען גאָט האָט ליב, דעם שטראָפט ער. װײזט אויס ער האָט ליב קינדער, ניט אַזוי? (שמועס פון פאַלקען מיט שלומקען לאָזט זיך װידער הערן)

שלומקע : פאַרװאָס אַנטלויפן אַלע חיות אַזוי שנעל?

פאַלקע : האָבן זיך פאַר עפּעס דערשראָקן.

שלומקע : הערסט װי די פערד הירזשען?

פאַלקע : די שעפּסלעך ציטערן.

שלומקע : װאו איז אונדזער קו?

פאַלקע : װעלכע קו?

שלומקע : די קו, אונדזער מאַמע. האָסט פאַרגעסן, אַז מיר זײנען קעלבלעך?

פאַלקע : פאַרגעסן.

שלומקע : דאָס פעלד ציט זיך צוזאַמען. דו זעסט? עס װערט װאָס אַמאָל קלענער.

פאַלקע : פאַרװאָס?

שלומקע : איך װײס ניט. לאָמיר בעסער לויפן נאָך דער קו.

פאַלקע : אָבער װאו איז זי? איך זע זי ניט.

שלומקע : זי איז שוין אוודאי אין שטאַל. לאָמיר לויפן. דו לויפסט?

פאַלקע : יאָ. גיב מיר אַ האַנט.

שלומקע : האָסט פאַרגעסן, אַז חיות האָבן ניט קײן הענט? אָט איז דער שטאַל.

פאַלקע : קום אַרײַן זיך באַהאַלטן.

שלומקע : דער שטאַל האָט ניט קײן טיר.

פאַלקע : טאָ לאָמיר אַרײַן דורכן פענצטער.

שלומקע : ער האָט קײן פענצטער אויך ניט.

פאַלקע : טאָ װאָס זאָל מען טון?

שלומקע : איך װײס ניט. אפשר אַרויפקריכן אויפן דאַך?

פאַלקע : טאַקע.

שלומקע : איצט איז בעסער, האַ?
פאלקע : יאָ. איך האָב ליב צו זיצן אויף אַ דאַך.
שלומקע : אָבער פאַלקע, מיר זיצן דאָך ניט אויף קיין דאַך.
פאלקע : אויף וואָס דען זיצן מיר?
שלומקע : פילסט ניט ווי מיר דרייען זיך? מיר זיצן אויף אַ קאַרוזעלע.
פאלקע : יאָ. מיר דרייען זיך. דער קאָפּ שווינדלט. גיב מיר אַ האַנט.
שלומקע : מיר האָבן ניט קיין הענט. מיר זיינען דאָך קעלבלעך.
פאלקע : וואָס טוען קעלבלעך אויף אַ קאַרוזעלע?
שלומקע : דאָס איז אַ צירק.
פאלקע : וואָס טוען קעלבלעך אין אַ צירק?
שלומקע : איך ווייס ניט.
פאלקע : לאָמיר אַנטלויפן.
שלומקע : ווי קען מען לויפן, אַז עס דרייט זיך אַזוי שנעל?
פאלקע : לאָמיר אַראָפּשפרינגען.
שלומקע : וואו וועלן מיר שפרינגען? בלויז דעם דאַך פון דער קאַרוזעלע זע איך. א, ווי שנעל זי דרייט זיך. די גאַנצע ערד איז געוואָרן אַ קאַרוזעלע.
פאלקע : לאָמיר אַראָפּשפרינגען פון דער ערד.
שלומקע : וואוהין וועלן מיר פאַלן?
פאלקע : וואוהין?...

(קינדער טוליען זיך איינער צום אַנדערן. פליסטערן שטיל.)

לאה : (צו די ארומיקע מיט א זיפץ) מיר לעבן אין משיחס צייטן. איר פארשטייט?
משה : אוודאי פאַרשטייען מיר, באָבעשי, אוודאי. משיח איז דאָך שוין געקומען. אין קליינינקייט נאָר... (בייגט זיך איין צו איר) ער לייזט ניט אויס די יידן פון גלות, נאָר דעם גלות פון די יידן... (לאַכט)
לאה : גאָט וועט אונדז נאָך העלפן, איר וועט זען.
שרקה : (שפרינגט אונטער) מיר וועלן זיך אַליין העלפן. די פפ"א וועט אונדז העלפן.

לאה : וואָס איז דאָס פאַרא חיה ווידער ?

שרקה : די פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע.

לאה : די וואָס ?

1טער ייד : זי מיינט אוודאי די יינגלעך וואָס שמוגלען אַריין געווער אין געטאָ.

2טע פרוי : ווער שמוגלט געווער אין געטאָ, וואָס טוט זיך מיט אייך ?

1טער ייד : איר ווייסט גאָרניט ?

2טע פרוי : צו וואָס דאַרפן זיי געווער. איך קען דאָס ניט באַגרייפן.

שרקה : צו וואָס ? זיך צו ראַטעווען.

צפורה : צו באַגראָבן זיך, זאָג בעסער.

1טע פרוי : אַזאַ אומגליק.

שרקה : איר ווייסט ניט פון קיין גרעסערס ?

3טע פרוי : די דייטשן זאָלן זיך דערוועגן דערוויסן, מאַכן זיי אונדז פּערטיק צווישן אַ יאָ און אַ ניין.

שרקה : און אַזוי וואָס טוען זיי ?

ברוך : איר ווייסט, זיי האָבן דאָך אַ גאַנץ מיליטער דאָ אין געטאָ, די פּאַרטיזאַנער.

2טע פרוי : וואָס ? אַ מיליטער האָבן זיי ?

ברוך : יאָ, און מען שמועסט, אז א גענעראל פירט מיט זיי אָן.

לאה : ווער איז דער גענעראַל, אַ ייד ?

ברוך : ווער זאָגט, אַז אַ ייד ? פון וואַנען האָבן יידן גענעראַלן ?

לאה : וואָס דען ?

ברוך : אַ פּאַניע.* מען האָט אים אַריינגעשיקט אין געטאָ צו מאַכן אַ יידיש חיל.

לאה : טאַטע זיסער אין הימל !

ברוך : ער איז אַ גאַנצער מומחה אין סטראַטעגיע, דער גענעראַל. ער וויל קודם אַרויסטרייבן די יעקעס פון ווילנע, אַזוי, אַז אונדז יידן זאָל ניט אַראָפּפאַלן קיין האָר פון קאָפּ.

צפורה : טאָ אויף וואָס וואַרט ער ? ביז עס וועט קיין קאָפּ ניט זיין ?

---

*) אַ פּאַניע — אַ רוס.

ברוך : אויף וואָס ער וואַרט?

צפורה : דאָס ווייסט איר אַליין ניט, האַ?

משה : פון וואַנען זאָל ער וויסן? (צו די מיידלעך, וואָס גייען צום אַרויסגאַנג) נו, טעכטער, אפשר וועט מען ביי אייך פאַרט עפּעס איינהאַנדלען איידער די גאולה קומט?

שרקה : איר האָט געהערט. מיר האַנדלען ניט.

משה : און מיט וואָס אַ שטייגער זיינען אייערע טאַרבעס אַזוי אָנגעלאָדנט? אפשר טאַקע מיט דינאַמיט? כ׳לעבן זיי זעען אויס ווי זיי וואָלטן שוין, שוין געגאַנגען אויפרייסן. (מיידלעך לויפן אַרויס) אַ חוצפה צו קריכן הונגעריקע מענטשן אין די אויגן אַריין מיט אַזעלכע טאַרבעס. די סלינע קומט מיר אַזש אויפן מויל...

(צפורה כאַפּט מיטאַמאָל איר מיידעלע און לויפט צום אַריינגאַנג פון די באָד־צימערן. יונגע פרוי פאַרשטעלט איר דעם וועג)

יונגע פרוי : אַנטשולדיקט. איצטער איז מיין ריי.

צפורה : אַזוי גאָר?

יונגע פרוי : יאָ. איר קאָנט אַלעמען פרעגן.

צפורה : (שטופּט זי אַוועק) גיי זעץ זיך לייענען נאָך אַביסל, גיי! האָסט דאָך שוין אויסגעגעבן די קינדער אין פריידן...

יונגע פרוי : שטופּט מיך ניט!

צפורה : אַוועק פון טיר. אַן עק זאָל עס נעמען!

יונגע פרוי : איך וועל ניט אַוועקגיין.

מיידעלע : (צו צפורהן) מאַמע, קום אַהיים...

צפורה : (צום מיידעלע) שטופּ זיך, נשמה מיינע, שטיי ניט ווי אַ קלאָץ. דערלאַנג איר מיטן קעסטעלע!

יונגע פרוי : (פאַרצווייפלט) כ׳וועל רופן דעם פאַרוואַלטער.

צפורה : נו, וואָס שטייסטו? רוף אים. (אַמפּערן זיך)

יונגע פרוי : לאָזט מיך אָפּ!

מיידעלע : מאַמע, שלאָג זיך ניט מיט איר. (וויינט)

צפורה : (צום מיידעלע) וואָס שטייסטו און כליפּעסט? רייס איר

אַרויס דאָס בוך פון דער האַנט! (רייסט אַליין אַרויס דאָס בוך פון אונטער דער פרויס אָרעם און וואַרפט עס אויף דער פּאָדלאָגע. יונגע פרוי גייט אויפהייבן ס׳בוך. וויינט זיך פונאַנדער)

יונגע פרוי: נאָר מען שטופּט מיך און מען שטויסט מיך.

צפורה: (אין טיר) קוקט נאָר אָן דאָס לעמעלע, נעבעך. (צום מיידעלע וואָס באַטראַכט מיטפילנדיק די יונגע פרוי) נשמה מיינע, וואו האָסטו זיך שוין ווידער פאַרשלעפּט? קום אַהער, דער רוח זאָל דאָס נעמען!

עקיבא: (לויפט צו צו צפורהן) די מינוט זאָלט איר זי ארײנלאָזן, איר הערט? (שלעפּט זי אַרויס פון טיר)

צפורה: קוקט אים אָן! און ווער זייט איר דאָס אין שטעטל, האַ?

עקיבא: ווער איך בין, בין איך, נאָר קיין עוולה וועל איך ניט דערלאָזן.

צפורה: ווער האָט אייך באַעוולט ווידער?

עקיבא: (ווייזט אויף יונגער פרוי) לאָזט זי אַריין. (צו יונגער פרוי, וואָס גייט וויינענדיק צו דער טיר) וואָס גייט איר אַוועק? קומט אַהער.

יונגע פרוי: לאָזט מיך אַרויס. איך וויל אַרויס!

ברוך: (פאַרהאַלט זי) איר טאָרט זיך אַזוי ניט אונטערגעבן. גייט באָדט זיך אויס. מיר וועלן זיך שוין אַן עצה געבן מיט איר.

(אַ פּאָר יידן דערנענטערן זיך צו צפורהן)

צפורה: אַלע אויף מיר, האַ? אַלע?

מיידעלע: (שרייט) מאמע! אוי, מאמע!

צפורה: אויב אזוי גיי איך שוין אליין צום פארוואלטער.

עקיבא: (לאָזט זי אָפּ) גייט געזונטערהייט.

ברוך: (פארשטעלט איר דעם וועג ביים פארוואלטערס טיר) איר קאָנט ניט אַריינגיין איצטער.

צפורה: נאַ דיר, האָסטו אים ווידער. וואָסי איך וועל אים די קרוין רירן?

**ברוך** : מען קאָן ניט שטערן. דער דאָקטאָר איז ביי אים.

**צפורה** : וואָסי, ער ליידט אויף די מערידן, דער פריץ? לאָזט מיך אַריין, איך האָב נאָך היינט קיין וועטשערע ניט געקאָכט!

**משה** : און וואָס טוט אייער מאַן, ער זאָל לעבן און געזונט זיין?

**צפורה** : (מאַכט זיך ניט הערן) לאָזט מיך אָפּ! וואָס האָט איר זיך אלע אָנגעזועצט אויף מיר, האַ? לאָזט מיך אריין! (1טער״3 שטופּט דערווייל יונגע פרוי צום אַריינגאַנג פון די באָד־צימערן)

**ברוך** : (צו צפּורהן) דער פארוואלטער איז פארנומען.

**צפורה** : דער פאַרוואַלטער! פאַר דער מלחמה אוודאי אַ גאָרניט געוועזן. אַ גאַסן־קערער צי אַ קעשענע־גנב, איצט קאָן מען ניט שטערן דעם פאַרוואַלטער... (צו ברוכן) וואָס האָסטו אַזוי מורא פאַר אים, דו גרינער גאַנער, האַ?

**ברוך** : איך האָב ניט מורא פאַר אים.

**צפורה** : דו האָסט ניט מורא, נאָר דו ציטערסט. דערפאַר זעט איר אַלע אַזוי אויס. לאָזן רייטן אויף זיך און קושן נאָך דעם שטיוול.

**משה** : דאָס איז דער סדר פון געטאָ. אָדער דו רייטסט אויף יענעם, אָדער יענער רייט אויף דיר.

**צפורה** : אוודאי. נאָר יעדער טוט זיך אָן אַ היטעלע, וואָס אים פּאַסט צום קאָפּ.

**משה** : אייך וואָלט גאַנץ גוט געפּאַסט אַזאַ היטעלע, באַלעבאָס־טעטשקע.

**צפורה** : אַ שיינעם דאַנק פאַרן קאָמפּלעמענט.

**משה** : אוי, וואָלט איר געקאָנט רייטן...

**צפורה** : אַזוי מיינט איר?

**משה** : אַזוי שיינט מיר.

**צפורה** : איך לאָז זיך בלויז ניט שפּייען אין דער קאַשע, איר פאַר־שטייט? מיט די עלנבויגנס מוז מען אַ ריר טון, אָט אַזוי, איר זעט?... (רייסט זיך אַרויס פון ברוכס האַנט, נאָר אַנשטאָט צום פאַרוואַלטער לויפט זי צו די באָד־צימערן) פאַר די

קודלעס וועל איך זי אַרויסשלעפּן פון דאָרטן, פאַר די קודלעס!

**מיידעלע** : (לויפט איר נאָך) מאַמע, רייס זי ניט פאַר די קודלעס, עס טוט ווי, מאַמע...!

**משה** : (צעלאַכט זיך) אַ כוח פון אַ יידענע.

**ברוך** : (צו משהן) איר שעפּט נחת פון איר, זע איך.

**משה** : מיר געפעלט איר כוח.

**ברוך** : אַ בלינדער כוח.

**עקיבא** : מיר זיינען אַלע ווי בלינדע. טייל בלינדע גיבן אַכטונג ניט אַרויפצוטרעטן אויף ווערעמען אין זייער בלינדקייט און טייל אַרט ניט ווען זיי צעטרעטן ווערעמען אויפן וועג.

**פאלקע** : (צו שלומקען) וואָס זאָל מען טון?

**שלומקע** : איך ווייס ניט.

**פאלקע** : זעסט יענע שוואַרצע, גרויסע בערן? זיי גייען אויך אַהער.

**שלומקע** : און דאָ קומען די לייבן און טיגערס.

**פאלקע** : אַלע אויף אונדז. זע נאָר די ווילדע אויגן.

**שלומקע** : אפשר זיינען דאָס גאָרניט קיין ווילדע אויגן?

**פאלקע** : וואָס דען?

**שלומקע** : אפשר איז דאָס אַ שמייכל ביי זיי? אפשר ווילן זיי זיך גאָר שפּילן.

**פאלקע** : פאַר זיי קאָן דאָס זיין אַ שפּיל און פאַר אונדז דער טויט.

**שלומקע** : מיינסט, אַז זיי שפּילן זיך אין הרגענען?

**פאלקע** : לאָמיר זיך געזעגענען, שלומקע.

**שלומקע** : רעד ניט אַזוי. מענטשן זיינען שטאַרקער פון חיות. דער מענטש איז דער קעניג פון אַלע חיות.

**פאלקע** : דאָס לערנט מען נאָר בלויז אַזוי. דער לערער וואָלט דאָ געדאַרפן זיין וואָלט ער געזען.

**שלומקע** : דער לערער איז אויף פאָנאַר.

(עס דערהערט זיך אַ טומל פון גאַס)

**1טע פרוי** : איר הערט?

**2טער ייד** : שאַ, מען שרייט. וואָס איז דאָס?

**1טער ייד**: עד, ס'איז די יידענע דרינען.

**3טע פרוי**: ניין. אויפן גאַס.

**ברוך**: (איבערגענומען) עפּעס טוט זיך דרויסן.

**2טער ייד**: וואָס קאָן דאָס זיין?

**לאה**: ווער ווייס צי מורער קומט ניט אַהער.

**3טע פרוי**: עפּעס האָט געמוזט געשען.

**לאה**: ווי, געוואַלד, ווו קאָן מען זיך באַהאַלטן?

(אַלע זאַמלען זיך ביי דער טיר. רעדן אין געפליסטער)

**2טע פרוי**: גיט נאָר אַ קוק. דאָס פענצטער איז דאָך אינגאַנצן אויפ־געפּראַלט!

**1טער ייד**: (לויפט צום פענצטער. קוקט אַרויס. פאַרמאַכט עס גיך) אַ געלויף אין דרויסן!..

**3טע פרוי**: פאַרהענגט דאָס פענצטער, גיכער!

**2טע פרוי**: מיט וואָס קען מען עס פאַרהענגען?

**לאה**: (טוט אויס די פאַטשיילע) נאַט אייך, קינדערלעך, נאַט אייך!

**ברוך**: (נעמט די פאַטשיילע) גיט אַהער. איך וועל עס מאַכן.

**1טע פרוי**: האָט רחמנות, גיכער. וואָס דויערט עס אַזוי לאַנג? (אַלע קוקן ווי ברוך פאַרהענגט דאָס פענצטער. עס הערן זיך די שטימעס פון צפורהן און פון יונהן דעם באַד־אויפזעער)

**צפורה**: לאָזט מיך אַריין צו איר. איך וועל איר די אויגן אויס־דראַפּען!

**יונה**: איך וועל דיך געבן אַ בלאָז אַרויס פון דאַנען, טייבעלע, אַז דו וועסט פליען אין דער לופטן...

**צפורה**: (שרייט) ריר מיך ניט אָן! לאָז מיך אָפּ!

**1טער ייד**: (מיטן אויער אויף דער טיר) איר הערט? אַ דאָקטאָר זוכט מען דרויסן.

**לאה**: אוי, געוואַלד.

**1טער ייד**: עפנט נאָר די טיר. לאָמיר זען וואָס עס טוט זיך.

**1טע פרוי**: הלילה, ניט עפענען!

**שטימע פון דרויסן**: גיכער, לויפט נאָך אַ דאָקטאָר!

**שטימע פון**

**דרויסן** : אַ דאָקטאָר איז דאָ ערשט פאַרבייגעגאַנגען.

**עקיבא** : (רייסט אויף די טיר. שרייט אַרויס) ווער דאַרף אַ דאָקטאָר?

**ברוך** : דאָ איז דאָ אַ דאָקטאָר!

**שטימע פון**

**דרויסן** : אין באָד איז דאָ אַ דאָקטאָר!

**מאַן** : (פאַלט אַריין קוים אָטעמענדיק) גיט מיר אַ דאָקטאָר, מענטשן, גיכער!

**ברוך** : (קלאַפּט אין פאַרוואַלטערס טיר) דאָקטאָר, דאָקטאָר, קומט אַרויס! (דאָקטאָר קומט אַרויס. מאַן לויפט צו צו אים)

**מאַן** : דאָקטאָרלעבן, גיכער... מיין ווייב...

**דאָקטאָר** : וואָס איז געשען מיט אייער ווייב?

**מאַן** : זי גייט צו קינד, דאָקטאָרלעבן... זי גייט צו קינד!... (מאַן און דאָקטאָר אָפּ. אלע זיפצן אָפּ דערלייכטערט).

**1טער ייד** : (רייסט אַראָפּ פאַטשיילע פון פענצטער) ליכטיק זאָל ווערן!

**לאה** : עס איז שוין נאַכט אין דרויסן.

**משה** : (צעטאַנצט זיך) הוליעט, הוליעט, קינדערלעך,
ווי לאַנג איר זייט נאָך יונג.
פונעם וויגל ביז צום קבר
איז א קאצן־שפרונג...

**שלומקע** : חיות הרגענען נור דעמאָלס ווען זיי זיינען הונגעריק. דאָס איז ניט קיין שפּיל ביי זיי... אָבער די דייטשן...

**פאלקע** : דו מיינסט, אַז די דייטשן שפּילן זיך אין הרגענען?

**שלומקע** : יאָ.

**פאלקע** : איז דאָך גוט. דאַרף מען ניט מורא האָבן פאַר די בערן און לייבן און טיגערס.

**שלומקע** : וואו האָסטו בערן און לייבן און טיגערס?

**פאלקע** : וואָס הייסט וואו, דאָ אַרום אונדז.

**שלומקע** : דו זעסט גאָרניט?

**פאלקע** : וואָס איז דען?

**שלומקע** : קוק, זיי שטעלן זיך אויף צוויי פיס. זיי ווערן אַלע גרין... זיי מאַרשירן...

פאלקע : יאָ. איך הער זייערע שטיוול טופען.

שלומקע : זעסט די אָפענע לופעס פון די ביקסן?

פאלקע : איך קען ניט פאַרטראָגן זייערע אויגן.

שלומקע : זיי שטשירען די ציינער!

פאלקע : זיי ברומען!

שלומקע : זיי ברילן!

פאלקע : זיי גייען אויף אונדז!

שלומקע : זיי קומען! דייטשן!

פאלקע : דייטשן!

(פון דרויסן דערהערט זיך פלוצים אַ געשריי. אַ קאָפּ באַווייזט זיך אין טיר)

שטימע : אַנטלויפט, יידן, אַנטלויפט! אַ פּאַנצער־אויטאָ איז אַריין אין געטאָ!

שטימעס פון איבעראַל : דייטשן! דייטשן!

(אַלע לויפן אַרויס. אויך צפורה, מיידעלע און יונגע פרוי. אויף דער סצענע בלייבט עקיבא, די צוויי יינגלעך און דינה, וויטענבערגס פרוי, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אַן אומבאַמערקטע. די טיר פון פאַרוואַלטערס צימער עפנט זיך. וויטענבערג קומט אַרויס. ער בלייבט שטיין. באַטראַכט די וויינענדיקע קינדער).

פאָרהאַנג

# בילד צוויי

אַ ווײַלע שפּעטער. די סצענע איז די זעלבע ווי ביים סוף פון ערשטן בילד. עס איז ניטאָ מער די אונטערגייענדיקע זון אין פענצטער, דערפאַר איז דאָס פענצטער אַליין אויך איצטער כמעט אומזעבאַר. בלויז אַ לעצטער פלעק פון ליכט רייסט זיך אַריין פון ערגעצוואו און פאַלט דירעקט אויף עקיבאס גרויען קאָפּ, וואָס לייכט אַרויס פון דער פינצטערניש מיט אַ באַזונדערער, כמעט ניט ערדישער ווייסקייט. אין אַן אַנדער ווינקל זיצט דינה, וויטענבערגס פרוי. די טונקלקייט פאַרהילט זי אינגאַנצן. וויטענבערג, וואָס שטייט אין טיר פון זיין צימער זעט ניט זי און ניט עקיבאן. זיין בליק איז קאָנצענטרירט אויף די צוויי קינדער, פאלקע און שלומקע.

**וויטענבערג** איז א מאן אין די פריע פערציקער. זיין פלייצע איז אביסל געבויגן און הגם ער איז פון דער נאַטור אַ הויכער וואַרפט זיך זיין געוואוקסיקייט ניט ספּעציעל אין די אויגן. בלויז זיינע הענט זעען אויס צו זיין זייער לאַנגע און אַביסל אומבאַהאָלפענע. אַ מין טרויעריקע מידקייט שיינט אַראָפּצוהענגען פון זיינע לאַנגע, ביינערדיקע פינגער. מיטן מאָמענט אָבער, וואָס ער מאַכט די קלענסטע באַוועגונג צעשנירלען זיך די גרויסע, פולע אָדערן איבער זיינע הענט און די דלאָניעס ווערן מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט אין צוויי האַרטע, קאָנצענטרירטע מוסקולן, וואָס פאַרקערפּערן אַ פעסטן ווילן און אַן אומגעצוימטע ענערגיע.

זיין געזיכט איז ביינערדיק און לאַנג. די באַקן און דער אַרויסשטייענדיקער הויכער שטערן זיינען דורכגעשניטן מיט איינצלנע, טיפגעצייכנטע קנייטשן. דאָס פּנים פאַרמאָגט א פּאָר מילדע, רואיקע אויגן, וואָס זייער קאָליר איז שווער צו באַשטימען. זיי זיינען פאַרשאָטנט דורך די הויכע ברעמען פון איין זייט און דורך דער באַרגיקער, שטאַרקער נאָז — פון דער צווייטער זייט. די נאָז איז געצייכנט מיט שאַרפע, געבראָכענע ליניעס. זי איז די בריק, וואָס פאַראייניקט די שטילקייט פון די פאַרשאָטנטע אויגן מיט דער פאַרחלומטקייט פון די פולע, זינלעכע ליפּן. די אויגן און דאָס מויל פאַרווישן כמעט די ביינערדיקע, טרוקענע האַרטקייט פון זיין פּנים און גאַנצער פיגור.

(וויטענבערג דערנענטערט זיך לאַנגזאַם צו די וויינענדיקע יינגלעך)

**וויטנבערג :** (צו די יינגלעך) וואָס העלפּט דאָס וויינען?

**שלומקע :** מיר האָבן מורא.

**וויט :** דאָס ערשטע מאָל ביי אייך וואָס איר האָט מורא?

**פאַלקע :** און אַז ניט דאָס ערשטע?

**וויט :** ווער האָט דאָס ניט קיין מורא אין געטאָ? שטעלט זיך נאָר פאַר, ווען מיר וואָלטן זיך אַלע אָוועקגעזעצט וויינען און פאַרשטעלט די אויגן מיט די הענט... (פּרואווט זיי אָוועקנעמען די הענט פון די אויגן. קינדער לאָזן זיך ניט)

**שלומקע :** ניין, ריר אונדז ניט אָן!

**וויט :** איר זייט דאָך קלוגע קינדער.

**פאַלקע :** דו זעסט דאָך אַליין, אַז מיר זיינען ניט, טאָ וואָס רעדסטו? מיר ווייסן ניט וואָס צו טון, פאַרשטייסט?

**וויט :** אפשר קאָן איך אייך העלפן?

**פאַלקע :** דו ביסט אַ גרויסער. גרויסע העלפן ניט די קליינע.

**וויט :** פון וואַנען ווייסטו דאָס, אַז איך בין אַ גרויסער?

**פאַלקע :** דיין שטימע איז אַן אַלטע.

**וויט :** בלויז די שטימע איז ביי מיר אַלט געוואָרן. איך וואָלט געקאָנט וויינען פּונקט ווי איר, נאָר איך וויל ניט.

**פאַלקע :** און וואָס מיינסטו מיר ווילן יאָ? מיר קענען זיך ניט העלפן.

**וויט :** איך וויל אייך העלפן.

**פאַלקע :** דו קענסט דען?

**שלומקע :** (צו פאַלקען) זאָל ער פּרואוון. זאָג אים.

**פאַלקע :** (צו וויט) מיר האָבן מורא... די דייטשן זיינען דרויסן אין גאַס און די דייטשן זיינען דאָ... אין צירק.

**שלומקע :** מיר זיינען אויף דער אַרענע.

**פאַלקע :** אויף אַ קאַרוזעלע זיצן מיר.

**וויט :** איר האָט מורא פאַר די חיות?

**שלומקע :** דאָס זיינען ניט קיין חיות, דאָס זיינען דייטשן.

פאלקע : מיר ווייסן ניט וואָס צו טון. ווען מען עפענען די אויגן זיינען די דייטשן אין גאָס

שלומקע : האָסט דאָך געהערט. אַ פּאַנצער אויטאָ מיט דייטשן איז אריין אין געטאָ.

פאלקע : ווען מען ניט עפענען די אויגן זיינען זיי דאָ... אין צירק. מיר ווייסן ניט וועלכע זיינען בעסער. ווייסט, שלומקע, די פון צירק מוזן זיין בעסער. זיי זיינען דאָך ניט אינגאַנצן אמת. מיר האָבן זיי אַליין אויסגעטראַכט.

שלומקע : איז וואָס, אז אויסגעטראכט? מיר זעען זיי דאָך.

וויט : איר דאַרפט עפענען די אויגן.

פאלקע : אַזוי מיינסטו?

וויט : יאָ. די דייטשן פון אייער צירק וועלן אייך פּייניקן. און ווען איר זאָלט אַפילו איינעם פון זיי וועלן אויסדראַפּען די אויגן, קענט איר ניט. ווייל זיי זיינען ניטאָ. זיי זיינען אמתע צו פּייניקן אייך, אָבער אויסגעטראַכטע ווען איר ווילט זיי צוריקשלאָגן.

שלומקע : האָב איך טאַקע פּאַר די אמתע דייטשן נאָך מער מורא.

פאלקע : יאָ, זיי קענען אונדז נאָך מער הרגענען ווי די דייטשן פון צירק.

וויט : איר האָט דען אויסצוקלייבן די אָדער די? איר קענט בלויז האָבן אָדער די אמתע דייטשן פון דרויסן, אָדערביידע צוזאַמען. נו, וואָס איז בעסער?

פאלקע : (צו שלומקען) מיר דאַרפן ענדיקן די שפּיל.

שלומקע : עס האָט זיך אַזוי שיין אָנגעהויבן.

פאלקע : יאָ. מיר זיינען געווען קעלבלעך...

שלומקע : מען איז אַרומגעלאָפן איבערן גרויסן פעלד...

וויט : איר וואָלט וועלן זיין קעלבלעך?

קינדער : יאָ.

וויט : און איך ניט. (קינדער נעמען אַוועק די הענט פון די אויגן. באַטראַכטן אים נייגעריק) וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן?

פאלקע : דו ביסט דער פּאַרוואַלטער פון באָד.

וויט : איז וואָס ?

פאלקע : דערפאַר ווילסטו ניט זיין קיין קעלבל. מען זעט באַלד, אַז דו ביסט ניט הונגעריק.

וויט : איך בין יאָ.

פאלקע : ווען מען איז הונגעריק וויל מען עסן.

וויט : איך וויל נאָך מער ווי עסן.

פאלקע : טאָ פאַרוואָס עסטו ניט ? האָסט ניט ? ביסט דאָך פון יעקב גענס׳ טעלער־לעקער.

וויט : א, ווי פיינט דו האָסט מיך.

פאלקע : איך האָב קיינעם ניט ליב.

וויט : אַפילו ניט דיין מאַמען ?

פאלקע : איך האָב זי ניט.

וויט : דעם טאַטן ?

פאלקע : ניטאָ.

וויט : און שוועסטער, ברידער... (ווייזט אויף שלומקען) אים ?

פאלקע : ער איז מיין חבר.

שלומקע : איך האָב דיך ליב, פאַלקע.

פאלקע : (צו שלומקען) וואָס האָסטו געזאָגט ?

שלומקע : גאָרניט. אַז איך האָב דיך יאָ ליב.

פאלקע : דו טאָרסט מיך ניט ליב האָבן.

שלומקע : פאַרוואָס עפּעס ?

פאלקע : איך באַשווער דיך, דו זאָלסט מיך ניט ליב האָבן.

שלומקע : דו באַשווערסט מיך ?

פאלקע : יאָ. איך באַשווער דיך.

שלומקע : פאַרוואָס ?

פאלקע : אָט דערפאַר, ווייל די, וואָס מען האָט ליב פאַרלירט מען אין געטאָ. דו ווילסט, אַז איך זאָל שטאַרבן ?

שלומקע : וואָס רעדסטו ?

וויט : (צו פאַלקען) און איך האָב דיך אויך ליב.

פאלקע : דו ? פאַרוואָס ? דו ווילסט איך זאָל שטאַרבן ?

וויט : דאָס האָט ניט צו טון מיט שטאַרבן. דאָס האָט צו טון מיט לעבן. די וואָס מען האָט ליב פאַרלירט מען אין געטאָ, ניט ווייל מיר האָבן זיי ליב, נאָר ווייל עס איז דאָ עמעץ וואָס האָט אונדז אַלעמען פיינט.

שלומקע : דער דייטש.

וויט : יאָ. דער דייטש. און דו ווייסט פאַרוואָס ער האָט אונדז פיינט? ווייל ער אַליין קאָן ניט ליב האָבן. זיין שלעכט האַרץ איז אייפערזיכטיק אויף דער גוטסקייט וואָס מיר פאַרמאָגן. עס איז דאָך אַ גרויסע פרייד ליב צו האָבן.

פאלקע : דו האָסט מיך ליב מיט אַזאַ פרייד?

וויט : יאָ.

פאלקע : פאַרוואָס?

וויט : אָן אַ פאַרוואָס האָט מען ליב.

פאלקע : גיי שוין, ס'איז גאָרניט ווערט.

וויט : וועסט אַמאָל זען, אַז יאָ. פּראָביר נאָר ליב צו האָבן.

פאלקע : (פאַרצווייפלט) איך האָב דאָך שוין ניט וועמען.

וויט : למשל... אים, דיין חבר... און מיך.

פאלקע : דו ביסט דאָך מיר אַ פרעמדער.

וויט : און דו ביסט מיר אַ נאָענטער.

פאלקע : אויף אַן אמת?

וויט : יאָ. ווי מיין אייגענער זון. וואָלסט וועלן זיין מיין זון?

פאלקע : און דו וואָלסט וועלן זיין מיין טאַטע?

וויט : יאָ. אָבער דערפאַר מוזסטו מיך כאָטש אַ ביסעלע ליב האָבן.

פאלקע : ...איך האָב מורא...

וויט : האָב מורא און האָב ליב. אַזוי ווערט מען שטאַרק, חברל... (דינה מאַכט אַ באַוועגונג ווי זי וואָלט וועלן צוגיין צו וויטענבערגן. זי פאַרהאַלט זיך. עס דערהערן זיך טריט אין דרויסן)

שלומקע : (דערשראָקן) מען גייט!

(עס קומט אריין **דוד ראָזענבערג**. וויטענבערגס אמאָליקער

חבר. ער איז אַ נידעריקער, פעסטגעבויטער מאַן מיט אַ קײלעכדיקן, גלאַטן פּנים. אַ זעלבסטצופרידענער שמײכל איז צעגאָסן איבער די דינע, שמאָלע ליפּן אונטער די װאָנצעלעך. דער שמײכל פאַרשװינדט אויף אַ װײלע װען זײנע אויגן באַגעגענען זיך מיט װיטענבערגס. ער בלײבט שטײן אַן איבערראַשטער אין טיר. באַהערשט זיך אָבער גלײך און לויפט מיט דראָבנע טריטעלעך צו צו װיטענ־בערגן)

**דוד** : איציק! װי גאָט איז דיר ליב, איז עס דו צי ניט דו? (ער פּרעסט מיט זײנע צװײ קלײנע הענט װיטענבערגס דלאָניע)

**וויט** : (קאַלט) אַזוי שװער מיך צו דערקענען?

**דוד** : װײ, װײ, אַזוי לאַנג זיך ניט געזען. (באַטראַכט װיטענבערגן) זאָל איך זאָגן, אַז דו האָסט זיך געענדערט?... (נאָך אַ רגע) װאָס טוסטו דאָ, איציק?

**וויט** : װאָס הערט זיך אין גאַס?

**דוד** : װאָס זאָל זיך הערן?

**וויט** : אַן אויטאָ מיט דײטשן איז אַרײן אין געטאָ?

**דוד** : (גיט אַ מאַך מיט דער האַנט) בבא מעשיות... צװײ געסטאַפּאָװצעס אויף ראָװערן זײנען צוגעפאָרן צו גענס' הויז. דאָס איז אַלץ... זע נאָר, זע, װער װאָלט זיך געריכט דיך דאָ צו באַגעגענען?...

**וויט** : װאָס טוט מורער הײנט אַ גאַנצן טאָג אין געטאָ?

**דוד** : מורער?

**וויט** : יאָ. מורער.

**דוד** : גאָרניט. װײס איך װאָס?... (קוקט זיך אַרום) קומסט דאָ אָפט אַרײן, איציק?

**וויט** : זײער אָפט.

**דוד** : איך האָב געװאָלט דאָ הײנט אַרײנכאַפּן אַ בעדל. עס פּרישט אָפּ אין אַזאַ היץ. אָבער פאַר דיר װעל איך באַדײ אויפגעבן דאָס פאַרגעניגן. אַ קלײניקײט. אַזוי לאַנג זיך ניט געזען... קום, איך װעל דיך באַגלײטן.

וויט: מען שמועסט, אַז מורער שטייט שוין אַ האַלבן טאָג ביים טויער און רעווידירט יעדן איינעם.

דוד: דו שרעקסט זיך?

וויט: איך האָב זיך ניט פאַרוואָס צו שרעקן.

דוד: איך אויך ניט. מיין סחורה קומט סייווי צום ריכטיקן פּלאַץ אין דער ריכטיקער צייט.

וויט: וואָס איז דיין סחורה?

דוד: מיר האָבן נאָך קוים אַ וואָרט גערעדט און דו ווילסט שוין וויסן וואָס מיין סחורה איז?

וויט: איך וויל וויסן וואָס מורער טוט אַ גאַנצן טאָג אין געטאָ.

דוד: דו ווייסט טאַקע אויף אַן אמת גאָרניט? (פירט אים אַוועק אין אַ זייט. פאַרטרוילעך) חבר וויטאָס איז נעכטן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין תפיסה און חבר קאָזלאָווסקי ווערט שוין דעם צווייטן טאָג אויסגעפאָרשט. מסתמא האָט ער אויס־געגעבן עפּעס וואָס האָט אַ שייכות צום געטאָ. (וויטענבערגס פויסטן פּרעסן זיך צוזאַמען) פאַרשטייסט?... דאָס איז עס... נו, קום, וואָס שטייסטו?

וויט: איך דאַרף נאָך דאָ בלייבן.

דוד: כ'מיין ניט קיין שפּאָס. וואָס טוסטו דאָ?

וויט: (ווייזט אויפן שילדל איבער דער טיר פון זיין צימער) זעסט דאָך.

דוד: (לייענט) פאַרוואַלטער פון געטאָ־באָד נר. 2... דו?

וויט: איך.

דוד: (ווייזט אויף די צוויי יינגלעך) און ווער זיינען דאָס? דיינע בנים?

וויט: אַז דו ווילסט זיינען דאָס מיינע בנים.

דוד: דו רעדסט מיר עפּעס ניט גלייך, איציק.

וויט: אַז דו ווילסט זיינען דאָס מיינע חברים.

דוד: אָ, דו מיינסט מיר אַ שטאָך צו געבן דערמיט? וואָס האָסטו געוואָלט, איך זאָל אַרומלויפן איבערן געטאָ דיך זוכן? עס פעלן מיר, מיינסטו, מיינע אייגענע דאגות? דו ווייזסט זיך ניט אינערגעץ, מען הערט ניט פון דיר, פאַרגעסט מען.

וויט : דערפֿאַר הערט מען שוין פֿון דיר.

דוד : (פֿאַרלעגן) האָסט עפּעס געהערט פֿון מיר? וואָס האָסטו געהערט פֿון מיר?

וויט : (צו די יינגלעך) נו, מאכט פּיס אהיים, שמענדריקעס, גיכער.

פֿאַלקע : איך וויל דאָ זיין מיט דיר.

וויט : עס איז שטיל אין גאַס. איר הערט דאָך.

פֿאַלקע : (ווייזט אויף דודן) איך וויל הערן ווי דו רעדסט מיט אים.

וויט : איך רעד ניט מיט אים.

דוד : דו רעדסט ניט מיט מיר? אַזש אַזוי וויט? איך פֿאַרשטיי, נעמסט אָן וואָס מענטשן זאָגן. פֿון צוויי געסטאַפּאָוועצעס אויף ראָווערן האָבן זיי געמאַכט אַ גאַנצן פּאַנצער־אויטאָ. און פֿון מיר? ווער ווייס וואָס זיי האָבן שוין געמאַכט פֿון מיר?

וויט : דו ווייסט אַליין אַמבעסטן וואָס דו טוסט.

דוד : אוודאי ווייס איך. איך וואָלט דיר געקאָנט אויפקלערן, איציק.

וויט : איך פֿאָדער ניט פֿון דיר קיין אויפקלערונגען.

דוד : פֿאַרוואָס דען ווילסטו ניט רעדן מיט מיר?

וויט : דו גייסט מיך ניט אָן.

דוד : איך גיי דיך ניט אָן? גערעדנק, קענסט קיינמאָל ניט וויסן פֿון וואַנען די הילף קען אַמאָל קומען.

וויט : ניט פֿון דיר יעדנפֿאַלס.

דוד : אַפֿילו אַזאַ מין נאַרישקייט ווי וויסן צו דער צייט וואָס עס גרייט זיך קאָן אויך אַמאָל זיין אַ הילף. וואָס האָסטו מיך אַזוי אויסגעפֿרעגט וועגן מורערן, האַ? אַ ידיעהלע פֿון מיר איז כשר?

וויט : (צו די יינגלעך) טאָ גייט, קונדסים, באָדט זיך אויס, אַז איר ווילט ניט אַהיימגיין.

שלומקע : באָדן זיך?

פֿאַלקע : ניט קיין שלעכטער איינפֿאַל. קום זיך באָדן, שלומקע. (צו

וויט) וואַרט דאָ אויף אונדז, מיר קומען באַלד אַרויס...
(קינדער אָפּ)

דוד : (צו וויט) ווען דו ווייסט, איציק, וואָספאַראַ שווערע צייטן איך האָב געהאַט.

וויט : אַבי נאָר געהאַט.

דוד : און איצט, מיינסטו, פעלן מיט דאגות? זאָג מיר, ווער האָט דיך אַריינגעזעצט אַהער? ערגעץ אַ גוט פּלייצעלע געהאַט?

וויט : א גאַנצע פּלייצע.*

דוד : אַזוי האַלט איך פון דיר. נור זיך אַן עצה געבן... איך ווייס ניט וואָס דו האַלטסט זיך אַזוי שטייף קעגן מיר. טוסט, זע איך, דאָס זעלבע וואָס איך. מיט וואָסזשע בין איך דאָס דער גרויסער פאַרברעכער? עס וואָלט זיך געלוינט אַדורכצושמועסן, כ׳לעבן, וואָלסט מיך אַנדערש פאַרשטאַנען... (ווייזט אויף וויטענבערגס צימערל) מען קאָן אַריינקומען צו דיר אויף אַ פּאָר מינוט?

וויט : מיר קענען בלייבן דאָ אין דרויסן.

דוד : דו נעמסט ניט אויף אַבי וועמען אין דיין קאַבינעט, וואָס?

וויט : מיר קענען זיך נאָך פאַרשמועסן דאָרטן.

דוד : און וואָס האָסטו מורא זיך צו פאַרשמועסן?

וויט : און דו מעגסט עס טון ביי דיין אַרבעט?

דוד : דאָס רופסטו אויך אַרבעט? ביסט דאָך אַ פּריץ. דאָס געטאָ מעג זיך צען מאָל איבערקערן וועסטו דאָך אַפילו ניט פילן. כ׳בין דיך מקנא. כ׳לעבן... נאָר פון דער צווייטער זייט ווייס איך ניט צי איך וואָלט געקאָנט אַט אַזוי...

וויט : וואָס אַט אַזוי?

דוד : לעבן אַט אַזוי.

וויט : ווי אַזוי?

דוד : ווייט פון דער וועלט, פון מענטשן, פון דער גאַס.

וויט : ביסט שוין דאָ געווען אַמאָל בייטאָג?

דוד : יאָ. אַריינגעכאַפּט זיך אַמאָל.

---

*) א פּלייצע — פּראָטעקציע.

וויט : איצטער זיינען זיי זיך צעלאָפן. דערשראָקן זיך פאַרן דייטש.
דוד : ווער?
וויט : די מענטשן, די גאָס...
דוד : דער עולם, וואָס קומט דאָ אהער? דעם המון מיינסטו?
וויט : און דו מיינסט ניט זיי?
דוד : דאָס פאָלק איז פינצטער, איציק. אַזוי פינצטער, אַז אַ גרויל נעמט אַרום. און די שמוציקייטן, די געוואַלדן, די קריגערייען.
וויט : דער וואָס טרינקט זיך שרייט ניט על פי נאָטן.
דוד : גיי שוין גיי, זיי ווייסן אַפילו ניט, אַז זיי טרינקען זיך. דער שכל איז ביי זיי גאָר קיין שכל ניט. אין חלומות לעבט מען, אין איינגלויבענישן און דערביי איז מען אַזוי שלעכט...
וויט : און דו?
דוד : איך? איך זאָג ניט, אַז איך בין בעסער. נאָר, פאַרשטייסטו מיך...
וויט : לאָז צורה, דוד, טו מיר אַ טובה... (מיט אַ שמייכל) איינער פון מיינע יידן האָט דאָ אַמאָל געזאָגט, אַז אַ שיינער בל דרשן, וואָס טוט ניט ווי ער רעדט איז געגליכן צו אַ סלופּ. אַלעמען ווייזט ער דעם וועג און אַליין שטייט ער און רירט זיך ניט פון אָרט.
דוד : וואָס שטעכסטו מיך אַזוי?
וויט : דו ביסט אַלעמאָל געווען אַ שיינער בל דרשן.
דוד : וואָס ווילסטו פון מיר? איך האָב מיר פאַרזיכערט אַ שטיקל ברויט? נו, און דו אליין? איך טו כאָטש א געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן? יאָ. איך דין דעם געטאָ. און דו? וועמען דינסטו? דיין אייגענעם איך. און דו האָסט נאָך אַ העזה צו מאַכן מיר פאַרוואורפן. יאָ, אַמאָל האָב איך געמיינט, אַז מיר זיינען מענטשן פון זעלבן שניט...
וויט : ס'האָט זיך דיר בלויז געדאַכטן.
דוד : דאָס זע איך טאַקע.

וויט : דו האָסט אייביק געהערט צו די, וואָס ווילן ראַטעווען די מענטשהייט, נאָר דעם מענטש אין איר האָבן זיי פיינט.

דוד : לאָז מיך שוין צורו מיט די ווערטלעך.

וויט : איך לערן זיי דאָ, ביי דעם המון.

דוד : איך ווייס ניט וואָס דו ווילסט.

וויט : די זאַפטיקע רעדעס דיינע האָבן מיר קיינמאָל ניט געשמעקט. כ׳האָב געפילט ווי הייס דיין צונג איז און ווי קאַלט דיין האַרץ איז. געדענקסט די מאַסאוועקעס, די קעמערלעך אין דער פּאַרטיי?

דוד : (אויפגערעגט) מיינע רעדעס האָבן דיר ניט געשמעקט, וואָס? דערפאַר ביסטו שוין ניט געווען קיין רעדנער. פאַר דיינס אַ וואָרט האָט מען רענדלעך געקענט צאָלן. איצט דאַרפסטו גאָרניט רעדן. די צייט האָט געוויזן דאָס נאַקעטע פּנים דיינס. יאָ פּאַרטיי, ניט פּאַרטיי, איך בין טריי געבליבן מיינע אַמאָליקע דרשות. יאָ. אַזוי איז עס. איך שטיי אין קאַמף מיטן שונא, איך. פאַרברידערונג איז פאַר מיר ניט קיין פּוסטע פראַזע. איצט איז געקומען די צייט דערויף.

וויט : מיט וועמען ווילסטו זאָל איך זיך פאַרברידערן?

דוד : וואָס הייסט מיט וועמען? מיטן אַרבעטער־קלאַס, מיטן פּראָלעטאַריאַט.

וויט : איך בין מיט זיי פאַרברידערט און מיט מער נאָך...

דוד : מיינסט וואָס דו כאַפּסט אַמאָל אַ שמועסל מיט די יידן דיינע?

וויט : דו ווילסט וויסן וואָס איך מיין?

דוד : איציק, זאָג מיר, פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָסטו כאָטש געהערט?

וויט : וואָס דען, מען הערט ניט?

דוד : (פאַרטרוילעך) איך געהער צו דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

וויט : (באמת איבערראַשט) דו??

דוד : איך. וואָס וואונדערסטו זיך אַזוי?

וויט : ארבעטסט ביי דער פּאָליציי און געהערסט צו דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, ווי פּאַרט זיך דאָס?

דוד : ביי מיר פאַרט זיך דאָס. די פּאָליציי איז אויך אַ קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. איינהאַלטן די רו אין געטאָ ביז צום ריכטיקן מאָמענט... דאָס איז אויך אַ קאַמף פאַרן פאָלק.

וויט : מיטן פאָלק.

דוד : איך וואָלט דיר אויפגעקלערט. אָבער ווי קאָן מען עס מאַכן אויף איין פוס, אָט אַזוי שטייענדיק? זאָג מיר, איז נאָך פאַראַן אין דיר עפּעס פון דעם אַלטן פייער?

וויט : (לאַכט) אפשר אַ פונק.

דוד : איך רעד ערנסט.

וויט : גיי בעסער, באָד זיך אויס.

דוד : איך רעד זייער ערנסט, איציק.

וויט : ווי לאַנג וועל איך דאָ שטיין און וואַרטן אויף דיר?

דוד : דו ווילסט מיר ניט ענטפערן.

וויט : וואָס זאָל איך דיר ענטפערן?

דוד : צי דו נעמסט עס ערנסט. כ׳מיין די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. כ׳וועל רעדן מיט מיין גרופּן־פירער. ער וועט קומען דיך זען.

וויט : (מיט אַ שמייכל) מיינסט עס איז נאָך דאָ וואָס צו זען?

דוד : איך מיין, אַז דו קאָנסט דאָך זיין נוצלעך.

וויט : דאָך?

דוד : ער איז אַ טייערער בחור, מיין גרופּן־פירער. אַ ספּעץ אין ווערבירן נייע מיטגלידער. ער וועט דיר שוין עפּענען די אויגן... וואַרט, דו קענסט דאָך אים... גאָר פאַרגעסן. שמעון. געדענקסט נאָך שמעונען?

וויט : אוודאי געדענק איך אים... איך וועל אים אַליין גיין אויפזוכן.

דוד : (באַגייסטערט) איצט הער איך ווערטער. גיי, גיי זוך אים אויף. איך וועל דיר זאָגן גענוי וואו דו קענסט אים באַגעגענען...

וויט : און אויף וועמען זאָל איך זיך פאַררופן?

דוד : וואָס הייסט אויף וועמען? אויף מיר. וועסט זאָגן סאַשאַ און עס וועט זיין גענוג.

וויט : (אומגעדולדיק) דיין צונג איז לענגער ווי איך האָב מיר פאַרגעשטעלט.

דוד : (דערשטוינט) וואָס טוט זיך מיט דיר, איציק, עס איז געוואָרן אוממעגלעך צו רעדן אַ וואָרט מיט דיר.

וויט : (מיט געצוימטער אויפרעגונג) די תורה פון קאָנספּיראַציע איז, זע איך, ניט מאָדערן אין דיין קאַמפּס־באַוועגונג.

דוד : איך רעד דאָך מיט דיר, מענטש איינער.

וויט : איז וואָס, אַז מיט מיר?

דוד : איך קאָן איינשטעלן דעם קאָפּ, אַז דו וועסט קיינעם ניט אויסגעבן וואָס איך האָב דאָ גערעדט מיט דיר.

וויט : און איך בין ניט אַזוי זיכער.

דוד : (פאַרשנדיק) זיי ניט ברוגז, נאָר עפּעס איז דער מער מיט דיר.

וויט : אַזוי מיינסטו?

דוד : דיין גאַנץ רעדן איז עפּעס מאָדנע. קאַפּויערדיק, וואָלט איך געזאָגט. וואָס איז, איציק?... גלייך אין אָנהייב האָב איך באַמערקט, ווי עס וואָלט געווען דו און דאָך ניט דו. זעסט שלעכט אויס, דו ווייסט? אויסגעבלייכט, זייער אויס־געבלייכט.

וויט : טאַקע?

דוד : דו ביסט עפּעס ניט געזונט?... כ׳מיין די נערוון.

וויט : יאָ. טיילמאָל פאַרפעלט מיר געדולד. די האַנט הייבט מיך אָן קיצלען און כ׳וואָלט עמעצן דערלאַנגט אין די ציינער.

דוד : כ׳מיין ניט קיין שפּאַס. ליידסט שוין לאַנג דערויף?

וויט : זייט איך בין אין געטאָ. נו, דוד מיין געדולד האַלט טאַקע ביים פּלאַצן.

דוד : (דערשראָקן) באַרואיק זיך... די היץ ווירקט שלעכט... איך וועל אַריינגיין נעמען אַ באָד... (באַטראַכט ווידער וויטענבערגן)

וויט : נו, וואָס שטייסטו?

דוד : כ׳בעט דיך, רעג זיך ניט אויף. איך גיי שוין. (לאָזט זיך גיין)

וויט : (רופט אים נאָך) און טאָמער זעען מיר זיך ניט ווען דו קומסט אַרויס, זאָלסטו ניט פאַרגעסן צו גריסן געגנסן פון מיר.

דוד : (בלייבט שטיין אין טיר פון די באָד־צימערלעך) וועמען?

וויט : יעקב געגנסן. דו ביסט, דוכט זיך, אַן איינגייער אין זיינע הינטער־טירן.

דוד : (צעטומלט) וואָס פאַלט דיר איין?

וויט : איך האָב האַלוצינאַציעס אַזעלכע. נו, וואָס קוקסטו מיך אָן?

דוד : ג־גאָרניט... גאָרניט... (פאַרשווינדט)

(וויטענבערג בלייבט שטיין אין מיטן פון דער סצענע. זיינע דלאָניעס קנוילן זיך צוזאַמען אין פויסטן. **דינה** אנטשליסט זיך איצטער אים צו פאַרהאַלטן. דינה זעט אויס פיל עלטער פון איר מאַן. איר פנים איז מאַט, פאַרלאָשן. אַ פאַרביסענער ווייטיק ליגט אין די קנייטשן פון אירע צוזאַמענגעצויגענע ברעמען. זי מאַכט דעם איינדרוק פון אַ געשלאָגענער חיה, וואָס לאָזט זיך ניט אומוואַרפן פון די פיס)

דינה : (מיט אַ קרעכץ) איציק!

וויט : (גיט אַ צוק מיט די אַקסלען. דרייט זיך אויס צו איר) איצטער... דו?

דינה : איך וויל רעדן מיט דיר.

וויט : אפשר מאָרגן?

דינה : ניין. שוין.

וויט : (פאַרשנדיק) עס איז עפּעס געשען? וואָס מאַכן די קינדער?

דינה : פאַרוואָס קומסטו ניט זען וואָס זיי מאַכן?

וויט : וואַרט אַ ווייַלע. (פאַרשווינדט אין זיין צימער. קומט אַרויס מיט אַ פּעקעלע) דאָ האָסטו אַ האַלב ברויט מיט אַ ביסל צוקער.

דינה : האַלט עס דיר געזונטערהייט.

וויט : וואָס ווילסטו?

דינה : דיך וויל איך. (קוקן זיך אָן לאַנג. פרעמד) איך וויל אַ טאַטן צו די קינדער.

וויט : הייבסט ווידער אָן?

דינה : פון אַלע בין איך די אומגליקלעכסטע. פון גאַנצן געטאָ. אַן אלמנה נאָך אַ לעבעדיקן מאַן בין איך און די קינדער יתומים נאָך אַ לעבעדיקן טאַטן.

וויט : ווייל איך לעב ביסטו אַזוי אומגליקלעך?

דינה : ס'איז מיר אַ חרפה און אַ בושה פאַר מענטשן. אַ בושה פאַר די קינדער. פאַרוואָס פאַרשטייסטו עס ניט?

וויט : עס איז ניט קיין חרפה פאַר אונדזביידן. דאָס איז די הויפּט־זאַך. וואָס מענטשן זאָגן גייט מיך ניט אָן.

דינה : דו רעכנסט זיך דאָך מיט מענטשן.

וויט : איך האָב דען ווער(עמען) באַעוולט?

דינה : חלילה. בלויז דיין ווייב און דיינע קינדער. און וואָס די קינדער זאָגן גייט דיך יאָ אָן?

וויט : זיי וועלן מיר אַמאָל מוחל זיין.

דינה : זיי וועלן דיר קיינמאָל ניט מוחל זיין... ווייסטו וואָס אין זייערע הערצער טוט זיך? ווייסטו וואָס עס פילט דער קליינער אין אַזאַ אימהדיקער נאַכט ווען מען זיצט באַהאַלטן? „מאַמע" — זאָגט ער אַנומלטן צו מיר — „ווען דער טאַטע וואָלט דאָ געווען וואָלט ס'האַרץ מיר אַזוי ניט געקלאַפּט..." מיינסט ער וועט עס דיר פאַרגעסן? מילא איך... אָבער צו די קינדער געהערסטו דאָך.

וויט : (האַלב צו זיך) איך געהער צו זיי, אָבער אַנדערש.

דינה : וואָס זאָגסטו?

וויט : גאָרניט. מיר האָבן קיינמאָל ניט געקאָנט רעדן צו זיך און איצטער אוודאי ניט.

דינה : און דאָך האָבן מיר טיילמאָל גערעדט.

וויט : נו, געדענקסטו ניט ווי עס איז געווען? מיר האָבן זיך ביידע געטרונקען אין אַ ים פון ווערטער און סיווי זיך ניט דערהערט.

דינה : פּרוּוו היינט.

וויט : היינט רעדן?

דינה : יאָ. ס׳איז דאָס איינציקע, וואָס איז אונדז נאָך געבליבן. וואָס קען אונדז נאָך אָפּראַטעווען.

וויט : היינט איז צו שפּעט פאַר רייד.

דינה : (פאַרצווייפלט) וואָס זאָל איך טון? (לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ)

וויט : אַהיימגיין... דו וויינסט? ביסט ווידער געקומען וויינען פאַר מיר?

דינה : ניין, ניין, עס האָט ניט קיין זין צו וויינען פאַר דיר. בלויז פאַר פרעמדע טרערן האָסטו אַ ווייך האַרץ. אַ דין אויער פאַר פרעמדע קרעכצן און אַ שמייכל פאַר אַלע קינדער אין דער וועלט בלויז ניט פאַר דיינע.

וויט : ניט אמת.

דינה : ניט אמת? מיינסט כ׳האָב ניט געהערט ווי דו האָסט גערעדט צו די צוויי יינגלעך? און דיינער, דער קליינינקער קוקט דיך אויס דורך טעג און נעכט. ער ציטערט דאָך אויף פון פרייד בלויז ווען ער הערט אַ שטימע, וואָס איז ענלעך צו דיינער.

וויט : (פאַרבענקט) דער קליינער...

דינה : אייביק ביסטו געווען אַזוי. דער גאַנצער וועלטס דאגות אויף דיין קאָפּ, נאָר ניט דיינע אייגענע. אויף ווינטער האָסטו דעם אַלטן הערשבער די פענצטער מיט וואַטע פאַרשטאָפּט, די טיר אַרומגעקלאָפּט... אַ זקן נעבעך. און אין דיין אייגענער שטוב האָט דער ווינט פראַנק און פריי אַרומגעטאַנצט. ס׳האָט דיך אסור געאַרט. און בלויז דאָס? דעם לעצטן גראָשן האָסטו דען ניט פון שטוב אַרויסגעטראָגן? אַ קלייניקייט. דער האָט ניט קיין מילך פאַרן קינד, יענער אַרבעט ניט...

וויט : מיר איז בעסער געווען פון זיי. אַ סימן האָסטו, אַז איך האָב זיי געקאָנט העלפן.

דינה : יאָ. דו האָסט פון זיך אַ תל געמאַכט און פאַר אַנדערע זיך מקריב געווען.

וויט : (מיט אַ שמייכל) פאַר דיר מער ווי פאַר אַלעמען.

דינה : פאַר מיר?... דו האָסט זיך פאַר מיר מקריב געווען? מיט וואָס אַ שטייגער? גרוי און אַלט בין איך דאָך ביי דיר געוואָרן, פון אויסקוקן דיך אין די נעכט ווען דו ביסט געגאַנגען ראַטעווען די וועלט. און דו, האָסט מיר דען אַ גוט וואָרט געזאָגט? אַ שמייכל געטון?

וויט : פאַרוואָסזשע ווילסטו מיך צוריק? איז דאָך דיר איצטער בעסער.

דינה : איך האָב זיך דען אַמאָל געקלאָגט פאַר דיר?

וויט : פאַרוואָס קלאָגסטו זיך היינט?

דינה : זאָלסט ניט זאָגן, אַז דו האָסט זיך פאַר מיר מקריב געווען.

וויט : און דו זאָלסט מיר באַווייזן, אַז עס איז געווען גאָר פאַר־קערט.

דינה : איך האָב אַלץ גענומען פאַר ליב.

וויט : דאָס הייסט אויך זיך מקריב זיין. נעמען פאַר ליב וואָס מען האָט גאָרניט ליב. לאָמיר בעסער אויפהערן, דינה, איך בעט דיך.

דינה : איך וויל ניט אויפהערן.

וויט : ווילסט איך זאָל זיך אויך אָנהייבן קלאָגן פאַר דיר? עס איז דאָך שוין פאַרביי... איך האָב אַ לעבן לאַנג פאַרבראַכט מיט דיר. עס איז ניט גוט געווען. אַלץ וואָס איך האָב ליב געהאַט האָסטו געהאַסט, אַלץ וואָס איך האָב געטון מיט התלהבות האָט ביי דיר אַרויסגערופן געלעכטער. דער אידעאַל פון מיין לעבן איז ביי דיר געווען מיט בלאָטע צו גלייך... מיר זיינען געזעסן אין דעם זעלבן שיפל, אָבער געשוואומען אין פאַרקערטע ריכטונגען...

דינה : און איצט, ווען דאָס שיפל האַלט ביים אונטערגיין נעמסטו זיך אָן מיט כוח אַרויסצושפרינגען דערפון?

וויט : איצט מוז איך זיין פריי.

דינה : אוודאי, איצטער איז בעסער צו זיין פריי.

וויט : איך מוז זיין אַ גאַנצער.

דינה : ביסט אַן עגאָיסט... דאָס איז דער ריינער אמת וועגן דיר. צייט געהאַט דיך צו דערקענען... וואָס איז דען דיין גאַנץ מקריב זיין זיך פאַר דער וועלט? דו ווילסט געפעלן ווערן, אַט וואָס עס איז. דו האָסט ליב מען זאָל האַלטן פון דיר. מענטשן זאָלן זאָגן: דער וויטענבערג, ער איז דען אַ מענטש? אַ מלאך איז ער, אַ גוטע נשמה...

וויט : איך וויל נאָך מער ווי דאָס. איך וויל געפעלן ווערן זיך אַליין. איך וויל קענען זאָגן צו זיך: איציק, אַזעלכער ווי דו ביסט, איז שוין באַלד נשקשה מיט דיר...

דינה : איצט מעגסטו עס זאָגן. מעגסט זיין צופרידן מיט זיך. די מאַמע פון דיינע קינדער שטייט דאָ פאַר דיר, דאָס ווייב, וואָס דו האָסט אָפּגעלעבט מיט איר גאַנצע זיבעצן יאָר און דו שניידסט איבער איר קאָפּ ווי מיט אַ בייטש.

וויט : איך האָב געוואָלט שווייגן.

דינה : פילסטו כאָטש וואָס דו טוסט מיר?

וויט : איך קאָן ניט העלפן.

דינה : דו קאָנסט. קום צוריק אַהיים.

וויט : פאַרגעס דערוועגן.

דינה : איך וועל ווערן אַנדערש. וועסט זען. אַמאָל האָב איך אויסגעקוקט אַ גוט וואָרט פון דיר, אַ שמייכל...

וויט : צו דעם קאָן מען זיך ניט צווינגען.

דינה : איך וועל עס מער ניט דערוואַרטן. בלויז זיי מיט אונדז. עס וועט מיך מער ניט אָנגיין וואו דו גייסט און וואָס דו טוסט.

וויט : עס וועט דיך ניט אָנגיין, האַ?

דינה : ניין. (מיט געבעט) בלויז זיי מיט אונדז... איציק, געדענקסט אַמאָל...

וויט : ווידער דער אַמאָל. ניטאָ קיין אַמאָל מער, דינה, פאַרשטייסט?

דינה : ביסט גערעכט. איצט איז טויזנט מאָל ערגער ווי אַמאָל. דאָך געווען גוטע טעג צוזאַמען. פאַרוואָס דערמאָנסטו זיך

בלויז די שלעכטע, האַ? יענער זומער... געדענקסט יענעם זומער?...

(עס קומט אריין **יונה**, דער באַד־אויפזעער. נאָך אים לויפן די יינגלעך, פאלקע און שלומקע מיט נאַסע האָר און נאָכ־לעסיק אַרויפגעצויגענע בגדים. יונה האַלט אין דער האַנט אַ פייגעלע. ער גייט צו צו וויטענבערגן)

**יונה** : איציק, זע נאָר, כ׳האָב אַ פויגל. (וויטענבערג און דינה קוקן זיך אָן מיט צעשטרייטע בליקן)

**פאלקע** : ער האָט אים געפונען. אַ לעבעדיקער פויגל.

**יונה** : כ׳זיץ דרינען ביים פענצטער, פלוצים זע איך, עפּעס פאַלט אַראָפּ פון דאַך. בין איך אַרויסגעגאַנגען און אים אויפ־געהויבן.

**וויט** : וואָס איז דער מער מיט אים?

**שלומקע** : ער האָט צעבראָכן די פליגלען.

**פאלקע** : אַ קראַנקער פויגל.

**יונה** : זע נאָר, ווי ער צאַפּלט זיך.

**שלומקע** : ער האָט מורא.

**פאלקע** : (צו יונהן) איך קאָן היילן קראַנקע פייגל. גיב אים מיר.

**יונה** : וואַרט אַ מינוט, יונגערמאַן, מען מוז פריער זען, וואָס אים קוועלט.

**פאלקע** : קום אַהער צום פענצטער, דאָ איז מער לופט.

**יונה** : (וואַרפט אַ בליק אויף וויט און דינהן) ביסט גערעכט. דאָרט איז מער לופט. (צו פאַלקען) פאַרשפּילע נאָר די הויזן, חבר, קאָנסט זיי נאָך פאַרלירן.

**פאלקע** : (צעהיצט) וואו האָב איך ערגעץ דאָס שטריקל? אוודאי איבערגעלאָזן דרינען. כ׳לויף עס ברענגען וואַרט אַ מינוט־קעלע, טו גאָרניט אָן מיר. איך קאָן היילן קראַנקע פייגל... (אָפּ אין טיר פון די באַד־צימערלעך)

**יונה** : (ביים פענצטער. צו עקיבאן) איר זעט, רב ייד, אַ געטאָ פויגל. מען דאַרף אים צוטשעפּען אַ געלע לאַטע.

**עקיבא** : פון וואַנען ווייסט איר, אַז ער איז אַ געטאָ־פויגל?

יונה : (מיט אַ שמייכל) ווייל ער קאָן ניט פליען.

עקיבא : אַן אמתער פויגל קאָן אין געטאָ אויך פליען.

שלומקע : (צו עקיבאן) איר מיינט צו זאָגן, אַז דאָס איז ניט קיין אמתער פויגל?

עקיבא : וואָס איז דאָס פאַראַ פויגל, אַז ער פליט ניט?

שלומקע : קוקט, ער לעבט דאָך, ער רירט זיך.

עקיבא : אַ פויגל דאַרף פליען. פליט ער ניט, לעבט ער ניט. אַפילו ווען ער לעבט.

שלומקע : ער איז קראַנק.

עקיבא : .דאָס איז עס טאַקע.

פאלקע : (קומט צוריק בינדנדיק די הויזן מיט אַ שטריקל) נו, וואָס הערט זיך?

שלומקע : נאָך גאָרניט.

(אלע באטראכטן דעם פויגל).

דינה : (צו וויט) קיין איין מאַן פון דער אָרגאַניזאַציע דיינער האָט ניט פארלאָזן זיין ווייב צוליב דעם. בלויז דו איינער.

וויט : איך האָב דיר שוין געזאָגט. מיך מוז זי האָבן אינגאַנצן.

דינה : (פלוצים. מיט צווײַדײַטיקן געלעכטער) זי, זי מוז דיך האָבן...

וויט : וואָס איז דאָס לאַכן?

דינה : גאָרניט. איך וויל דיר ווייזן, אַז איך קאָן אַמאָל לאַכן אויך.

וויט : עס גרילצט מיר אין די אויערן.

דינה : אוודאי, דאָס איז דיין פיינטשאַפט צו מיר... וואָס איך זאָל ניט טון און וואָס איך זאָל ניט זאָגן, וועט דיר גרילצן אין די אויערן.

וויט : לאָז מיך שוין צורו.

דינה : איך לאָך ניט מער. זעסט? זאָג מיר בלויז, פון וועמען גייסטו מאַכן ס׳געוואַר? די וועלט האָסטו ניט געקאָנט ראַטעווען. איצט גייסטו מיר איינרעדן, אַז די ווילסט ראַטעווען די יידן? דו זעסט גאנץ גוט, אז דאָס איז א פארשפּילטע זאך.

וויט : נו, ווייל איך ראַטעווען אַ פאַרשפּילטע זאַך.

דינה : דו ווייסט, אַז אַלץ איז פאַרפאַלן.

וויט : איך ווייס, אַז אַלץ איז פאַרפאַלן, און אַז מען קאָן דאָך עפּעס ראַטעווען.

דינה : דו זעסט וואוהין מיר גייען אַלע.

וויט : יאָ. איך זע.

דינה : טאָ וואָס רעדסטו פון ראַטעווען?

וויט : די האָפענונג וויל איך ראַטעווען. אַ מענטש וואָס לעבט, האָפט. איך וויל דאָס געטאָ זאָל אַרויס מיט געווער אין האַנט. איך וויל, אַז יעדער מאַן און יעדע פרוי, יעדעס קינד אַפילו זאָל ניט פילן, אַז ער קומט אום. ווען מען קעמפט פאַרן לעבן לעבט מען... און ווען מען לעבט קאָן געשען מען זאָל אַנטלויפן פון טויט דורך אומגעריכטע וועגן. און דו ווייסט וואָס נאָך? קיינער וועט דעם דייטש ניט באַשטראָפן, אויב ניט מיר אַליין. קיינעמס שטראָף וועט זיי ניט אַזוי וויי טון. דאָס איז וואָס איך וויל... פאַרשטייסט? גלויב מיר, עס איז די לעצטע און העכסטע צייט זאָלסט מיך פאַרשטיין. זאָלסט קענען זאָגן דעם קליינעם... דעם גרויסן, אויב ער וועט אַמאָל פרעגן. איך דאַרף דו זאָלסט מיך פאַרשטיין. כאָטש דאָס מאָל. איך דאַרף עס פאַר מיר און פאַר דיר אַליין... רעד אַ וואָרט... איצטער שווייגסטו...

דינה : (פאַרזיכטיק) און... אויב איך וואָלט פאַרשטאַנען, וואָלסטו דען צוריקגעקומען?...

וויט : (ביטער) די פראַגע באַווייזט מיר...

דינה : זי באַווייזט גאָרניט. איך וויל מיר זאָלן די לעצטע טעג כאָטש זיין צוזאַמען. אויב ניט דאָס גאַנצע לעבן איז כאָטש די לעצטע טעג...

וויט : מיינסטו, אַז די לעצטע טעג קענען גאַנץ מאַכן די צעבראָכנ־קייט פון אַ לעבן?

דינה : דאָס איז מיין האָפענונג. איציק, ראַטעווע אויך מיין האָפענונג.

וויט : איך גלויב ניט אין איר. קען איך פאַר איר גאָרניט טון. דו ווייסט דאָך דעם אמת. דו ביסט מיר אַ פרעמדע...

איך מיין אַ פּרעמדע אָט דאָ... (ווייזט אויפן האַרץ) פון אַן אַנדערער פּרוי וואָלט איך אפשר טאַקע איצט ניט געדאַרפט אָוועקגיין. זי וואָלט געגאַנגען מיט מיר, ווי עס זיינען געגאַנגען די פרויען פון מיינע חברים. אָבער פון דיר מוז איך גיין... עס טוט ווידער זויי, וואָס?... אָבער מיר ווייסן עס דאָך ביידע שוין פון לאַנג. איך האָב דיך ניט פיינט. פאַרוואָס זאָלסטו טראַכטן, אַז איך האָב דיך פיינט?

דינה : נו יאָ, דו האָסט דאָך ניט פיינט קיין פרעמדע. איך בין דאָך עפּעס אַן אָרעמע געטאָ־פרוי...

וויט : ניט בלויז דאָס.

דינה : אָ, ניט בלויז דאָס...

וויט : דו ביסט די מאַמע פון מיינע קינדער.

דינה : אַ גרויסע זאַך.

וויט : און דו ביסט דער מענטש ווען איך האָב אפשר אַממערסטן באַעוולט אין מיין לעבן.

דינה : (איראָניש) טאַקע, דו פילסט זיך שולדיק לגבי מיר? זייער שיין פון דיין זייט.

וויט : איך זאָג ניט, אַז איך פיל זיך שולדיק. איך זאָג נאָר ווי עס איז.

דינה : אַ שיינעם דאַנק דיר פאַר די אַלע גוטע, האַרציקע ווערטער. איצט וועט מיר שוין לייכטער זיין צו טראָגן מיין פעקל צרות.

וויט : שוין ווידער דו מיט דיין פעקל צרות.

דינה : האָסט דאָך ערשט אַליין גערעדט דערוועגן.

וויט : האָסט נאָר אין זינען זיך און דיין פעקל צרות.

דינה : נאָר זיך? און דיך און די קינדער?

וויט : און וואָס נאָך?

דינה : עס איז דיר נאָך ווייניק? האָסט נאָך עפּעס צו דערלייגן? (קוקן זיך ביידע אָן אומבאַהאָלפן)

יונה : (צו וויט) איציק, ער וועט לעבן! מען קאָן אים ראַטעווען.

פאַלקע : (צולויפנדיק צו וויט) ער האָט ניט קיין צעבראָכענע פליגל. איך האָב באַלד געזען.

שלומקע : (צו יונהן) לאָז מיך אים אַ גלעט טון.

יונה : פריער דאַרף מען אים ראַטעווען. שפּעטער וועסטו אים גלעטן.

עקיבא : לאָז אים אַ גלעט טון. זאָל ער זען, דער פויגל, אַז ער איז צווישן אייגענע.

פאַלקע : (צו וויט) די פעדערן אויף די פליגל האָבן זיך אים צוזאַמענ־געקלעפּט.

יונה : מען וואָלט אים געדאַרפן מאַכן אַ וואַנע.

פאַלקע : (צו וויט) אוודאי. מען קאָן אים אָפּוואַשן דאָס קלעפּעכץ און באַלד וועט ער פליען...

יונה : (קומט צו צו וויט מיטן פויגל אין האַנט) וואָס זאָגסטו, איציק, ער וועט נאָך זיין אַ לייט?

וויט : פאַרוואָס פּוצסטו אים ניט אויס די פליגלען?

יונה : גוט געזאָגט. ס'איז אַ מעשה אויף אַ צוויי שעה. יעדער פעדערל מוז מען צענעמען.

פאַלקע : גיב אים מיר. איך וועל עס טון.

שלומקע : גיב אים בעסער מיר, יונה...

יונה : נעמט אים און מאַכט פון אים אַ לייט.

שלומקע : (כאַפּט דעם פויגל פון יונהס האַנט. יונה אָפּ) דאָס האַרץ קלאַפּט אים אַזוי!

פאַלקע : ווייל ער האָט מורא פאַר דיר. דו קענסט ניט היילן קיין קראַנקע פייגל.

שלומקע : איך קען. איך האָב ליב פייגל. מיר וועלן אים האָבןביידע, יאָ?

פאַלקע : דו דאַרפסט אים ניט.

שלומקע : איך דאַרף אַ פויגל, פאַלקע. איך מוז האָבן אַ פויגל.

פאַלקע : דו האָסט אַ טאַטן און אַ שוועסטער.

שלומקע : אָבער קיין פויגל האָב איך ניט. (גיט פאַלקען דעם פויגל) נאַ, נעם אים אויף אַ רגע.

פאַלקע : (גלעט דעם פויגל. רעדט צו אים) האָב ניט קיין מורא, דו ביסט ניט קראַנק. בלויז ווי געבונדן ביסטו. שלומקע, האָסט

געזען? ער האָט א פינטל געטון מיט די אויגן. מען דאַרף רעדן צו אים ווייכע רייד. דאָס וועט אים גוט מאַכן. וואָספאַראַ דינע פעדערן ער האָט... אַ ווייך בייכעלע... גיב מיר אים, שלומקע...

שלומקע : ניין.

פאלקע : אַז מען האָט עמעצן ליב גיט מען אים אַוועק וואָס מען וויל אַליין האָבן.

שלומקע : וואָס ווילסטו פון מיר?

פאלקע : איך וויל אויך עמעצן האָבן פאַר מיר... אַ קראַנק פייגעלע...

שלומקע : אָבער, פאַלקע...

פאלקע : איך בעט דיך...

שלומקע : הער מיך שוין אויף צו בעטן... נעם דיר אים און פּערטיק.

פאלקע : דו ביסט אַ גוטער. (באַגייסטערט) איך האָב אַ פויגל! מיין פויגל! (קינדער אפּ)

וויט : (צו דינהן) נעם שוין דאָס ברויט. וועסט האָבן פאַרן קליינעם.

דינה : (נעמט ס׳ברויט) ער דאַרף דיך מער ווי ס׳ברויט.

וויט : און איצטער גיי.

דינה : דו ביסט שוין פערטיק מיט מיר, האַ?

וויט : עס וועט ווערן שפּעט.

דינה : דו דאַרפסט לויפן צו איר.

וויט : וואָס זאָגסטו?

דינה : דו דארפסט לויפן צו איר, צו דער אָרגאַניזאַציע דיינער, זאָג איך. (לאַכט פאַלש)

וויט : ווידער דאָס געלעכטער.

דינה : דו געהערסט צו איר. דו האָסט זיך „אָרגאַניזירט", האַ?

וויט : איצט פאַרשטיי איך דיין קומען אַהער.

דינה : וואָס מאַכט זי, די פּוילישע מויד? בלוט און מילך, הא? (לאַכט)

וויט : עס וואָלט שוין טאַקע בעסער געווען ווען דו וויינסט.

דינה : איציק, איך וועל דיך ניט לאָזן צורו. מעגסט עס דיר געדענקען.

וויט : האָסט מיך שוין צורו געלאָזט. אָט אין דעם מאָמענט טאקע. קאָנסט גיין.

דינה : (וויינט זיך פונאַנדער) פאַרוואָס טרייבסטו מיך?... (מיט געבעט) ביי אַלע מענער און פרויען איז אַזוי. מען קאָן ניט לעבן אייביק בשלום.

וויט : איך ווייס.

דינה : וואָס דען ווילסטו?

וויט : איך האָב אַלעמאָל געזוכט אַביסל שיינקייט. אַביסל ליכ־טיקייט אַרום זיך.

דינה : איצט האָסטו עס געפונען ביי איר?

וויט : איך בוי ניט מיין לעבן אויף איצטער. גיי אַהיים. עס איז ניט ווי דיר דוכט זיך. זע איבערצוהאַלטן. איך וועל אויסזוכן אַ גוטע מאַלינע פאַר דיר און די קינדער. האָב ניט אין זינען אַזעלכע זאַכן...

דינה : גענוג. אַז דו האָסט זיי אין זינען, וואָס?

וויט : גיי שוין.

דינה : דו האָסט זי ליב.

וויט : גיי האָסטו געהערט.

דינה : דיין קול גיט דיך אויס. עס ציטערט.

וויט : דינה!

דינה : דו האָסט זי ליב!

(קוריער פון פפ״אָ באַווייזט זיך אין טיר. לויפט שנעל צו צו וויט, רוימט אים עפעס איין אויפן אויער. קוריער און וויטענבערג פאַרשווינדן אין זיין צימער. עקיבא רוקט זיך צו צו דינהן)

עקיבא : (צו דינהן) פייניק אים ניט, טאָכטער. (זי קוקט אים אָן פרעגנדיק) העלף אים. מיר דאַרפן אים אַלע העלפן.

דינה : אים דאַרף מען גאָר העלפן?

עקיבא : ער טראָגט אַ גרויסן עול אויף זיינע פּלייצעס.

דינה : איך ווייס. דעם עול פון דער גאַנצער וועלט. זאָרגט זיך ניט פאַר אים. דאָס קומט אים קיינמאָל ניט אָן צו שווער.

דעם עול פון זיין היים קען ער נאָר ניט טראָגן. דאָס איז אים צו שווער.

עקיבא : דו פאַרשטייסט אים ניט.

דינה : איך בין זיין ווייב.

עקיבא : איז וואָס?

דינה : איך האָב אים ליב.

עקיבא : אַן ענגע ליבע איז דאָס. דערפאַר רייסט ער זיך פון איר.

דינה : ער האָט זיך שוין אַרויסגעריסן.

עקיבא : ער האָט געמוזט.

דינה : און ווער זייט איר דאָס וואָס איר שטעלט זיך אַזוי איין פאַר אים?

עקיבא : זיינער אַ חסיד.

דינה : איר? זיינער אַ חסיד?

עקיבא : דו גלויבסט ניט, האַ? ווי קומט עס וואָס דער קליינינקער מאַן דיינער, דער וואָס איז פאַרפלאָנטערט אין דיין אָרעמען לעבן זאָל גאָר האָבן חסידים? ביי דיר אין די אויגן איז ער ניט ווערט קיין סך.

דינה : איך קאָן אים צו גוט.

עקיבא : צו שלעכט.

דינה : זיבעצן יאָר מיט אים אָפגעלעבט. ניט גענוג?

עקיבא : אַ רגע קאָן אַמאָל גענוג זיין און אַ לעבן קאָן זיין צו ווייניק. (קוריער און וויטענבערג באַווייזן זיך אין טיר. וויטענבערגס פּנים איז פאַרענדערט. עס איז צו דערקענען, אַז ער האָט ערשט באַקומען אַן אויפטרייסלענדיקע ידיעה. קוריער איילט זיך צו דער אַרויסגאַנג־טיר. וויט פאַרהאַלט אים)

וויט : נאָך אַ מינוט. (קוריער קערט זיך צוריק) דעם קעמפער סאַשאַ, דוד ראָזענבערג איז זיין אמתער נאָמען, מען דאַרף אים באַזייטיקן פון יעדער טעטיקייט. ער איז אין שמעונס קאַמפּס־גרופּע.

קוריער : צום באַפעל! (אָפּ)

(וויטענבערג גייט צו צו דינהן. רעדט צו איר מיט פאַר־ענדערטער, כמעט צערטלעכער שטימע)

**וויט** : דינה, זאָרג זיך ניט. גיי, גיי אַהיים איך בעט דיך.

**דינה** : (פאַרעקשנט) איך וועל דאָ בלייבן ווי לאַנג מיר וועט געפעלן.

**וויט** : טו מיר אַ טובה...

**דינה** : זע נאָר ווי צאַרט ער ווערט, ווען ער וויל פון מיר פטור ווערן. נאָר צו גיין בעטסטו מיך. (באַמערקט מיטאַמאָל וויטענבערגס בלייכקייט) איציק, וואָס איז געשען?

**וויט** : גאָרניט. גיי שוין.

**דינה** : ביסט ניט אַמאָל קראַנק, איציק?

**וויט** : איך הייס דיך גיין. (אין כעס) די מינוט, פאַרשטייסט?!

(דוד, אַן אויסגעבאָדענער קומט אַרויס פון די באָד־צימערן)

**דוד** : (צו וויט) אַזוי ליבסטו דיין פאָלק, חבר פאַרוואַלטער? אויף אַלטע פרויען וואַרפסטו אַ פחד אַן? (צו דינהן) אַמאָל האָט ער ניט געקאָנט דאָס מויל עפענען און היינט האָט ער זיך אויסגעלערנט שרייען. (קלאַפּט איר איבערן אַקסל) זאָרגט זיך ניט, טייערינקע, די וועלט איז נאָך ניט זיינע. מען וועט זיך נאָך אָפּרעכענען מיט אים און אַזעלכע ווי ער. (דינה און דוד אָפּ. וויט בלייבט שטיין אין מיטן פון סצענע. די אַראָפּגעלאָזענע הענט באַקומען צוריק זייער הילפלאָזע שווערקייט)

**עקיבא** : (פון דער זייט) מיד?

**וויט** : ניין. ניט מיד. מען דאַרף בלויז אָפּטרייסלען די ביטערקייט. (נעמט אַרויס אַ פּאַפּיראָס פון קעשענע. זוכט אַ שוועבעלע)

**עקיבא** : (צינדט אָן אַ שוועבעלע) אָט האָסטו פייער.

**וויט** : (פאַררויכערט. אָטעמט אָפּ. באַטראַכט עקיבאן) איר זייט מיר זייער קענטלעך, רב ייד.

**עקיבא** : דו מיר אויך, זון מיינער...

(ביידע קוקן זיך אָן וואַרעם, נאָענט.)

## פאָרהאַנג

# אקט צווײ
## בילד אײנס

אַ שעה שפּעטער, דעם זעלבן אָוונט. די סצענע שטעלט פאָר אַ גרויס צימער. פון דער רעכטער זײט — אַ פענצטער און אַ טיר. דאָס פענצטער איז פאַרהאָנגען מיט אַ שוואַרצער פאַטשײלע. אין טיר — אַ קלײנע עפענונג אַרויסצוקוקן און זען ווער עס קומט... אין הינטערגרונט שטײט אַ בעט איבערגעדעקט מיט אַ גרויען קאָץ. ניט ווײט פון בעט — די קיך. אויף איר — טעפּ מיט קאָכנדיקן עסן. אין דער וואַנט לינקס איז פאַראַן אַ צווײטע טיר. זי פירט אין אַ קעמערל אַרײַן. דערנעבן, אין דער זעלבער וואַנט געפינט זיך אַ האַלב־מאַסקירטע עפענונג פון אַ שאַפע. אירע טירן זײַנען איצטער אָפן. עס קוקן אַרויס פון דאָרט פאַרשידענע געווער־שטיקער און אַמוניציע.

אין מיטן צימער שטײט אַ גרויסער נאַקעטער טיש. פון בײדע זײַטן — צווײ לאַנגע בענק. אין הינטערגרונט רעכטס, אין סאַמע ווינקל שטײט אַ צווײטער טיש, אַ קלענערער. אויף אים שטײט איצטער אָפּגעדעקט אַ קלײנער ראַדיאָ־אָפּנעמער.

דאָ איז דער זיץ־אָרט פון שטאַב פון דער פפ״אָ. ווען דער פאָרהאַנג רוקט זיך אויף איז א לאנגע ווײלע שטיל אויף דער סצענע. **שלמה**, מיטגליד פון פאַרטיזאַנער־שטאַב שטײט נעבן גרויסן טיש איבערגעבויגן איבער אַ זאַק. ער שלעפּט פון דאָרט אַרויס געווער שטיקער פון פאַרשײדענע מינים. ער סדרט זײ אויס אויף דער לאַנגער באַנק און אויפן טיש גופא. יעדער שטיקל געווער באַטראַכט ער זאָרגפעליק און פאַרשרײבט אין אַ נאָטיץ־ביכל. בײם קלענערן טיש זיצט **עדזשע** איבערגעבויגן איבערן ראַדיאָ־אָפּנעמער. אויף די אויערן טראָגט זי הערערס. אין האַנט — אַ בלײער און אַ העפט. זי זיצט איבערגעבויגן איבערן טיש. איר פּנים זעט מען ניט. לסוף דערהערן זיך דרײ קורצע קלעפּ אין טיר. שלמה גײט צו, קוקט אַרויס דורך דער קלײנער עפענונג און ריגלט אויף די טיר. עס קומט אַרײַן **אסתּר**, מיטגליד פון פאַרטיזאַנער־שטאַב. זי וואַרפט אַן אײליקן בליק אין עדזשעס ריכטונג. איז אויפגערעגט. רעדט שטיל צו שלמהן.

אסתר : שלמה, מיין קרוין, איך ווייס ניט וואָס צו טון. עס פעלן מיר נאָך צוויי מאַוזערס.*

שלמה : (צוריקגייענדיק צו זיין אַרבעט) „מיין קרוין" האָסטו געזאָגט? ווי געוואַלד, אסתרקע, דערפאַר קומט דאָך דיר כאָטש אַ גאַנץ קעסטל מאַשין־געווער.

אסתר : נור צוויי, שלמה, איך בעט דיך, טו עס פאַר מיר.

שלמה : (לאַכט) בלויז דאָס וואָלט איך פאַר דיר געטון? פאַר דיר וואָלט איך באַדיי אַליין געוואָרן אַ פולעמיאָט. וואָס וואָלט מיר דעמאָלט געפעלט? וואָלסט מיך אַרומגענומען מיט דיינע וואַרעמע הענט, פעסט צוגעדריקט צו זיך און איך וואָלט געמאַכט פיף־פאַף, גלייך אין די דייטשע מונדירן אַריין. אוי, וואָלסטו נחת געהאַט פון מיר, דושינקע.

אסתר : (ערנסט) שלמה, איך איל זיך.

שלמה : (אַריינלייגנדיק דאָס געווער אין שאַפע) עס קאָן געמאָלן זיין איך זאָל נאָך ווערן אַ פולעמיאָט. וואָס מיינסטו? מיר לעבן דאָך עפּעס אין צייטן פון גרויסע ניסים. אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזים.

אסתר : (העלפנדיק אים אין דער אַרבעט) צוויי יונגען ווי די בערן בלייבן אָן אַ שטיקל געווער אין האַנט.

שלמה : מער ניט ווי צוויי? וואָס רעדסטו?

אסתר : דאָס וואָס דו הערסט.

שלמה : און די איבעריקע זיינען באַוואָפנט? אַלע?

אסתר : יאָ. מער ווייניקער.

שלמה : (קושט זי איןביידע באַקן) ביסט אַ מאַלאַדיעץ! פון וואַנען האָסטו גענומען? האָב איך דיר געגעבן?

אסתר : די יונגען וועלן מיר ניט שענקען טאָמער קום איך צוריק מיט ליידיקע הענט. דאַרפסט אָנקוקן יונגען אביסל. ריזן ניט קיין יונגען. דאָס האַרץ טוט ווי צו זען אַזעלכע חברה מיט ליידיקע הענט. איינער איז אַפילו געווען אַ קאַפּראַל.

---

*) מאַוזערס — רעוואָלווערן.

שלמה : ווען ער ביי אונדז זיין אַ גענעראַל. אַ גענעראַל דאַרף ניט קיין געווער.

אסתר : הער אויף מיט די וויצן. עס ווערט שפעט.

שלמה : פאַר אַ שפּאַס איז קיינמאָל ניט צו שפּעט.

אסתר : ניין. ביי דיר קיינמאָל ניט. (ווייזט אויף צוויי געווער שטיקער) גיב מיר די צוויי...

שלמה : (הערט ניט. באַגייסטערט) מיינע שפּאַסן הייבן זיך ערשט אָן. אסתרקע, מיין מלאך. ווען דו ווייסט ווי די ערד ברענט אונטער מיר. דאָס האַרץ זינגט ווי אַ פייגעלע, וואָס פליט אַרויס צו דער פרייהייט. גיסטו זיך אָפּ אַ רעכנונג דערפון? דאָס וואַרטן איז געענדיקט. ענדלעך. ענדלעך. מיר גייען קעמפן, מויד איינע. דאָס לעבן הייבט זיך איצט אָן. (ערנסט) האַלעווײַ וואָלטן מיר נאָר געהאַט וואָס מיר דאַרפן. דער עול רייסט מיר דעם קאָפּ אַראָפּ. צוויי חברה האָבן ביי דיר ניט קיין געווער? דו מעגסט דאָך זיין גליקלעך. ווייסט וויפל ליידיקע הענט מיר האָבן?... אַריינגעקומען היינט דאָס ביסל געווער ווען עס קוים קלעקן פאַר די בעסטע שיסער פון די נייע אָפּטיילונגען. צוגעקומען אויסער דעם פופציק פרויען, וואָס די מענער האָבן זיי געבראַכט. וואָס טוט מען מיט זיי?

אסתר : ביי די מינען־לייגערס קאָן צונויף־קומען אַ טייל און די איבעריקע אין די אויסשפיר־אָפּטיילונגען.

שלמה : נאָך פאַראַן אַזוי פיל צו טון, אַזוי פיל איינצושטעלן, אָרגאַ־ניזירן און דאָ... קאָן עס שוין געשען די נאַכט... (באַטראַכט אסתרן) וואָס ביסטו אַזוי פאַרכמורעט געוואָרן, דושינקע?

אסתר : איך? וואָס פאַלט דיר איין?

שלמה : עפּעס ליגט דיר אויפן האַרצן. איך זע דאָך.

אסתר : מיר גייען זיך ניט שפּילן, שלמה.

שלמה : אַזוי נעמסטו אויף מיין פרייד?

אסתר : עס קאָן געשען נאָך היינטיקע נאַכט, יאָ? און ווען וועלן מיר באַווייזן צו אָרגאַניזירן דאָס גאַנצע געטאָ?

שלמה : פאַרגעס דערוועגן. דאָס וועלן מיר קיינמאָל ניט באַווייזן.
(שוויגן) ווילסט עפּעס עסן ?

אסתר : ווי שפּעט איז ? איך וויל נאָך הערן דעם קאָמוניקאַט.

שלמה : (קוקט אויפן זייגער) נאָך אַ פּאָר מינוט. זאָל איך דיר דער־
וויל דערלאַנגען ?

אסתר : איך האָב ניט קיין געדולד.

שלמה : אַ סאָלדאַט מוז האָבן געדולד. זע נאָר ווי פאַרשוויצט דו
ביסט.

אסתר : (שפּאַרט זיך צו. שלעפּט אַראָפּ די שיך) אויף אַ רגעלע
נאָר . . .

שלמה : (דערלאַנגט איר אַ טעלער זופּ) עדזשע האָט מיר שוין צוגע־
וואונקען, אַז עס גרייטן זיך גוטע נייעסלעך . . . וואַרט, איך
וועל דיר עפּעס ווייזן. (נעמט אַרויס פון שופלאָד אַ נייעם
שפּייער) זע נאָר דאָס שפּייערל, דושינקע, קוק עס נאָר אָן.
עס איז ווערט גאָלד, דו הערסט ?

אסתר : (מיטאַממאָל אויפגעהייטערט) איך האָב אויך עפּעס.

שלמה : אויך אַ נייעם ?

אסתר : ניט קיין שפּייער.

שלמה : וואָס דען ?

אסתר : אַ ליד. (נעמט אַרויס פון קעשענע אַ שטיקל פּאַפּיר)

שלמה : אַ ליד ?

אסתר : יאָ. עס איז שטאַרקער פון צען שפּייערס.

שלמה : לאָמיר הערן.

אסתר : וואַרט אויף עדזשען. יעקב זאָגט, אַז דאָס וועט ווערן אונדזער
הימן. הירשקע האָט עס אָנגעשריבן. הירשקע גליק.

שלמה : (קוקט אויפן זייגער) נאָך אַ מינוט.

אסתר : (ווייזט מיט אַ וואונק אויף עדזשען) ווי האָט זי אויפגענומען
די נייעס ?

שלמה : איך האָב איר נאָך גאָרניט געזאָגט.

אסתר : פאַרוואָס ?

שלמה : ניט אויסגעקומען. סיווי גייען מיר דאָך קעמפן, טאָ וואָס
איז וויכטיק ?

אסתר : זי ווייס שוין, אַז מיר גייען קעמפן?

שלמה : איך זאָג דאָך דיר. ניט באַוויזן איר צו זאָגן. די נייעס איז געקומען אַ מינוט פאַרן קאָמוניקאַט. זי וואָלט אָנגעהויבן פרעגן אַהין און אַהער. זי דאַרף זיך קענען קאָנצענטרירן, וואָס מיינסטו?

אסתר : איך מיין, אַז דו האָסט מורא געהאַט איר צו זאָגן...

שלמה : איך, מורא געהאַט איר צו זאָגן, אַז מיר גייען קעמפן?

אסתר : ניין. אַז די דייטשן פאָדערן דעם קאָמענדאַנט.

שלמה : וואָס האָט דאָס פאַראַ באַדייטונג וואָס זיי פאָדערן?... ווען פאַלט עס איין כאָטש אויף אַ מינוט?...

אסתר : שאַ, זי איז שוין פאַרטיק.

(עדזשע טוט אויס די הערערס. קערט זיך אום צו די איבע־ריקע. זי איז אַ יונגע פרוי פון אַ יאָר זעקס און צוואַנציק. זעט אויס נאָך יינגער. אירע אויגן זיינען אומרואיקע, נייגע־ריקע און דער שמייכל אויף אירע ליפּן איז כמעט אַ קינדישער. ער פאַרוואַנדלט די דינע קנייטשן אויף איר פּנים אין סמנים פון פרייד, הגם אין דער אמתן זיינען דאָס שפּורן פון שווערע איבערלעבונגען. אסתר און שלמה לויפן צו צו איר)

שלמה : דערציייל, גיכער!

עדזשע : (צעטאַנצט זיך מיטן העפט איבערן צימער) גוט, חברה, גוט!

אסתר : רעד שוין אַ וואָרט!

עדזשע : (פריידיק) אין פראַנקרייך האָט זיך געשאַפן אַ קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג... ווידערשטאַנד אין אַלע לענדער... אומעטום... אומעטום, איר הערט? גאַנץ איי־ראָפּע קעמפט! גאַנץ אייראָפּע! וואָרט... איך וועל פריער אַלץ באַהאַלטן... (נעמט אַראָפּ פון טיש דעם ראַדיאָ־אָפּנעמער און באַהאַלט אים אין אַן עפנונג אין דער פאָדלאָגע אונטערן טיש) און אויף די פראָנטן טוט זיך אויך... אַזעלכע נייעס!...

אסתר : וואָס טוט זיך אויף די פּראָנטן? איך מוז שוין לויפן.

עדזשע : וואַרט א מינוט, לאָזט מיך כאַפּן דעם אָטעם. זעצט זיך צו, הערט, יעדער נייעסל איז דאָך אויסצוקושן. נו, וואָס שטייט איר? איך וועל עס ניט מאַכן אויף איין פוס... (שלמה רייסט איר אַרויס דאָס העפט פון האַנט)

שלמה : צום טייוול מיט דער נאַרישער סטענאָגראַפיע. איך גלויב דען אַ וואָרט וואָס דו זאָגסט?

עדזשע : (נעמט אים אַרויס דאָס העפט פון האַנט) דו גלויבסט ניט? וועט קומען אַן אַנדערער און וועט יאָ גלויבן... איך וואַרט איר זאָלט זיך אַוועקזעצן.

אסתר : (גייט צו דער טיר) איך מוז לויפן.

עדזשע : (דערשטוינט) וואָס איילסטו זיך אַזוי? ווילסט ניט הערן דעם קאָמוניקאַט?

אסתר : מען וואַרט אויף מיר.

שלמה : (צו אסתרן) און דאָס ליד?

אסתר : ניט איצטער. (פאַרהאַלט זיך) יאָ, איך וועל עס זינגען אויב דו וועסט מיר געבן צוויי שטיקלעך געווער.

שלמה : (לאַכט) שאַנטאַזש?

אסתר : איך האָב דיר געזאָגט, דאָס ליד איז ווערט מער ווי צען שטיקלעך געווער, מער ווי טויזנט...

שלמה : איי, דושינקע, מען קאָן זיך פון דיר ניט אַרויסדרייען. גוט. איך גיב זיך אונטער. וועל צושיקן צו דיין פּאָזיציע... נו, צופרידן?

אסתר : (זינגט) זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
וועגן הימלען בלייערנע פאַרשטעלן גרויע טעג.
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה...
עס וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט מיר זיינען דאָ.
(עדזשע און שלמה שמייכלען זיך איבער באַגייסטערט. אסתר אָפּ. עס הערט זיך נאָך אַ שטילער מוזיק־עכאָ פון דעם געזונגענעם ליד. עדזשע נעמט זיך איבערצושרייבן דעם קאָמוניקאַט. שלמה שטעלט זיך אונטער איר. קוקט ווי זי שרייבט)

שלמה : קאָנסט ניט שרייבן א ביסעלע גיכער?

עדזשע : גיי אַוועק דו שטערסט מיר.

שלמה : (לייענט איבער איר אַקסל) דייטשער פראַנט דור... דורכ... שטעל אַריין אַ גימל. דורכגעבראָכן. וואו? אויף אַן אמת? (לייענט ווייטער) רוסן גייען אַריבער אין קעגנאַנגריף? אַ לעבן אויף דיר, קעצעלע מיינס! (זינגט) זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג...

עדזשע : לאָזט מיך שרייבן, שלמה. גיי, נעם זיך בעסער עפּעס צו עסן.

שלמה : ווער דאַרף עסן היינט? נו, שרייב שוין.

עדזשע : איך וועל ניט שרייבן אויב דו וועסט שטיין איבער מיר.

שלמה : גוט, קאָזעלע, שרייב, שרייב, איך וועל הערן שפּעטער. (גייט אַוועק פון איר) און איצטער וועט מען לויפן.

עדזשע : דו גייסט אַוועק? וואַרטסט ניט אויפן קאָמוניקאַט און דו עסט גאָרניט?

שלמה : היינט קען איך אויסקומען מיט לופט און ליבע.

עדזשע : ביסט שוין ווידער פאַרליבט?

שלמה : יאָ. און דאָס מאָל אויף גוט.

עדזשע : אויף גוט? דו? דער בעסטער וויץ וואָס איך האָב היינט געהערט. אין וועמען, שלמהלע? מיר מעגסטו זאָגן.

שלמה : (נעמט אַרויס פון שופלאָד דעם רעוואָלווער ווייזט אים עדזשען) ווי געפעלט דיר עפּעס מיין לעצטע ליבע?

עדזשע : גיי ניט אַוועק. דער קאָמוניקאַט איז שוין פאַרטיק. קום, לייען...

שלמה : שפּעטער. (גייט צו דער טיר)

עדזשע : איך קען דאָך ניט בלייבן אַליין איצטער.

שלמה : (פאַרשנדיק) דו ווייסט שוין?... (לופט צו צו איר) דו דאַרפסט ניט מורא האָבן... פאַר גאָרניט... דו הערסט?

עדזשע : וואָס רעדסטו מורא האָבן? איך קען פשוט ניט בלייבן אַליין מיט אַזעלכע נייעסן. מען קען דאָך ממש משוגע ווערן. טשעכן, בעלגיע, האָלאַנד, יוגאָסלאַוויע, פראַנקרייך... די פרייהייט איז דאָך פשוט אַנצוטאַפּן מיט דער האַנט... און וואָס

האָסטו געמיינט איך זאָל ניט מורא האָבן?
(עס דערהערן זיך דריי קלעפּ אין טיר. קומט אריין א **בחור**
מיט א פולער טעקע, לאָדט אויס גראנאטן אויפן טיש.

**שלמה** : (קוקט אויפן זייגער. צום בחור) דו האָסט זיך פאַרשפּעטיקט מיט צוועלף מינוט.

**בחור** : ניט געווען זיכער. פּאָליציי האָט זיך געדרייט אונטערן פענצטער... געהאַט היינט מזל ביים טויער אויך. מורער איז אונטערגעקומען גלייך נאָך מיר.

**שלמה** : (ציילט די גראַנאַטן) אין אָרדענונג.

**בחור** : עס דאַרפן דאָ באַלד אַריינקומען צוויי מיידלעך. זיי קענען ניט דעם פּאַראָל.

**עדזשע** : וואָס עפּעס אַהער?

**שלמה** : אַן אויסנאַם היינט.

**בחור** : זיי ברענגען נור שפּייז פאַרן זאַפּאַס.

**שלמה** : איך וועל דיר אויפקלערן, עדזשע...

**עדזשע** : וואָס גייסטו מיר אויפקלערן? אַלץ שטייט דאָ אָפן. קיין פרעמדער איז נאָך דאָ קיינמאָל ניט אַריינגעקומען.

**שלמה** : (צום בחור) גייען מיר? (צו עדזשען) ברענג אין אָרדענונג דאָס צימער. (שלמה און בחור אָפּ. עדזשע בלייבט שטיין אַ וויילע פאַרטראַכט. נעמט זיך אויפצורוימען דאָס צימער. עס דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר. עס קומען אַריין די צוויי מיידלעך, פריידל און שרקה מיט טאָרבעס אין די הענט)

**פריידל** : (דערלאַנגט עדזשען די טאָרבעס) מיין ברודער האָט דאָס געשיקט.

**עדזשע** : (נעמט די טאָרבעס) אַ דאַנק. (וואַרט זיי זאָלן אַוועקגיין)

**שרקה** : (צו עדזשען) איר האָט אפשר אַ טרונק וואַסער? (עדזשע דערלאַנגט איר אַ קוואָרט וואַסער) ווילסט אַ שלוק, פריידל?

**פריידל** : ניין, קום.

**שרקה** : (צו עדזשען) איר זייט אַ היגע?

**עדזשע** : ניין. אַ לאָדזשער.

**שרקה** : און וואו האָט איר די גאַנצע פאַמיליע? געלאָזן אין לאָדזש?

פריידל : (צו שרקהן) וואָס ביסטו אַזוי נייגעריק? מען קאָן ניט אַלץ פרעגן ביי אַ פרעמדן מענטשן.

שרקה : אין געטאָ איז זיך קיינער ניט פרעמד. (צו עדזשען) אמת? (עדזשע מאַכט זיך געגעצן) איר זייט שלעפעריק? איר גייט שוין שלאָפן? וואו אַרבעט איר? מיר טראַכטן נאָך גאָרניט פון שלאָפן גיין, אמת פריידל?

פריידל : וואָס טוט זיך מיט דיר, שרקה?

שרקה : איך ווייס אַליין ניט. עס גלוסט זיך צו רעדן אַ וואָרט, נו? (צו עדזשען) זייט ניט בייז, איר זייט מיר זייער סימ־פּאַטיש.

פריידל : קום שוין, פלאַפּלערקע.

שרקה : (צו עדזשען) איר ווייסט, מיר זיינען אויך אַליין. איר איז געבליבן בלויז אַ ברודער און מיר בלויז אַ פעטער. אזעלכע ווי מיר האָבן נאָר איין ציל אין לעבן.

פריידל : ניט אויסצוהאַלטן פון דיר.

שרקה : (צו עדזשען, מיט אַ וואונק) איר פאַרשטייט, וואָס איך מיין, האַ? איר געהערט צו דער פפ"אָ, אמת?

עדזשע : וואָס?

שרקה : איר דאַרפט פאַר אונדז ניט מורא האָבן. מיר האָבן אייך געבראַכט דינאַמיט.

פריידל : שרקה!

עדזשע : (לאַכט זיך פלוצים פונאַנדער. עפנט די טאָרבע) גיב אַ קוק וואָס דו האָסט געבראַכט.

שרקה : (קוקט אַריין צוריקגעהאַלטן) וואָס איז דאָס?

עדזשע : ריר עס אָן. האָב ניט קיין מורא.

שרקה : מעל?

עדזשע : יאָ. מעל. און דאָס אַנדערע איז צוקער.

שרקה : (רירט אָן) טאַקע... (פאַרלוירן) איך בין געווען זיכער... איך האָב געמיינט... איר פאַרשטייט, געמיינט, אַז מיר האָבן געאַרבעט פאַר דער פפ"אָ. דערפאַר בין איך געווען אַזוי פריילעך. איר ווייסט וואָס דאָס איז די פפ"אָ?

עדזשע : ניין.

שרקה : די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון געטאָ. איך וויל זיך אָנשליסן. מיר ווילן זיך ביידע אָנשליסן... גיט מיר נאָך אַ קאַפּינקע וואַסער... (פאַרחלומט) איך וואָלט כאָטש איין מאָל וועלן זען דעם קאָמענדאַנט פון דער פפ"אָ. ער מוז זיין אויסער־געוויינלעך. איר ווייסט ווי ער הייסט? לעאָ הייסט ער. חבר לעאָ... אַ שיינער נאָמען. און ער אַליין? איך שטעל זיך אים פאָר. אַ יונגער, אַ שלאַנקער מיט אַ שוואַרצער, געקרויזלטער טשופּרינע...

פריידל : ווי שמשון הגיבור.

שרקה : מיט פעסטע מוסקולן און מיט ברענענדיקע שוואַרצע אויגן, וואָס אין קוק זייערער מאַכט מענטשן ציטערן.

פריידל : דו ביסט שוין גרייט זיך אין אים צו פאַרליבן.

שרקה : איך בין שוין פאַרליבט אין אים. דער נאָמען אַליין קלינגט דאָך ווי אַ סימפאָניע. אפשר ניט? (טרוימעריש) לעאָ... חבר לעאָ...

(עס דערהערט זיך א שליסן אין טיר. וויטענבערג קומט אַריין)

פריידל : קום, שרקה!

שרקה : יאָ. איך גיי. (צו וויטענבערגן) מיר האָבן בלויז גענומען אַ טרונק וואַסער. אַ גוטע נאַכט... (מיידלעך אָפּ)

עדזשע : (פאַרוויטלט. לאַכנדיק. דעקלאַמירט צו זיך אַליין) איך שטעל זיך פאָר דעם קאָמענדאַנט פון דער פפ"אָ... אַ יונגער, אַ שלאַנקער, מיט אַ קאָפּ געקרויזלטע, שוואַרצע לאָקן, ווי שמשון הגיבור... און ער האָט אַ פּאָר שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, וואָס בלויז אין קוק זייערער מאַכט מענטשן ציטערן... און זיין נאָמען איז לעאָ... דער בלויזער נאָמען קלינגט דאָך ווי אַ סימפאָניע... (גייט צו צו וויטענבערגן) ווי געפעלט דיר עפעס דיין פּאָרטרעט, חבר לעאָ? (באַטראַכט אים) וואָס איז געשען, איציק?

וויט : אַ גרויסע זאַך איז געשען.

עדזשע : איך מיין ניט קיין שפּאַס?

וויט : מיר גייען אַרויס אין קאַמף. די נאַכט אוודאי.

עדזשע : (דער שמייכל פאַרשווינדט פון איר פנים) שוין די נאַכט?
וויט : שטעל זיך פאָר.
עדזשע : באַשלאָסן?
וויט : כמעט... גענוג זיך אָנגעוואַרט, הא?
עדזשע : איך ניט.
וויט : וואָס מיינסטו?
עדזשע : איך האָב ניט געוואַרט.
וויט : ניט געוואַרט אויף דער רגע פון קאַמף?
עדזשע : איך בין נאָך ניט גרייט.
וויט : דו האָסט דורכגעמאַכט דעם קורס. האַלעווײַ וואָלטן אַלע געווען אַזוי גרייט ווי דו.
עדזשע : (פאַרענדערט) איך וויל ניט מיר זאָלן קעמפן.
וויט : (דערשטוינט) וואָס טוט זיך מיט דיר?
עדזשע : איך ווייס ניט.
וויט : איך פאַרשטיי דיך ניט.
עדזשע : (פאַרצווייפלט) איך פאַרשטיי זיך אַליין ניט.
וויט : האָסט מורא?
עדזשע : יאָ.
וויט : עס וועט אַריבער. ווי נאָר מיר וועלן אָנהייבן וועט די מורא פאַרשווינדן. וועסט זען.
עדזשע : איך וויל ניט מיר זאָלן אָנהייבן. הער וואָס איך זאָג דיר... איך האָב געהאָפט, אַז די צייט פון גרייטן זיך וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיקן. כ'האָב געקלערט, אַז מען וועט אפשר גאָרניט דאַרפן... קוק מיך ניט אַזוי אָן. כ'האָב געהאָפט, אַז די פרייהייט וועט פריער קומען... יאָ. נאָך דעם קאָמוניקאַט וועסטו זען. אַזעלכע גוטע נײַעסן. נעם, לייען... (שטופּט אים דאָס העפט אין האַנט אַרײַן).
וויט : (באַטראַכט זי) דו האָסט קיינמאָל אַזוי ניט גערעדט.
עדזשע : וואָס זאָל איך טון? אַזוי איז דאָס. עס איז געקומען צו גיך. צו פּלוצים. איך ווייס אַליין ניט... וואָס האָב איך דאָס אַזעלכעס געזאָגט?... איך האָב מורא דיך צו פאַרלירן.

וויט : אין קאַמף איז דער איצטיקער פּלאַץ וואו מיר קענען זיך ביידע געפינען.

עדזשע : איך וויל מיר זאָלן לעבן.

וויט : דערפאַר דאַרפסטו וועלן קעמפן.

עדזשע : ביסט אַנטוישט אין מיר, ווייל איך רעד אַזוי?

וויט : אוודאי וואָלט מיר ליבער געווען צו הערן פון דיר אַנדערע רייד, אָבער איך פאַרשטיי...

עדזשע : די דייטשן ווילן ליקווידירן דאָס געטאָ?

וויט : קאָזלאָווסקי האָט צוזאַמענגעבראָכן ביי דער אויספאָרשונג. ער האָט אונדז אויסגעגעבן. איצטער שטעלן די דייטשן אַ באַדינג.

עדזשע : מען זאָל זיי אויסגעבן די פפ״אָ?

וויט : ווינציקער ווי דאָס.

עדזשע : דעם שטאַב?

וויט : אַפילו דאָס ניט. זיי פאָדערן בלויז דעם קאָמענדאַנט.

עדזשע : איציק!

וויט : נעם זיך צוזאַמען.

עדזשע : איך קען עפּעס דאָס אַלץ ניט באַנעמען.

וויט : מיר האָבן נאָך פופצן מינוט צייט. גיב מיר אַ שטיקל ברויט. (גייט צו צו דער קיך) אָ, פאַראַן זופּ אויך. קום, לאָמיר עסן. (עדזשע דערלאַנגט אים זופּ און ברויט) און דו?

עדזשע : בין ניט הונגעריק.

וויט : (מיט אַ שמייכל) נעם אַ לעפל. דאָס איז אַ באַפעל. נו...?

עדזשע : (פאַרטראַכט) יאָ. שוין... (זי נעמט אַ לעפל. זעצט זיך נעבן אים. עסט מיט אים פון איין טעלער. די אויגן אַראָפּגעלאָזן. שווייגן)

וויט : וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט?

עדזשע : איך? איך האָב אַ סך צו טראַכטן איצטער.

וויט : דו וועסט עס בייקומען. זאָל מען נאָר אָנהייבן.

עדזשע : איך בין אַ שוואַכלינג.

וויט : דו ביסט ניט.

עדזשע : ווען איך קוק אויף דיר זע איך ערשט. דו ביסט אַזוי רואיק.

וויט : עס דוכט זיך דיר. דאָ אין מיר ברויזט אַלץ. איך וויל עס זאָל געשען שוין. די רגע. און דער שכל זאָגט מיר, אַז עס איז בעסער וואָס שפּעטער. מען זאָל האָבן צייט פאַר די לעצטע צוגרייטונגען... ערשט געווען ביי די אַרסענאַלן. מען גרייט דאָרט די פאַרטיילונג פון געווער. דאַרפסט אָנקוקן די חברה... ערשט איצט פיל איך וואָס דאָס הייסט זיין זייער קאָמענדאַנט... (שטעלט זיך אויף) עדזשע, איך פיל זיך באַפרייט... ווי מ'ען וואָלט מיך מיטאַמאָל אויפגע־עפנט פון אַ געבונדנקייט. איך פיל זיך אַ גאַנצער.

עדזשע : ווי קליין בין איך קעגן דיר.

וויט : אפשר הערסטו שוין אויף? (שווייגן) מיינסט כ'געדענק ניט ווי דו ביסט געקומען צו דער פפ"אָ? ווי דו האָסט זיך געוואָרפן אין דער אַרבעט און כסדר געמאָנט מען זאָל שוין אָנהייבן... די ערד האָט דאָך ממש געברענט אונטער דיר.

עדזשע : יאָ. ווייסט פאַרוואָס? ווייל כ'האָב ניט געוואָלט מער לעבן. אָנשטאָט ציאָנקאַלי, האָב איך געטראַכט, איז שענער און ריכטיקער צו קעמפן. מיינע טעג האָבן סיי־ווי ניט געהערט צו מיר, האָב איך זיי געשאָנקען דער פפ"אָ... אָבער פלוצים איז געשען. איך ווייס אַליין ניט ווי אַזוי. אויפ־געבנדיק מיין לעבן האָב איך געפונען אַן אַנדער לעבן... דו פלעגסט זאָגן, אַז מיר קעמפן ניט בלויז פאַר אונדזער כבוד, נאָר פאַרן כבוד פון אַלע מענטשן. אַז מיר נעמען ניט בלויז נקמה אין דייטש נאָר מיר העלפן אויסראָטן דאָס שלעכטס פון דער ערד. די וועלט זאָל בעסער און שענער ווערן. וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך האָב אין דער ווייטער, שיינער וועלט אָנגעהויבן צו זען אונדז ביידן צוזאַמען. כ'האָב געוואָלט מיר זאָלן געשווינט ווערן פאַר דער צוקונפט. כ'האָב געהאָפט, אַז מען וועט גאָרניט דאַרפן קעמפן, מען וועט זיך דערוואַרטן אַזוי... האָסט גאָרניט באַמערקט ווי איך הער אויף צו זיין אומגעדולדיק?

וויט : און דו האָסט דאָס אַלץ באַהאַלטן פון מיר.

עדזשע : איך האָב דיך אָפּגענאַרט. אַלעמען אָפּגענאַרט. איר זייט ניט געקומען צו דער פּפּ״אָ ווייל איר האָט געוואָלט פּטור ווערן פון אייער לעבן. איר האָט עס ליב געהאַט, ווי איך האָב מיינס און דיינס ליב איצטער. און דאָך זייט איר אַלע פּערטיק געוואָרן מיט זיך... און איך? ווען וועל איך דאָס באַווייזן?

וויט : קיינער ווערט קיינמאָל ניט פּערטיק מיט זיך.

עדזשע : איציק, איך בין גאָרניט ווערט.

וויט : (בייז) לאָז צורו מיט די רייד. אַ מענטש דאַרף האָבן אַביסל דרך־ארץ פאַר זיך אַליין. אַז ניט ווערט מען נאָך קלענער ווי מען איז אין דער אמתן.

עדזשע : אָבער דאָס איז דער אמת וועגן מיר.

וויט : יעדער מענטש איז אַ שוואַכלינג און אַ גיבור. דער דרך־ארץ צו זיך גיט אים כוח צו טון וואָס ער האַלט פאַר ריכטיק און דאָס איז די הויפּטזאַך. יעדער האָט אַ רעכט אויף שוואַכקייטן. אויב ניט, טאָ וואָספאַראַ ווערט וואָלט שוין די גבורה געהאַט?... נאָר ווען עס קומט דער מאָמענט, פאַרשטייסטו מיך...

עדזשע : איך האָב מורא פאַר דעם מאָמענט.

וויט : יעדער האָט מורא פאַר אים. יעדער איז פאַר זיך אַליין אַ רעטעניש.

עדזשע : דער סוף שרעקט מיך.

וויט : שרעקסט זיך פאַרן טויט?

עדזשע : ווען איך וואָלט כאָטש געגלויבט, אַז נשמות לעבן אייביק...

וויט : (מיט אַ שמייכל) מעגסט עס גלויבן.

עדזשע : לאַך ניט פון מיר.

וויט : ווי דו האָסט זיך דאָס געענדערט דורך די פּאָר מינוט.

עדזשע : איצט זעסטו די אמתע עדזשע.

וויט : און וואו איז ערגעץ די שמייכלענדיקע, זינגענדיקע חברטע מיינע?

עדזשע : זי האָט זיך פאַרלוירן אין דער פינצטערניש.

וויט : די וועלט זעט מיר אויס זייער טרויעריק אָן דיין שמייכל.

עדזשע : ווי קען איך, ווען אַלץ וויינט אין מיר?

וויט : דו וועסט נאָך שמייכלען, וועסט זען... זאָל מען נאָר אָנהויבן... איך געדענק ווי מיך פלעגט פרייען דיין געלעכטער. עס איז גוט געווען צו זען ווי דו קערסט זיך צוריק צום לעבן, ווי דו צעבליסט זיך אין דער וואַרעמקייט און גלויביקייט פון דער אָרגאַניזאַציע. איצטער וועט געשען דאָס זעלבע. נאָך אַמאָל. נאָך שטאַרקער. ווען מען וועט שט״ין און קעמפן.

עדזשע : דו מיינסט אַזוי?

וויט : אוודאי... גיב אַ קוק. איך טראַכט אויך אַמאָל וועגן לעבן אויף יענער זייט. וואָס מיינסטו, מיר קומט אָן אַזוי לייכט זיך אָפּצושטעלן ביי דעם ציל וואָס מיר האָבן זיך געשטעלט? מיינע געדאַנקען פליען ווייטער, שפרייזן ניט איינמאָל אַריבער די בריק אין יענעם לעבן אַריין... זעסטו שוין. ניט איך בין אַזוי שטאַרק, ניט דו ביסט אַזוי שוואַך. און... ווען איך טראַכט אַמאָל וועגן יענעם לעבן, טראַכט איך אויך וועגן דיר.

עדזשע : אויף אַן אמת? דו האָסט עס מיר קיינמאָל ניט געזאָגט.

וויט : ס'איז דען געווען שוין אַמאָל אַזאַ רגע ווי די?

עדזשע : דו האָסט זיך אויך געביטן.

וויט : ניין. אויך בלויז זיך אַנטפּלעקט. איך פיל זיך היינט אויפגעהויבן אויף אַ שטאַפּל העכער. און ווען מען איז העכער האָט מען א ווייטערן אויסבליק. מען קאָן אויך אין זיך אַריינקוקן בעסער. דו ווייסט גאָרניט ווער איך בין, עדזשע.

עדזשע : (מיט אַ בלייכן שמייכל) ווער ביסטו?

וויט : אַ דאָן־קיכאָט.

עדזשע : דו?

וויט : וואונדערסט זיך, האַ? מען דערקענט עס גאָרניט אין מיר, אָבער אַזוי איז דאָס. דיר דוכט זיך, אַז אַלץ אין מיר איז קלאָר, גראַדליניק. היינט יאָ, אָבער ביז צו היינט האָט געפירט אַ

זיגזאַקיקער, געפּלאָנטערטער וועג. איך האָב זיך תמיד געשלאָגן מיט מיינע פּראָבלעמען ווי יענער מיט די ווינט־מילן אין פעלד. איך האָב געחלומט וועגן זאַכן פון וועלכע די וועלט האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן. איך האָב געוואָלט פאַרשטיין אַלץ וואָס מען קאָן ניט פאַרשטיין. איין זאַך נאָר. איך האָב שטענדיק געוואוסט דעם וועג אויף צוריק. ווי ווייט איך זאָל זיך ניט האָבן פאַרבלאָנקעט... דו האָסט זיך אַמאָל געשפּילט מיט אַ פליער? כ׳מיין אַזאַ פּאַפּירענע קייט, וואָס מען לאָזט נאָך הויך אין דער לופטן און מען האַלט עס פאַר אַ שטריקל. איך בין געווען אַזאַ פליער. בין נאָך היינט אויך... נאָר איך האָב אַ שטאַרק שטריקל און ווען מען דאַרף שלעפּט עס מיך אַראָפּ צו דער ערד. רוף עס פליכט. רוף עס פאַראַנטוואָרטלעכקייט. עס קומט נאָך פון די קינדער־יאָרן... שטענדיק געטראָגן אַן עול אויף די פּלייצעס. פריער טאַטע־מאַמעס הויז, שפּעטער מיין אייגנס, שפּעטער די מענטשהייט, דער אַרבעטערקלאַס, די פּאַרטיי און איצטער... דאָס געטאָ. דו ווייסט, ערשט דאָ, אין דער פפ״אָ האָט מיין פליכטגעפיל אויפגעהערט צו זיין אַ לאַסט. מיין לעבן אין זיך און מיין לעבן אין דרויסן זיינען געוואָרן איינס. אַלע פאַר־פּלאָנטערטקייטן, אַלע גריבלענישן האָבן זיך אויפגעלייזט. די חלומות פון אַמאָל און די חלומות פון דער צוקונפט האָבן זיך באַגעגנט דאָ... אין מיינע מעשים. אַלץ איז געוואָרן קלאָר און פאַרשטענדלעך... אפילו דיין קומען... איך האָב זיך קיינמאָל ניט געשפּילט אַלס קינד און אַלס דערוואַק־סענער קיינמאָל ניט געווען פאַרליבט. אָבער כ׳האָב תמיד געבענקט סיי צו שפּילעריי, סיי צו ליבע. ווען כ׳האָב דיך דערזען, געהערט דיך לאַכן, געהערט דיך רעדן, האָב איך געוואוסט, אַז דו ביסט דער ענטפער אויף ביידע... נאָר וואָס? עס איז צו שפּעט. ביסט געקומען צו שפּעט, עדזשע.

**עדזשע:** (הייס) ניט אינגאַנצן צו שפּעט, איציק, (נעמט אים אַרום) דאָ בין איך. דיין חלום, וואָס איז געוואָרן ווירקלעכקייט.

**וויט** : (מילד) און דיווירקלעכקייט מוז ווערן צוריק חלום. ניטאָ קיין אָרט איצט פאַר דיר אין מיין לעבן... דער איינציקער אָרט וואו מיר קענען נאָך זיין צוזאמען איז דרויסן. ווען מען וועט באַגעגענען דעם דייטש.

**עדזשע** : (ערנסט) מען דארף מיך צוטיילן צו א קאמפס־גרופע.

**וויט** : (מיט אַ שמייכל. גלעט איר די האָר) דו האָסט מער ניט קיין מורא, חלום מיינער?

**עדזשע** : (ענטפערט אָפּ מיט אַ שמייכל) איך האָב מער ניט קיין מורא, לעבן מיינס. (קוקן זיך אָן לאַנג. קלעפּ אין טיר. ס'קומען אריין די מיטגלידער פון שטאב: **אסתר, שלמה, יעקב, זלמן, נתן** און **אברהם**. עדזשע דערלאנגט וויטענבערגן דאָס העפט מיטן קאָמוניקאט) דאָ איז דער קאָמוניקאט פון אכט א זייגער...

**אסתר** : (צו עדזשען) וועסט זיין אין מיין קאַמפס־גרופע. יעקל וואַרט אויף דיר דרויסן. ער וועט דיך צופירן צו אונדזער פּאָזיציע.

**עדזשע** : (אויפגעהייטערט) איך גיי שוין. וועל נעמען מיין רעוואָל־ווער... (גייט צו צום קליינעם טישל. נעמט אַרויס רעוואָלווער פון שופלאָד וואַרפט לעצטן בליק אויף וויטענבערגן. אָפּ)

**וויט** : (לייענט קאָמוניקאַט) דעם צענטן יולי האָבן די אַליאירטע געלאַנדעט אין סיציליע. די אַכטע ענגלישע אַרמיי מיט גענעראַל מאָנטגאָמערי אַוואַנסירט פון צפון. די זיבעטע אַמעריקאַנער מיט גענעראַל פּאַטאָן פון מערב.

**נתן** : איצט איז אַפריקע געענדיקט. עס הייבט זיך אָן דאָס קאַפּיטל איטאַליע...

**זלמן** : איטאַליע איז צעפוילט מיליטעריש.

**שלמה** : (מיט געלעכטער) מוסאָליניס קאָפּ הענגט ביי מיר שוין אויף אַ האָר. וואָס רעד איך? אויף דעם אויך ניט. ער איז דאָך אינגאַנצן פּליכעוואַטע...

**אברהם** : שטילער. לאָמיר הערן ווייטער.

**שלמה** : אַ רגע נאָך. איר ווייסט כאָטש, אַז מיר, יידן, האָבן צוגעלייגט אַ האַנט צו דעם נצחון אין אַפריקע?

**נתן** : מיר יידן?

**שלמה** : אוודאי. בפירוש געווען אין נעכטיקן קאָמוניקאַט. דעם נצחון אין אַפריקע האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דער אַכטער ענגלישער אַרמיי, דעם צווייטן קאָרפּוס פון דער אַמעריקאַנער און דער פרייוויליגער בריגאַדע אין וועלכער עס האָבן געקעמפט שפּאַניער, טשעכן, פּאָלאַקן און יידן. איך שטרייך אונטער — יידן.

**אברהם** : עס האָבן ניט געפעלט קיין יידן אין דער ענגלישער און אַמעריקאַנער אַרמיי.

**שלמה** : איך ווייס, איך ווייס. אָבער דאָ האָבן מיר פיגורירט אַלס יידן. פונקט אַזוי וועלן מיר פיגורירן איצטער. מיר גייען עפענען היינט אַ יידישן פראָנט, חברימלעך.

**אסתר** : אפשר וועלן מיר ניט פאַרלירן קיין צייט, שלמה?

**שלמה** : יאָ. דושינקע, איך האָב געענדיקט.

**וויט** : (לייענט ווייטער) די דייטשע אָפענסיווע אויפן רוסישן פראָנט, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן דעם 5־טן יולי, האָט ענדלעך צוזאַמענגעבראָכן... די רוסן גייען אַריבער אין קעגנאָנגריף. זיי מאַרשירן אויף כאַרקאָוו...
(פנימער לייכטן אויף מיט באַגייסטערונג)

**אסתר** : זיי גייען אויף כאַרקאָוו... וויפל צייט קען זיי נאָך נעמען ביז אַהער?...

**זלמן** : ווי שנעל זיי זאָלן ניט גיין וועלן זיי נאָך די נאַכט ניט קומען.

**וויט** : (לייענט ווייטער) די רעזיסטאַנץ פון די אייראָפּעאישע פעלקער קעגן אָקופּאַנט איז אויסגעוואַקסן צו אַן אומגעהויערן כוח. דיווערסיע אַרבעטן, אַטענטאַטן, סאַבאָטאַזש מאַכן דעם שונא גרויסע שאָדנס. דער דייטש האָט איצט צו קעמפן מיט אַ נייער אַרמיי אויף אַן אומזעבאַרן פראָנט. אין פראַנקרייך האָט זיך געשאַפן אַ קאָמיטעט פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג אָנגעפירט פון גענעראַל דע גאָל און אַ ראַט פון פראַנצויזישן ווידערשטאַנד וואָס נעמט אַרום די לינקע פאַרטייען. די פעלקער פון אייראָפּע דערוואַכן. פראַנקרייך,

טשעכן, גריכנלאַנד, יוגאָסלאַוויע, נאָרוועגיע, בעלגיע, קאָר־
סיקע, האָלאַנד . . .

שלמה : און מאָרגן וועט זיין גענטאָ־לאַנד!

וויט : עס איז צייט אַריבערצוגיין צו דער טאָג־אָרדנונג.

שלמה : איין פונקט האָבן מיר צו באַטראַכטן: אָרגאַניזאַציע און טערמין פון קאַמף.

וויט : קיין אָפּיציעלן באַשלוס, אַז מיר קעמפן האָבן מיר נאָך ניט אָנגענומען.

יעקב : אין אונזער רעגולאַמין זאָגט זיך בפירוש, אַז די פפ״אָ וועט אָנהייבן דעם קאַמף דאַן, ווען עס וועט ווערן געשטעלט אין געפאַר די עקזיסטענץ פון גאַנצן געטאָ. אַ פּריצייטיקער אַרויסטריט קען ברענגען צו דער פאַרניכטונג פון דער פפ״אָ. מיר וואָלטן באַטראַכט געוואָרן דורך די יידן ווי פּראָוואָ־קאַטאָרן. שטעלט זיך בלויז די איינע פראַגע: צי שטייט איצט אין געפאַר די עקזיסטענץ פון גאַנצן געטאָ, צי איז אונדזער אַרויסטריט ניט קיין פריצייטיקער . . .

שלמה : אַ פּריצייטיקער? אפשר גאָר אַ פאַרשפּעטיקטער? . . .

וויט : צי שטייען מיר פאַר דער ליקווידאַציע פון געטאָ, צי ניט. אויף דעם דאַרפן מיר ענטפערן, חברים.

שלמה : לאָמיר פריער ענטפערן צי מיר שטייען פאַר דער ליקווידאַציע פון דער פפ״אָ . . . און ביי דעם האַלט עס. גיבן מיר נאָך דעם דייטשן באַדינג, שטעלן מיר זיי צו דעם . . . דעם קאָמענדאַנט . . .

זלמן : ער איז גערעכט. מיר טאָרן אַפילו דעם געדאַנק צו זיך ניט דערלאָזן. דאָס הייסט זיך אַליין ליקווידירן.

וויט : פאַרוואָס? דער קאָמענדאַנט האָט אַ פאַרטרעטער. דער שטאַב קאָן ווייטער אָנגיין מיט דער אַרבעט . . .

שלמה : וואָס? דו פראָבירסט אונדז אויס, חבר קאָמענדאַנט?

וויט : איך בין ניט אויסן קיינעם אויסצופּראָבירן. מיר האָבן זיך אַלע פאַרפּליכטעט צו פאַרגעסן וועגן פּערזענלעכן יאָ צי ניין?

נתן : עס איז דאָך אָבער פּאַרט אַזוי. די דייטשן ווייסן גאַנץ גוט, אַז מיר האָבן ניט בלויז אַ קאָמענדאַנט. און זיי האָבן זיכער מער מורא פאַר דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע ווי פאַרן קאָמענדאַנט אַליין. זיי וועלן אָנהייבן ביים קאָמענדאַנט און ענדיקן ביי די מיטגלידער.

שלמה : פאַרוואָס ביי מיטגלידער? זיי וועלן ענדיקן ביים געטאָ. גיבן מיר זיי דעם קאָמענדאַנט, גיבן מיר זיי דאָס געטאָ. הערט וואָס איך רעד צו אייך. זיי ווילן אונדז פריער ליקווידירן, כדי עס זאָל זיי אָנקומען לייכטער די אַלגעמיינע ליקווידאַציע.

אברהם : קעמפן מיר הייסט עס.

זלמן : קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ.

שלמה : וואָס דאַרף מען עפּעס אַן אַנדערן אויסוועג? איך פאַרשטיי אייך ניט, חברה. ווי לאַנג איז דער שיר צו וואַרטן? מיר זיינען ניט גענוג באַוואָפנט? מיר וועלן עס קיינמאָל ניט זיין. און, אַז עס וועט שוין צוקומען נאָך אַביסל געווער, וואָספאַראַ באַדייטונג קען דאָס האָבן? מיר זיינען שוין בלויז צוואַנציק טויזנט יידן אין געטאָ, ווי לאַנג וועט מען זיך נאָך לאָזן אָפּצאַפּן ס׳בלוט און שווייגן? וואָס זוכט איר אַנדערע אויסוועגן, וואָס? מיר האָבן היינט אַ געלעגנהייט אַרויסצוגיין אין קאַמף, טאָ קומט קעמפן און אַראָפּ פון מאַרק!

זלמן : איך האָב ניט געזאָגט, אַז איך בין קעגן קאַמף, שלמה, הערסט דאָך...

שלמה : איז אויסגעצייכנט. און איצטער זאָלן זיך די איבעריקע אַרויסזאָגן. אסתר, אברהם, יעקב און דו, חבר קאָמענדאַנט. לאָמיך הערן אַ וואָרט פון אייך. אָבער דאָס אמתע וואָרט... (עס דערהערן זיך דריי קורצע קלעפּ אין טיר. קוריער קומט אַריין)

קוריער : גענס האָט אַ זיצונג מיטן יידן־ראַט. ער וויל זען דעם קאָמענדאַנט מיטן שטאַב תיכף ביי זיך אין ביוראָ.

שלמה : אַזוי גאַר? זע נאַר ווי ער איילט זיך דאָס, יעקבל. תיכף ומיד... און איך בין נאָך ניט גרייט צו זיצן מיט אים ביי איין טיש.

נתן : איך אויך ניט.

אסתר : מיר ווייסן סיווי וואָס ער וויל אונדז זאָגן.

שלמה : אוודאי.

יעקב : אַז ער דאַרף אונדז זאָל ער קומען אַהער...

וויט : (צום קוריער) קענסט איבערגעבן געננסן וואָס דו האָסט געהערט.

קוריער : צום באַפעל! (אָפּ)

אסתר : שלמה האָט אונדז אויפגעפאָדערט זיך אַרויסצוזאָגן. וויל איך זאָגן... גוט, מיר זיינען אַנטשלאָסן אַרויסצוגיין קעמפן... מיר האַלטן, אַז דאָס פאָדערן דעם קאָמענדאַנט באַדייט ליקווידאַציע פון דער פפ״אָ און פון גאַנצן געטאָ. אָבער זיי, די יידן, וועלן זיי דאָס פאַרשטיין? דאָס איז דאָך ניט בלויז אונדזער ענין. גייען מיר אַרויס די נאַכט אין קאַמף ווערט דאָס געטאָ שוין ליקווידירט. ווי אַזוי קלערט מען זיי אויף אין איין נאַכט? ווי אַזוי געווינט מען זיי? אפשר ניינציק פראָצענט פון זיי ווייס דאָך אַפילו ניט וועגן אונדזער עקזיסטענץ. ווי אַזוי עפנט מען זיי די אויגן?

שלמה : איצט איז ניטאָ קיין עצה דערצו. אַפילו ווען מען וואָלט געהאַט מער צייט וואָלט מען אויך ניט פיל געקאָנט אויפטון... מיר וועלן זיי הייסן גיין אין די מאַלינעס.

אסתר : וואָס הייסט מיר וועלן זיי הייסן גיין? זיי וועלן דאָך אומקומען. און וועלן אַפילו ניט וויסן פאַרוואָס. פאַרקערט. זיי וועלן אונדז האַלטן פאַר די שולדיקע, ניט דעם דייטש.

זלמן : דאָס געטאָ איז פאַרמשפּט סיווויסי. עס וויל אָבער ניט איינזען דעם אמת און עס וועט ניט. קיינמאָל ניט... האָבן מיר רעכט.

אסתר : איך ווייס ניט צי מיר האָבן רעכט.

זלמן : און דאָס וואַרשעווער געטאָ האָט דען יאָ געקעמפט אַלס גאַנצעס? איז עס ניט פריער כמעט פולשטענדיג ליקווידירט געוואָרן? ווער האָט געמאַכט דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ? אַ הייפל יידן. און אַ דאַנק זיי הייסט עס, אַז גאַנץ וואַרשע איז אַוועק מיט אַ געהויבענעם קאָפּ. דאָ אין ווילנע מוזן מיר דאָס אויסטראָגן.

יעקב : און ווי האַלט עס מיט די פּאַרטיזאַנער אַליין? זיינען זיי שוין יאָ מאָראַליש גרייט צום קאַמף? אונדזערע קעמפער זיינען אויך געטאָ־יידן. זיינען זיי גרייט צו דעם וואָס דאַרף קומען? אמת, אונדזערע רייען וואַקסן. איז עס אַ סימן פון נייעם באַוואוסטזיין צי בלויז אַ באַווייז, אַז יעדער פילט זיך זיכערער מיטן שטיקל געווער אין האַנט? אפשר האָפן גאָר אַ סך פון זיי אין דער רגע פון מהומה זיך דורכצורייסן אין די וועלדער אריין און לאָזן דאָס געטאָ אויף גאָטס באַראָט?

וויט : אויב מיר זאָלן אַזוי טראַכטן, יעקב, וועלן מיר קיינמאָל ניט קענען האַנדלען. מיר האָבן באַטאַליאָנען פון קאַמפס־מוטיקע מענער און פרויען. ניט איינער פון זיי איז שוין דורכגעגאַנגען פּראָבעס פון מוט. ווייטער טאָרן מיר ניט טראַכטן. אויב עס האַנדלט זיך אין דער געטאָ־מאַסע בין איך אויך ניט אַזוי פּעסימיסטיש. אונדזער געדאַנק איז פרעמד דער מאַסע ווייל ער איז אפשר פרעמד דער נאַטור פון מענטשן. קיינער וויל ניט אויפגעבן זיין אינדיווידועלן קאַמף פאַרן לעבן און שלום מאַכן מיטן גורל. טיילמאָל נעמט אַ לאַנגע צייט דער מענטש זאָל טון עפּעס וואָס איז קעגן זיין נאַטור. אָבער טיילמאָל קען עס נעמען בלויז רגעס. אַלע רעוואָלוציעס האָט דאָך סוף־כל־סוף אויסגעטראָגן דאָס פאָלק. די מאַסע קען מאַכן סיורפּריזן אויך צום גוטן.

יעקב : אָבער רעכענען דערויף טאָר מען ניט. מיר מוזן זיך באַפרייען פון וואָס מער אליוזיעס כדי ניט געשטעלט צו ווערן פאַר סיורפּריזן אין מיטן פון דער אַקציע.

וויט : איך שלאָג פאָר צו פאַראָרדענען פולשטענדיקע מאָביליזאַציע פון אַלע קאַמפס־גרופּן. מיר האָבן טאַקע נאָך גאָרניט

באשלאָסן, אָבער ווי עס זאָל ניט זיין איז עס אויסנאָם־צושטאַנד.

**יעקב** : אַלע זיינען מסכים? (אַנוועזנדיקע גיבן הסכמה)

**וויט** : דיוועדסאַנטן און אויסשפּירערס זאָלן זיך זאמלען ביים אר־סענאַל. די קוילנוואַרפערס און מינענלייגערס קענען פאַר־נעמען די פריער צוגעגרייטע פּאָזיציעס. אַלע איבעריקע קאַמפּס־גרופּעס אויף זייערע מאָביליזאַציע פּונקטן... שלמה, ווילסט אַזוי גוט זיין?...

**שלמה** : יאָ, חבר קאָמענדאַנט. (רופט אַריין קוריער. גיט אים איבער באַפעל)

**וויט** : איצטער איז צייט אָנצונעמען אַ באַשלוס. און באַשליסן דאַרפן מיר, ווי עס איז פריער געזאָגט געוואָרן, צי עס איז איצטער געקומען דער פּאַסיקער מאָמענט פאַר אַ באַוואָפנטן אַרויסטריט צי ניט. מיין מיינונג איז... יאָ, אויב ליפּערט מען היינט אויס דעם קאָמענדאַנט, וועט מאָרגן גיין דער שטאַב, איבערמאָרגן די קעמפערס און לסוף דאָס גאַנצע געטאָ. דאָס פאָדערן דעם קאָמענדאַנט איז דער ערשטער שריט צו פולשטענדיקער ליקווידאַציע. גיבן מיר נאָך דעם דייטש קומט אויס, אַז אַנדערטהאַלבן יאָר פון מסירת נפש, פון קרבנות, פון זאַמלען געווער זיינען געווען זינלאָז. מיר זיינען די איינציקע וואָס האָבן גובר געווען די שרעק פאַרן דייטש. זעענדיק אונדז אומדערשראָקענע וועט אפשר דאָס געטאָ מיטגעריסן ווערן. אויפקלערונג וועט דאָ גאָרניט העלפן. די מאַסע קאָן דערוואַכן נאָר ספּאָנטאַן. אָדער ווען זי וועט אונדז זען אין קאַמף, אָדער ווען מען וועט זי פירן צו דער שחיטה. וואָס דער דייטש וויל איצטער איז טאַקע אונדז פאַרניכטן, כדי די מאַסע זאָל בלייבן אַליין אין איר לעצטן מאָמענט... וואָס וועלן זיי דאַן קענען אויפטון?... דערפאַר מוזן מיר איצטער האַנדלען אין זייער נאָמען. שווער צו זאָגן צי מען מעג עס טון קעגן זייער ווילן. צי מעגן מיר שטעלן אין געפאַר די טעג און אפשר חדשים, וואָס זיינען זיי נאָך געבליבן צום לעבן? עס איז דערויף קיין ענטפער ניטאָ.

איך קען נאָר זאָגן ווי איך פיל... איך פיל, אַז מיר מעגן. איך פיל, אַז די שעה איז געקומען צו ווייזן דעם דייטש, אַז די וועלט איז ניט הפקר, אַז... (קנוילט צוזאַמען די פויסטן) דאָס איז אַלץ. איצטער איז צייט אָפּצושטימען. יעקב?

**יעקב** : קעמפן.

**וויט** : זלמן?

**זלמן** : קעמפן.

**וויט** : נתן?

**נתן** : קעמפן.

**וויט** : אברהם?

**אברהם** : קעמפן.

**וויט** : אסתר?

**אסתר** : איך וואַרף זיך אונטער דעם באַשלוס פון דער מערהייט.

**וויט** : און דו, שלמה, דיך אויך פרעגן?

**שלמה** : (באַגייסטערט) חברים,...

(קוריער קומט אַריין)

**קוריער** : גענס שיקט די לעצטע וואָרענונג. ער וויל רעדן מיטן שטאַב.

**שלמה** : ניט גיין, חברה, ניט רירן זיך פון אָרט. די הויט ציטערט אויף אים. ער ווייס שוין אוודאי, אַז ביי אונדז רודערט זיך.

**יעקב** : ניט אַזוי היציק, שלמה.

**אסתר** : שלמה איז גערעכט. אַ שאָד צייט צו פאַרלירן.

**וויט** : אפשר וואָלטן מיר גאָר געוואונען אַביסל צייט, ווען מען גייט צו אים. מען וואָלט דערווייל געהאַט אַ פּאָר רואיקע שעהן צוצוגרייטן די אַקציע.

**יעקב** : יאָ. דאָס קאָן אים אויפהאַלטן אַביסל פון אַלאַרמירן די דייטשן.

**אברהם** : איך מיין אויך אַזוי. לאָמיר דערווייל אויסנוצן די „דיפּלאָמאַטישע מעגלעכקייטן" און מיר ווייסן דאָך גאָרניט וואָס ער וויל אונדז זאָגן. אפשר וויל ער גאָר צושטיין צו אונדז?

אסתר : גענס וועט צושטיין צו אונדז. אַפילו אין גענסן גלייבסטו נאָך?

אברהם : פאַרוואָס ניט? ער קאָן אַמאָל איינזען, אַז פאַר אים איז אויך קיין אַנדערער אויסוועג ניטאָ. טאָמער גייען מיר אַרויס אין קאַמף איז זיין קאָפּ סיווּוי איינגעשטעלט. ער קאָן זיך איצט וועלן רעהאַביליטירן. ער איז דאָך פילבאַר פאַר געשיכטע. איצט האָט ער אַ געלעגנהייט זיך צו מאַכן אַ בעסערן נאָמען...

אסתר : נו, זאָלסטו ניט פאַרגעסן אים דאָס אַלץ צו זאָגן.

זלמן : גייען מיר צו אים, צי מיר גייען ניט?

וויט : מיר גייען, אָבער ניט אַלע. דאָס וועט מען אים שוין ניט נאָכגעבן. קום, אברהם און טאַקע דו אויך, אסתר. יעקב און שלמה, איר וועט דאָ דערווייל באַאַרבעטן דעם פּלאַן, וואָס מיר האָבן פריער באַהאַנדלט... זלמן און נתן וועלן שוין אַרויסגיין צו די פּאָזיציעס... קומט... (שטעלט זיך אויף)

יעקב : (צו די אַוועקגייענדיקע) איר האָט געוועהר, אַלע? (אַלע דריי קוקן נאָך זייער געווער)

וויט : (צום קוריער) וואו איז איצטער גענס?

קוריער : ביי זיך אין הויז.

וויט : זאָג אים, אַז מיר קומען (קוריער אָפּ. צו די איבעריקע) אַלץ איז קלאָר?

יעקב : אַלץ איז קלאָר, חבר קאָמענדאַנט.

(וויטענבערג, אברהם און אסתר אָפּ. די טיר בלייבט אַ רגע אָפן. פון דרויסן רייסט זיך אַריין אַן אומרואיקער, אָבער שטילער טומל. מען הערט קלעפּ אין ווייטע טירן, באַגלייט מיטן פּאַרטיזאַנער פּאַראָל: „ליזע רופט!". עמעץ פאַר־מאַכט די טיר פון דרויסן)

זלמן : די ערשטע זאַך וואָס איך וועל טון וועט זיין פאַרגרעסערן די וואַך ביים געטאָ־טויער. אויסער דעם קאָן מען צושטעלן אַהין אַ פּאָר אויסשפּירערס.

יעקב : יאָ, נעם פון דער בעסערער חברה.

נתן : איך לויף צו די אַרסענאַלן.

שלמה : (צו נתנען) דאָ איז נאָך פאַראַן אַביסל געווער. מען קאָן עס אַריבערטראָגן אַהין און האַלטן פאַרן רעזערוו. יאָ און שיק צו צוויי מאַוזערס צו אסתרס גרופּע. צוויי יאַטן דאָרט אָן געווער. (נתן רופט אַריין צוויי קעמפערס פון דרויסן. נעמען זיך אַלע דריי אַרויסטראָגן דאָס געווער פון שאַפע און קעמערל. יעקב און שלמה זיצן אין אַ זייט. צייכענען עפעס אויף אַ פּאַפּיר. עס קומט אַריין עדזשע. זי טראָגט פּאַרטיזאַנער קליידער. איר געזיכט איז צעפלאַמט. זי זוכט עפעס אין די שופלעדער)

שלמה : עדזשע, וואָס טוסטו דאָ?

עדזשע : איך זוך עפּעס... (דערמאָנט זיך) שלמה, דרויסן איז דאָ עמעץ וואָס וויל דיך זען.

שלמה : מיך?

עדזשע : ער זאָגט, אַז ער וויל זען דעם שטאַב.

שלמה : איך בין ניט דער שטאַב.

(עס דערהערט זיך אַ טומל ביי דער טיר. קוריער קומט אַריין)

קוריער : דרויסן איז פאַראַן איינער, וואָס וויל דיך זען, שלמה.

שלמה : איינער, צי איינע?

קוריער : (מיט אַ שמייכל) איינער.

שלמה : ווען עס וואָלט אַפילו געווען איינע, די איינציקע, וואָלט איך זי אויך איצט ניט געוואָלט אָנקוקן. גיי זאָג אים דאָס.

קוריער : ער זאָגט, ס'איז זייער וויכטיק.

שלמה : זייער וויכטיק? ווער איז דאָס, אַ קעמפער?

קוריער : יאָ. פון שמעונס קאַמפּס־גרופּע.

שלמה : דער בריגאַדע־קאָמאַנדיר האָט אים געשיקט אַהער?

קוריער : איך ווייס ניט. וואַרט, איך וועל אים פרעגן.

שלמה : לאָזט אים שוין אַריין. געפונען צייט צו דרייען מיר אַ קאָפּ. (דוד ראָזענבערג קומט אַריין) וואָס איז געשען, חבר?

דוד : (צעקאָכט) דאָס בין איך געקומען זיך דערוויסן וואָס עס איז געשען. אַלע מיינע חברים האָט מען גערופן צו דער

מאָביליזאַציע און מיך ניט. כ׳האָב געמיינט, עס איז אַ טעות. לויף איך צום גרופּן־קאָמאַנדיר זאָגט ער מיר, אַז איך בין אויסגעשלאָסן פון דער גרופּע. פרעג איך אים פאַרוואָס, ווייס ער ניט. זאָג, אַז עס איז אַ באַפעל פון אויבן. נו, בין איך געקומען צום „אויבן" און וויל וויסן פאַרוואָס.

**שלמה** : גיי ווייס איצטער פאַרוואָס. דער באַפעל איז ניט געקומען פון מיר.

**דוד** : זיכער ניט. פון קיינעם ניט. פון דער לופט אַראָפּגעפאַלן, האָ? אָט אַזאַ אָרדנונג איז דאָס ביי אונדז. יעדער טוט וואָס אים געפעלט.

**שלמה** : האָסט זיך אויסגעקליבן אַ צייט צו קריטיקירן, חברל?

**דוד** : קריטיק? און וואָס מיינט איר, איר זייט שוין גאַנצע ספּעצן? איך האָב די צייגער אויפגעגעסן ביי אונטערער־דישער אַרבעט, ווייסט איר שוין?

**יעקב** : וואָס האָקסטו איצטער אַ טשייניק?

**דוד** : איך וויל מיין געווער צוריק, וויל איך.

**שלמה** : איך האָב ניט דיין געווער.

**דוד** : איך וויל איר זאָלט אויספאָרשן מיין ענין.

**יעקב** : ניטאָ קיין צייט דערויף.

**דוד** : טאָ וואָס זאָל איך טון? איך וויל געווער. איך וויל קעמפן. איך בעט אייך, חברים, גיט מיר אַ צעטעלע צו מיין גרופּן־קאָמאַנדיר און אַלץ וועט זיין אין אָרדנונג.

**שלמה** : מיר קענען דיר אַזאַ צעטעלע ניט געבן.

**דוד** : פאַרוואָס ניט?

**שלמה** : ווייל כ׳ווייס ניט פאַרוואָס מען האָט דיך אויסגעשלאָסן.

**דוד** : זעסט דאָך, אַז קיינער ווייס ניט.

**יעקב** : (נעמט וויטענבערגס נאָטיץ־בוך פון טיש) דער באַפעל האָט געקאָנט קומען פון קאָמענדאַנט אַליין.

**דוד** : (דערשראָקן) פון חבר לעאָ?

**יעקב** : זייער מעגלעך. (בלעטערט נאָטיץ־בוך)

**דוד** : איך האָב אים דאָך קיינמאָל פאַר די אויגן ניט געזען.

יעקב : קאָן אַמאָל זיין, אַז ער האָט דיך יאָ געזען.

דוד : טאָ פירט מיך צו אים. איך וויל זען דעם קאָמענדאַנט.

שלמה : ניט מער און ניט ווייניקער?

דוד : אויב האָט ער מיך געזען, טאָ זאָל ער מיר אין די אויגן פאַרוואַרפן מיין שולד.

שלמה : איך ווייס ניט צי ער האָט דיך יאָ געזען, צי ניט. איינס איז קלאָר. עפּעס איז ניט אין אָרדענונג מיט דיר.

דוד : איך וויל וויסן וואָס.

יעקב : (אויפהייבנדיק דעם קאָפּ פון נאָטיץ־בוך) אָט האָסטו וואָס... ווי איז דיין נאָמען?

דוד : סאַשאַ.

יעקב : דיין אמתער נאָמען איז דוד ראָזענבערג. אין קאָמענדאַנטס באַריכט, פאַרשריבן שוואַרץ אויף ווייס. איך קאָן דיר אַפילו זאָגן פאַרוואָס דו ביסט באַזייטיקט. פאַר דיסציפּלין־ברוך. און דער באַפעל איז אונטערגעשריבן פון חבר לעאָ.

דוד : (צעטומלט) איך קאָן שווערן ביי אַלעם הייליקן, אַז איך האָב אים נאָך אין מיין לעבן ניט געזען.

שלמה : און איצטער גיי, אָבער גיכער!.. (גייט צו צו עדזשען) וואָס זוכסטו דאָס אַזוי אַרום, דושינקע?

עדזשע : אַ בלייער. אַ בלויען בלייער מיט אַ שטיפטל. האָסט ניט געזען אַמאָל?

שלמה : צו וואָס דאַרפסטו איצטער אַ בלייער, עדזשעלע? אַ שפּייער דאַרפסטו. דאָס איז אַלץ.

דוד : (רירט זיך נאָך אַלץ ניט פון אָרט) וואו זאָל איך גיין, חברים, וואו זאָל איך גיין?

יעקב : עס איז מלחמה, ברודערקע. דו האָסט ניט אויסגעהאַלטן דיין פייער־פּראָבע. אַ גוטע נאַכט דיר און וויז זיך ניט מער.

שלמה : (צו דודן) אויב גלויבכטו אין דער זאַך, דאַרפסטו זיך ניט איבערנעמען. קענסט סייווי נוצלעך זיין. וועסט שוין אַליין איינזען מיט וואָס.

**דוד** : אַט אַזוי? מיט נאַקעטע הענט?

**שלמה** : ווער זאָגט, אַז מיט נאַקעטע הענט? מיט נאַקעטע פויסטן זאָג בעסער. אַזוי וועלן מיר אַלע סוף־כל־סוף בלייבן.

**דוד** : איך וויל מיין געווער. אָן דעם בין איך הילפלאָז. וועל זיך אַפילו באַשיצן ניט קענען. גיט מיר אַ שטיקל געווער, חברים...

**שלמה** : עס זייענען פאראַן בילכערע פון דיר, וואָס ווילן ניט זיך באַשיצן, נאָר דיך. נו, פאַרנעם זיך און גיי.

**דוד** : געדענקט, רעכנט זיך מיט דעם וואָס איר טוט. איר זייט נאָך ניט די זיגער. די צייט פון משפט איבער אייך וועט קומען. גאָר אין גיכן...

**יעקב** : (רופט אַריין קוריער. צום קוריער) נעמט אים!

(קוריער און דוד אָפּ)

**שלמה** : (צו עדזשען) אַ גאָלדענער בלייער האָט דאָס געמוזט זיין, אַז דו זוכסט אים אַזוי.

**עדזשע** : כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט. אַ פשוטער בלייער. אַ בלויער מיט אַ שטיפּטל.

**שלמה** : אַ מתנה מסתמא, האַ? (זי שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ)

(עדזשע דרייט זיך פאַרלוירן איבערן צימער. שלמה און יעקב זעצן זיך אַרבעטן. עס איז שטיל. פון דרויסן הערן זיך קלעפּ און באַהאַלטענע אויסרופן. דער פאָראַל: „ליזע רופט” טראָגט זיך אַהער פון נאָענט און פון וויטן)

## פאָרהאַנג

# ב י ל ד  צ ו ו י י

וואוינונג פון געגסן. רייך איינגעאָרדנט. סאָפעס. קלאַוויר. ביי דער זייט אַ באַר מיט גלעזלעך בראַנפן. ביכער. בילדער אויף די ווענט. דער באַלקאָן אין הינטערגרונט איז אָפן. אַ ווינט שפּילט מיט די פּאַרהאַנגען. פון צווישן זיי קוקט אַריין אַ טיף־גראַנאַטענער הימל. אַן אויסגעשטערנטער. מילדער.

יעקב געגס איז א יונגערמאַן פון א יאָר אכט און דרייסיק. ער איז א פעסט געבויטער מאַן. זיין גאַנג איז אַ זעלבסטזיכערער, מיליטערישער. פון צייט צו צייט ווערט ער אָבער מערקווירדיק לייכט, כמעט ייִנגליש. די בלאָנדע האָר זיינען פאַרקאָמט אויף אַרויף און מאַכן זיין פּנים אויסזען לענגער ווי עס איז אין דער אמתן. די אויגן זיינען בלוי. זייער בליק איז אַן אַדורכדרינגלעכער, שאַרפער.

געגס טראָגט האַלב ציווילע, האַלב מיליטערישע קליידער. אַ מין אייגענע קאָמבינאַציע פון אַ בלוזע, בריטשעסן און הויכע שטיוול. פון דער קעשענע אין די בריטשעסן קוקט אַרויס אַ רעוואָלווער. ער טאַפּט אים יעדעס מאָל מעכאַניש מיט דער האַנט. ער טראָגט ווייסע האַנטשן און אַ ווייס טיכעלע אין דער קעשענע פון דער מיליטערישער, שוואַרצער בלוזע.

ער שפּרייזט נערוועז איבערן צימער. פאַרהאַלט זיך ביים שרייב־טיש. האָט אָבער ניט קיין געדולד זיך אָוועקצוזעצן ביי אים. ער וואַרפט יעדע ווײַלע אַ דערוואַרטנדיקן בליק צו דער אַריינגאַנגס־טיר רעכטס און אַמאָל אין דער פאַרקערטער זייט. צו דער טיר לינקס, וואָס פירט צו דעם דערבייאיקן אַלקערל.

**געגס** : (אין דער ריכטונג פון אַלקערל) טעא, ביסט נאָך דאָרט?

(אַ רגע שטילקייט. די טיר פון אַלקערל עפנט זיך לאַנגזאַם אויף. עס באַווייזט זיך **טעאַ**. זי איז א יונגע פרוי מיט אלע רייצן פון אָריענטאַלישער שיינקייט. די קאָנטורן פון איר דינעם קערפּער צייכענען זיך בולט אונטער דעם נעטן זיידענעם קליידל. יעדער איר טראָט איז אַ שווים פון איר גאַנצן קערפּער אין דער לופטן. אין איין האַנט האַלט זי אַ

פוטערנע פעלערינע. די נעגל זיינען ביי איר געפאַרבט מיט אַ שאַרפן רויט און זיי שיינען אַרויס פון דעם פוטער, וואָס זי האַלט, ווי פייערדיקע קרעלן. זי דערנענטערט זיך צו געַנסן)

**טעא** : (פויל) איר האָט גערופן?

**גענס** : אַ פּאָר ריינע האַנטשן! (זי גייט אין דער ריכטונג פון דער קאָמאָדע. שפּילט זיך בעת מעשה מיט דער פעל פון דער פעלערינע. עפנט פויל דאָס שופלאָד און נעמט אַרויס אַ פּאָר האַנטשן)

**טעא** : (דערלאַנגענדיק די האַנטשן) ווי געפעלט דעם קאָמענדאַנט מיין נייע פעלערינע?

**גענס** : ווידער אַ נייע?

**טעא** : זי איז ניט ניי, נאָר איך האָב זי היינט באַנייט. זי שטאַמט נאָך פון דער אַקציע מיט די געלע שיינען. פאַר דריי קעפּלעך האָב איך זי געקויפט, אַן אמתע מציאה... (פאַרשווינדט אין אַלקערל. גענס שיקט איר נאָך אַ גיפטיקן בליק)

**גענס** : (אין דער ריכטונג פון אַלקערל) קום אַהער! (זי באַווייזט זיך ווידער אין טיר)

**טעא** : איר האָט גערופן?

**גענס** : גיס אָן אַ גלעזל! (מיט דעם זעלבן טראָט דערנענטערט זי זיך צום באַר. גיסט אָן אַ גלעזל בראָנפן. דערלאַנגט אים. וויל אַוועקגיין. ער פאַרהאַלט זי מיטן בליק) וואָס טוסטו דרינען?

**טעא** : איך שלייף מיר די נעגל. דער נאָגל אויפן קליינעם פינגער האָט מיר געמאַכט צוויי אייגלעך אין די זאָקן, ביז אַרויף. (פאַרשאַרצט ס׳קלייד. ווייזט אים) איך גיי באַלד...

**גענס** : וואָס איילסטו זיך אַזוי ?

**טעא** : שוין צייט. האָב איך ניט געטריי געדינט ביז צען אַ זייגער, הער קאָמענדאַנט?

**גענס** : סיוויי מיינט מען, אַז דו דינסט מיר ביז שפּעטער.

**טעא** : און אַז מען מיינט, וואָס אַרט עס מיך?

גענס : וואָס אַרט דיך דען בכלל?

טעא : (פויל) גאָרניט.

גענס : וואָסזשע קען דיך אַרן צו בלייבן היינט נאָך אַ ביסל?

טעא : וואָס איז דאָס היינט פאַראַ שמחה ווידער?

גענס : עס וועט זיין, האָף איך... זיי האָבן באַפוילן, אַז זיי קומען. וואָס וועט דיך אַרן דו וועסט מיט מיר זיין נאָך אַ רגעלע?... אַ ליאַדע מינוט דאַרפן זיי דאָ זיין.

טעא : און טאָמער קומט אויס צו וואַרטן מער ווי אַ רגעלע?

גענס : דו גלויבסט נאָך אַלץ ניט, אַז זיי קומען?

טעא : אַז כ׳וועל זיי דאָ זען וועל איך גלויבן.

גענס : וועסטו זיי טאַקע באַלד זען. טאַקע באַלד. אין אַ פּאָר מינוט אַרום זיינען דאָ... אָט דאָ וועט ער זיצן... (ווייזט אויף אַ שטול נעבן שרייב־טיש) דאָ קעגנאיבער מיר.

טעא : איר וועט זיך ביידע קענען קוקן גלייך אין די אויגן אַריין.

גענס : און דו מיינסט, אַז איך האָב מורא אים צו קוקן גלייך אין די אויגן אַריין? דו האָסט אַ טעות, מיין שוואַלב... (צעשטעלט שטולן) און דאָ וועלן זיצן די איבעריקע. וויפל זענען זיי, האַ?... קום אַהער, לייג צו אַ האַנט.

טעא : ס׳זיינען ניט מיינע געסט און ס׳איז ניט מיין שמחה. (שפּאַרט זיך צו אויף דער סאָפע)

גענס : איך זע, אַז דו בלייבסט.

טעא : ס׳הייבט זיך ניט אָן. כ׳האָב זיך בלויז צוגעשפּאַרט אויפן וועג אַהיים.

גענס : מאַך דיר דערווייל באַקוועם, מיין שוואַלב.

טעא : איך האָב געזאָגט איך גיי, גיי איך. די נאַכט געהערט צו מיר. אַפילו אַ שקלאַף האָט אַ רעכט אויף זיין נאַכט.

גענס : (שמייכלט) א שקלאַף האָט ניט קיין שום רעכט.

טעא : דו באַפעלסט מיר צו בלייבן?

גענס : חלילה, דו ביסט דען מיין שקלאַף?

טעא : וואָס דען בין איך דיינס?

גענס : איך האָב דיך ניט געקויפט.

טעא : זייער פּינקטלעך געזאָגט. איך האָב זיך אַליין פֿאַרקויפֿט. געדענקסט נאָך דעם פּרייז? אַן אַלטער מאַמענס לעבן, צוויי שוועסטער און איין געליבטער.

געגס : (כאַפּט זי אַן ביים אָרעם) הייבסט שוין אָן מכשפה?

טעא : טעא — די מכשפה פון געטאָ! וואָספאַראַ פּראַכטפולער נאָמען פאַר אַ ראָמאַן.

געגס : לאָז מיך איצטער צורו, איך בעט דיך.

טעא : (שטעלט זיך אויף) יאָ. איך דאַרף פאַרענדיקן שלייפן מיינע נעגל...

געגס : שטענדיק לאָז איך דיך רעדן וויפל דו ווילסט אַליין, אָבער ניט היינט.

טעא : ניט היינט. איך פאַרשטיי... (גייט צום אַלקערל)

געגס : דו ווייסט, אַז קיינער דערלויבט זיך ניט, וואָס איך דערלויב דיר...

טעא : (פאַרהאַלט זיך) דער קאָמענדאַנט איז אפשר פאַרליבט אין דער מכשפה פון געטאָ?

געגס : איך? פאַרליבט אין דיר? איך האָב ליב דאָס גלעזעלע בראָנפן. דיין גיפט איז פאַר מיר ווי דאָס גלעזעלע בראָנפן. הייס, בייסנדיק און דאָך אָנגענעם.

טעא : פאַרוואָסזשע ווילסטו עס ניט אַצינד?

געגס : אַצינד מוז מען זיין ניכטער. עס קומען וויכטיקע געסט, פאַרשטייסטו מיך.

טעא : דער לייב פון געטאָ... ער וועט דעם קליינעם געטאָ־קאָמענ־דאַנט צערייסן מיט זיינע שטעכיקע ציינער אַ שיכורן צי אַ ניכטערן. אַלץ איינס.

געגס : האַלסט מיך טאַקע פאַר אַזאַ שוואַכלינג?

טעא : מען מוז ניט זיין אַ שוואַכלינג באַזיגט צו ווערן פון אַ לייב.

געגס : און אפשר בין איך גאָר דער לייב... האַ? דו דאַרפסט עס שוין וויסן, מיין שוואַלב. יעקב געגס איז אַ גיבור. דו הערסט? אַ גיבור!

טעא : איי, איי, איי!

געגס : (מיט אַ שמייכל) אַז איך בין שטאַרקער פון דער תאווה, וואָס ציט מיך צו דיר, בין איך טאַקע אַ גיבור. אַ מענטש, וואָס איז שטאַרקער פון זיינע תאוות איז אַ גיבור. אָט קוק איך אויף דיר. איך זע די הויכע, שיינע פיס, וואָס צייכענען זיך אונטער דיין קלייד. דו טוסט דאָך ספּעציעל אָן אַזעלכע קליידער איך זאָל דיך זען אַ נאַקעטערע נאָך ווי דו ביסט באמת... דו שמירסט די האָר מיט אַזעלכע מכשפה־זאַלבן, עס זאָל מיר דרייען אין נאָז און לאָקן מיינע פינגער זיך צו פאַרפּלאָנטערן אין דעם וואַלד פון דיין שוואַרצקייט... און דיינע אויגן? זיי גיסטו גאַרניט צו. זיי זיינען געגוג אַזוי ווי זיי זיינען. שטעכנדיקע. בריענדיקע. טרעף אָקאָרשט וואָס איך זע אין דיינע אויגן? איך זע אין זיי דעם מלאך המות אַליין. און דו מיינסט, אַז איך האָב דיך ליב, האַ? איך האָס דיך, שיינהייט מיינע. מיט אַלע מיינע אברים האָס איך דיך... קאָמיש וואָס עס ציט מיך צו דיר, האַ? ווי קאָן איינעם ציען צום טויט? זעסט דאָך. עס קאָן און עס ציט. דער ווילן צום טויט איז אוודאי אויך אַ טייל פון לעבן. אָבער ווער עס קאָן הערשן איבער זיין לעבן, קאָן אויך הערשן איבער זיין ווילן צום טויט. איך בין שטאַרקער פון מיין פאַרלאַנג צו דיר. איך האַלט מיין ווילן אָט דאָ אין דער פויסט. דערפאַר האָב איך ניט מורא פאַר דיר. איך לאָז דיך אַפילו הערשן איבער מיר אַביסעלע. אָבער דאָס ביסעלע איז אויסגעמאָסטן גוט. שרעק זיך ניט. איך לאָז דיך רעדן... איך לאָז דעם סם פון דיין מויל טריפן טראָפּן נאָך טראָפּן אין מיין בלוט אַרייַן. ווייסטו פאַרוואָס? ווייל אַביסעלע שאַדט ניט. עס איז געזונט אַפילו. פונקט ווי דאָס גלעזעלע משכה. נאָר טאָמער טרעפט אַמאָל און דו הערסט זיך אויף פונאַנדערצוקלייבן ווער עס הערשט דאָ אייגנטלעך איבער וועמען, זאָלסטו זיך בלויז געבן אַ דערמאָן...

טעא : אַז איך קאָן ניט שיקן יעקב געגסן אויף פּאַנאַר...

גענס : לאָמיר זאָגן...

טעא : טאָ פאַרוואָס שיקסטו מיך ניט, אויב דו קענסט יאָ? איך האָב, דוכט זיך, שוין ניט איין מאָל פאַרגעסן ווער עס הערשט דאָ איבער וועמען.

גענס : אָבער איך האָב ניט פאַרגעסן.

טעא : דו קענסט האָבן בעסערע סעקרעטאַרינס פאַר מיר.

גענס : (לאַכנדיק) און נאָך ווי! אַ מיידל זאָל זיך ניט קענען אויס־לערנען שרייבן אָן פעלערן אַזאַ פשוט וואָרט ווי „אַוס־זידלונג"...

טעא : אַזאַ פשוט וואָרט...

גענס : אַ מיידל זאָל ניט קענען פאַרבאַהאַלטן איר ליטוואַקישן אַקצענט פון דעם מינדעסטן דייטשן וואָרט, וואָס זי ברענגט אַרויס אויף די ליפּן. אַ מיידל זאָל ניט האָבן דעם מינימאַלסטן חוש פאַר גראַמאַטישער לאָגיק...

טעא : און וואָס נאָך?

גענס : אַ פראַגע צי איך וואָלט געקענט האָבן בעסערע סעקרע־טאַרינס פון דיר!

טעא : טאָ אויף וואָס וואַרטסטו?

גענס : זיי וואָלטן זיכער געווען בעסערע העלפערינס. זיי וואָלטן מיך געמוטיקט און געטרייסט, ניט ווי דו...

טעא : פאַרוואָזשע נעמסטו זיי ניט?

גענס : פאַרוואָס איך נעם זיי ניט?

טעא : יאָ.

גענס : ווייל איך וויל דיך.

טעא : פאַרוואָס דווקא מיך?

גענס : ווייל דיך. (קוקן זיך ביידע אָן. אין די בליקן שנאה און באגער גלייכצייטיק. טעא גייט צו צום באַר. גיסט זיך אָן אַ גלעזל און זופּט עס לאַנגזאַם. גענס דערנענטערט זיך צו איר) ווייל איך דאַרף דיך. פאַר מיין גאַנצקייט דאַרף איך דיך. דו צעטרייסלסט מיך. דיינע רייד בריען מיין מוח, מיין געוויסן, ווי די אינטעליגענטן רופן דאָס. ווען דו ביסט

נעבן מיר פיל איך, אַז איך בין ניט קיין דייטש. דו גיסט אויף מיר אויס דעם גאַנצן האַס, וואָס דאָס געטאָ טראָגט צו מיר. און דער האַס, ווען ער קומט פון דיין מויל, פון דיינע אויגן, לאָזט זיך פאַרטראָגן. ער ווערט אַפילו שיין, טייוולאָניש שיין ווערט ער, דער האַס זייערער. און איך פיל, אַז ער איז מיינער. מיין אייגענער. מיין. ווייל דו ביסט מיין. איך באַקום זיך פיינט מיט דיין שנאה און דאַן ערשט זע איך ווי שטאַרק איך בין, וואָס טראָץ דעם טו איך ווייטער מיין שליחות...

**טעא** : (איינגיסנדיק זיך אַ צווייט גלעזל) דו ביסט געניאַל. קאָמפּלעט און פולשטענדיק געניאַל. (לאַכט) דאָס וואָס דו זעסט מיך אַ לעבעדיקע ביי דיין זייט, וואָס דו הערסט מיינע רייד און דו טוסט מיר גאָרניט, טרייסט דיין געוויסן, אַז דו ביסט ניט קיין מענטש אָן אַ געוויסן. עס מאַכט שטאַרקער קלאַפּן דיין האַרץ, זאָלסט פילן, אַז דו ביסט ניט קיין מענטש אָן אַ האַרץ. און אפשר געניאַרסטו זיך אַליין? אפשר איז עס נאָר דאָס קליידל און די גלאַנציקע האָר, וואָס דו קענסט ניט אָפּרייסן די אויגן פון זיי?... און דו האָסט מורא זיי אָנצורירן, ווייל דו ביסט א פּחדן אַ מאַן. ווייל דו האָסט מורא צו ווערן אַ שקלאַף ביי דער פאַרשקלאַפּטער געטאָ־מכשפה... (גיסט זיך איין דאָס דריטע גלעזל) נו, וואָס לייגט זיך מער אויפן שכל, מיין מעכטיקער, געוויסנלאָזער, האַרצלאָזער געטאָ־קאָמענדיאַנט?

**געגס** : דו ביסט טויזנט מאָל ערגער פון מיר.

**טעא** : אמת, אָבער דו ביסט צען טויזנט מאָל ערגער פון מיר.

**געגס** : שטות...

**טעא** : אַזוי? מען וואָלט געקאָנט אויסמעסטן וועמענס מדרגה פון שלעכטס איז גרעסער, מיינע, צי דיינע.

**געגס** : איך בין ניט נייגעריק וועמעס. מיר זיינען שותפים, טעא, עס וועט דיר גאָרניט העלפן. און עס איז נאָך פאַראַן אַן אונ־טערשיד צווישן אונדז ביידן. אַ ווערטלעכער אונטערשיד. דו גלויבסט, אַז איך טו שלעכטס און דו העלפסט מיר צו. דאָס איז

אַ גרויסע זינד. איך גלויב, אַז דאָס וואָס איך טו מוז געטון ווערן. אַז איך טו ריכטיק. און אויב ריכטיק איז גוט. און דאָס איז בלויז אַ האַלבע זינד.

טעא : און ווער וועט דיר צונעמען די אַנדערע העלפט?

גענס : דער דייטש.

טעא : האָסט זיך צעטיילט מיטן דייטש האַלב אויף האַלב... און מיר הייסטו גאָר טראָגן אַ גאַנצע זינד איינע אַליין. פאַרוואָס קומט מיר דאָס?

גענס : דיין געוויסן דאַרף דיך מער פייניקן.

טעא : קאָן עמעצן ווי טאָן אַ צאָן, וואָס ער האָט אים ניט? דו ביסט געווען מיין דענטיסט... אַרויסגעריסן מיר אַ צע־וואונדיקט געוויסן און איצט בין איך פּטור. פריי ווי אַ פויגל.

גענס : דו ווייסט, אַז פאַר די לעבנס, וואָס דו האָסט אויסגעבעטלט ביי מיר זיינען געגאַנגען אַנדערע דריי... און דו קומסט און זאָגסט מיר, אַז מיינע הענט טינקען זיך אין בלוט.

טעא : וואָס דען? אפשר מיינע? (ווייזט אויף אירע הענט) זענען די הענט פּעאיק צו דעם, נו, זאָג אַליין? דאָס זיינען דאָך די ווייסע, זויבערע הענט פון דער גוטער פּאַליציסטין טעא. צו איר דאַרף מען בלויז אַ קליין פּראָטעקציעלע און זי גיט אַרויס אַ לעבנס־שיין פאַר אַ נישטיקער באַלוינונג. אַ קליידל, אַ פוטערל, אַ בריליאַנטל. (באַטראַכט זיך די נעגל) דער קליינער נאָגל איז נאָך אַלץ ניט צוגעשליפן. און דאָס ביסטו אויך שולדיק. (שכורלעך) אָ, איך מעג מיר שלאָפן אַ רואיקן שלאָף... די גרויסע שוואַרצע ציפער וועט פאַר־שריבן ווערן ניט אויף מיין חשבון. זי וועט פאַרשריבן ווערן אויפן חשבון פון אַ שוואַרצן שד, וואָס יעקב גענס איז זיין נאָמען.

גענס : אוי טעא, טעא... וואָס וואָלסטו געטון ווען איך ניכטער זיך אַזוי אַמאָל אויס פון דיר, האַ? גיב נאָר אַ טראַכט.

טעא : וואָס איך וואָלט געטון?

**גענס**: יאָ. וואָס וואָלסטו געטון?

**טעא**: איך וואָלט זיך דיר אָנגעבאָטן פאַרן פּרייז פון מיין לעבן.

**גענס**: (לאַכט) איך קאָן דיך האָבן פאַר אומזיסט, מיין שוואַלב.

**טעא**: (שכור) פאַר אומזיסט, האַ?... אוודאי... שפּילט ביי דיר אַ ראָליע? וואָס איז פאַר דיר איין לעבן? דו האַנדלסט דאָך אויף הורט מיט לעבנס און לעבנדלעך.

**גענס**: אָבער פאַר דיר איז דיין לעבן גאָרניט אַזוי ביליק? האַ?

**טעא**: ניין. גאָרניט אַזוי ביליק. איך האָב עס אַפילו ליב, אויב דו ווילסט וויסן. איך וויל זיך ניט אָפּרייסן דערפון. עס איז גוט צו לעבן... אַפילו ווי אַ וואָרעם, ווי אַ פליג, ווי א שפּין, ווי א רציח, ווי א בעטלער, ווי א מכשפה... עס איז גוט צו פילן דאָס בלוט אין די אָדערן... עס איז גוט צו קענען הערן, קענען זען, קענען פילן ווייטיק, גרוילעכע יסורים, אַבי לעבן... (הייבט אויף דאָס ליידיקע גלעזל פון וויין) איך טרינק צו דיר, לעבן מיינס, לעב! לעב! לעב!

**גענס**: (שפּאָטיש) אָט דאָס איז עס. יעדער האָסט מיך און האָט נאָר אין זינען זיין לעבן.

**טעא**: אָבער ניט דו...

**גענס**: אָבער ניט איך. אפשר וועסטו מיר זאָגן מיט וואָס איך האָב זיך דאָס אין זינען? מיט וואָס איך באַשיץ זיך? האַ? דו ווייסט דאָך יאָ, אַז איך האָב איצטער געקאָנט זיך גאַנץ גוט לעבן אויף דער פריי. דו ווייסט, אַז איך האָב אָפּגעגעבן אַ ווייב, צעבראָכן אַ היים און בין געקומען אַהער. ווייל איך בין אַ מיליטער־מאַן און דאָ איז אַ שלאַכט־פעלד. איך בין ניט געקומען אַהער שלאָגן זיך פאַר מיין לעבן. איך בין געקומען אַהער זיך שלאָגן פאַר מיין פאָלק. פאַר מיינע ברידער. עס איז אַ שמוציקע, נידעריקע קוואַליטעט פון קאַמף, וואָס איך פיר דאָ אין געטאָ. יעדער סאָלדאַט וואָלט זיך מיט עקל אָפּגעקערט דערפון. אָבער ניט איך. מיין געוויסן האָט מיך געטריבן אַהער און האַלט מיך דאָ...

**טעא**: וואָספאַראַ קאָמישן געוויסן דו האָסט.

גענס : דו וועסט עס קיינמאָל ניט באַגרייפן.

טעא : דאָס געוויסן פון אַן אכזר. ווי קאָן איך עס באַגרייפן? דאָס געוויסן פון אַ דייטש.

גענס : איך בין ניט קיין דייטש. מיך ברענט דאָס שלעכטס, וואָס איך טו. מיר טוט עס ווי...

טעא : ביסט געקומען אַהער טון שלעכטס און ליידן דערפון וואָס דו טוסט עס?

גענס : יאָ. דאָס איז דער פּרייז פאַרן גוטס, וואָס איך טו. פאַרן העכערן ציל.

טעא : ווי הויך איז דיין ציל?

גענס : מיין ציל איז דאָס פאָלק.

טעא : דו ביסט זיין תליון...

גענס : (אויפגעטרייסלט) וואָס האָסטו געזאָגט?

טעא : (טרייסלט זיך שיכור) גאָרניט. אַז דו ביסט אַ תליון. האָסט עס ניט געוואוסט? דו — ביסט — אַ — תליון!

גענס : (אויסער זיך) שווייג! שווייג! (זי לאַכט אים שכור אין די אויגן אַריין. ער כאַפּט אַרויס זיין רעוואָלווער פון קעשענע)

טעא : (איר געלעכטער ווערט אַ פחד־קרעכץ) וואָס גייסטו טון? ניין! ניין... וואַרט! איך דאַרף מיר פריער צושלייפן דעם נאָגל אויפן קליינעם פינגער... עס קוועלט מיך... וואַרט... (באַרואיקט זיך מיטאַמאָל) דו ווילסט ניט וואַרטן? גוט.. ביסט גערעכט... טו עס... איצטער איז די צייט. דער וויין רוישט אין קאָפּ. עס וואָלט מיר גוט געמאַכט... ניט ווי געטון... נאָך אַ מינוטקעלע, כ׳בעט דיך. לאָז מיך כאָטש באַקוועם זיך אַוועקלייגן... (לייגט זיך אויף דער סאָפע) איצטער מעגסטו... נו, איך וואַרט...

גענס : (לייגט צוריק דעם רעוואָלווער אין קעשענע) ביסט שיכור.

טעא : ווער? איך? איך בין נאָך ניכטערער ווי איך וואָלט געוועזן ניכטערערהייט. גלייבסט מיר ניט? הער... איך בין אַ תליון, דו ביסט אַ תליון, ער איז אַ תליון... זעסט וואָספאַראַ ניכטערן חוש איך האָב איצטער פאַר גראַמאַטישער לאָגיק?...

גענס : (נעמט זי פאַרן אָרעם און שלעפּט אַראָפּ פון דער סאָפע) נאָך איין מאָל זאָל איך הערן פון דיר דאָס וואָרט, דו הערסט? נאָך איין מאָל...

טעא : יאָ. איך בין שיכור. מאָרגן וועל איך זיין ביים קלאָרן זינען. וויסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן מאָרגן באַלד אינדערפרי? איך וועל זאָגן: יעקב גענס, דו ביסט אַ מאַרטירער... איך בין אַ מאַרטירער, דו ביסט אַ מאַרטירער, ער איז אַ מאַר־טירער...

גענס : (שטויסט זי פון זיך) גיי שוין צום טייוול! (זי פאַרוואָרפט די הענט אַרום זיין האַלדז) וואָס ווילסטו שוין ווידער?

טעא : דו האָסט מיך געהייסן גיין צום טייוול. דו ביסט דער טייוול...

גענס : טעא!!!

טעא : אַנטשולדיק. כ׳מיין דער מלאך פון ירושלים ד׳ליטא. דער ווייסער משיח פון יידישן פאָלק.

גענס : (מעסט איר אָפּ אַ פּאַטש) איך האָב דיך געוואָרנט. ניט היינט! (זי לאָזט זיך אַראָפּ צו זיינע פיס. ער דערלאַנגט איר אַ שטויס מיטן שטיוול) און איצטער גיי, זונה איינע, גיי מיר פון די אויגן! (זי הייבט זיך אויף. גייט וואַקלענדיק צו דער אַרויסגאַנג־טיר. ער שרייט איר נאָך) טעא!

טעא : (קערט זיך אום) איר האָט גערופן, מיין קאָמענדאַנט?

גענס : גיס מיר איין אַ גלעזל! (זי שאַרט זיך צום באַר. גיסט מיט ציטריקע הענט איין דעם בראָמפן. ער הייבט אויף די פעלערינע פון דער פּאַדלאָגע. גייט צו צו איר. דעקט איר אַרום די פּלייצע) עס איז אַ ווינטיקע נאַכט אין דרויסן, מיין שוואַלב...

טעא : (דערלאַנגט אים דאָס גלעזל. גייט אַרויס דעקלאַמירנדיק) קאַלט און פינצטער איז די נאַכט... טיר און טויער צוגע־מאַכט... (באַווייזט זיך פּלוצים ווידער אין טיר) קאָמענ־דאַנט... זיי קומען... די געסט... וויטענבערג גייט אַהער...

גענס : (זיגעריש) איצטער מעגסטו אַריינקומען. איך וועל זיך מער ניט בייזערן אויף דיר. האָב ניט קיין מורא, מיין שוואַלב. נו,

קום אַריין. אַט אַזוי. עס פּאַסט ניט מען זאָל דיך זען אין אַזאַ שפּעטער שעה אַרויסגיין פון מיין הויז. (נעמט זי גראַציעז פאַר אַ האַנט און פירט זי צום אַלקערל) גיי, ענדיק שליפן דיינע נעגל.

**טעא** : (לאָזט זיך פירן. דעקלאַמירט) שלאָפן שלאָפט נאָר ניט דער ווינט און די בילנדיקע הינט... (לאַכט) און די בילנדיקע הינט... (ער שטופּט זי אַריין אין אַלקערל. פאַרמאַכט די טיר. גייט צום שרייב־טיש. זעצט זיך. ווערט אָפיציעל. עס דערהערן זיך קלעפּ אין טיר)

**גענס** : ווער איז דאָרטן?

**פּאָליציסט** : (קומט אַריין. סאַלוטירט) הער קאָמענדאַנט, איך מעלדע...

**גענס** : זיי זיינען דאָ?

**פּאָליציסט** : יאָ, הער קאָמענדאַנט...

**גענס** : אַריינלאָזן!

(עס קומען אַריין וויטענבערג, אסתר און אברהם. נאָך זיי, צוויי פּאָליציסטן. שטעלן זיך אַוועק ביי דער טיר. גענס ווייזט וויטענבערגן זיין צוגעגרייטן פּלאַץ. וויטענבערג זעצט זיך. אסתר און אברהם פאַרנעמען די ערטער דערנעבן. עס בלייבן לער אַ פּאָר שטולן.)

**גענס** : (אויסמיידנדיק וויטענבערגס בליק) דאָס איז אייער גאַנצער שטאַב?

**וויט** : אַ האַלבער.

**גענס** : איך האָב געוואָלט דעם גאַנצן שטאַב.

**וויט** : און מיר האָבן געוואָלט אַ האַלבן.

**גענס** : (נעמט טרייבל פון טעלעפאָן. וויל טעלעפאָנירן. וויטענבערג לייגט אַרויף די האַנט אויפן טרייבל. זייערע בליקן באַגעגענען זיך צום ערשטן מאָל) דו ביסט ביי מיר אין הויז, וויטענבערג, פאַרגעס ניט דערוועגן.

**וויט** : ביי אייך אין הויז, אָבער נאָך ניט ביי אייך אין דער האַנט.

**גענס** : נעם אַראָפּ די האַנט פון טעלעפאָן.

**וויט** : (פאָלגט ניט) ניט שיין צו פירן טעלעפאָן געשפּרעכן אין דער אַנוועזנהייט פון געסט.

גענס : דו ביסט געקומען מיך לערנען וואָס איז שיין און ניט שיין ?

וויט : (ערנסט) איך בין ניט געקומען זיך איבערגעבן אין אייערע הענט. לאָזט צורו דעם טעלעפאָן... און נאָך עפּעס. הערט מיך אויף צו דוצן.

גענס : (לאַכט נערוועז) איך האָב געוואָלט רעדן מיט דיר ווי עס רעדט אַ מיליטער־מאַן מיט אַ מיליטער־מאַן.

וויט : איך בין ניט קיין מיליטערמאַן.

גענס : אַזוי גאָר ? וואָס דען ביסטו ?

וויט : אַ קעמפּער.

גענס : זייער פּאַטעטיש.

וויט : לאָזט צורו דעם טעלעפאָן.

גענס : עס האָט זיך נאָך גאָרניט אָנגעהויבן און דו ביסט שוין איבער־געשראָקן, וויטענבערג ?

וויט : ניט מער פון דיר, גענס.

גענס : גוט. אָט האָסטו דיר דעם טעלעפאָן און זע וויפל איך קום איך אַנטקעגן. (צו די פּאָליציסטן ביי דער טיר מיט אַ וואונק) איר קענט גיין. זעט אָלע טירן זאָלן זיין פאַרמאַכט און מעלדעט וועגן יעדן איינעם, וואָס דרייט זיך אין דרויסן.

וויט : זיי גייען ניט אין ערגעץ. (צו די פּאָליציסטן) איר בלייבט דאָ. און קיינעם ניט אַריינלאָזן אַהער, פאַרשטאַנען ?

גענס : (שוין אויסער זיך. צו וויטענבערגן) גיב אַכטונג, דו כאַפּסט איבער די מאָס !

וויט : איך האָב זי שוין לאַנג איבערגעכאַפּט.

גענס : ווער גיט דיר רעכט צו באַפעלן מיין פּאָליציי ?

וויט : (מיט אַ שמייכל) דיין פּאָליציי, דיין געטאָ, דיינע יידן.

גענס : מיין פּאָליציי, מיין געטאָ, מיינע יידן און מיין וויטענבערג.

וויט : נאָך ניט.

גענס : איך וועל דיר ווייזן ווי ווייט דו ביסט מיינער, ברודערקע. (צו די פּאָליציסטן) בלייבט ! (פּאָליציסטן סאַלוטירן) דאָס

איז מיין באַפעל. (מיטאַמאָל צו אברהמען) נו, וואָס האָט איר מיר צו זאָגן?

אברהם : איר האָט אונדז גערופן. אַ סימן, אַז איר האָט אונדז וואָס צו זאָגן.

גענס : איר ווייסט גאַנץ גוט וואָס איך האָב צו זאָגן און איך וויל הערן אייער ענטפער.

אסתר : אונדזער ענטפער אויף וואָס?

גענס : דו ווייסט ניט אויף וואָס?

אסתר : ניין. איך ווייס ניט.

גענס : וועל איך דיר זאָגן. די דייטשע מאַכט וויל אים (ווייזט אויף וויטענבערגן) ער מוז צוגעשטעלט ווערן אַ לעבעדיקער אין לויף פון היינטיקן אָוונט.

אברהם : און אַז ניט?

גענס : און אַז ניט איז ליקווידאַציע. צוואַנציק טויזנט לעבנס אויף אייער געוויסן. איר וועט עס קענען אויסהאַלטן?

אסתר : מיר וועלן זיך קומען לערנען ביי אייך ווי עס אויסצוהאַלטן.

גענס : (שטעלט זיך אויף. גייט צו צו אסתרן) און וואָס האָסטו מיך אַזוי פיינט, קליינע? וואָס האָב איך דיר געטון אַזעלכעס?

אסתר : מיר? איין קלייניקייט. אַ מאַן מיט אַ קינד געשיקט אויף פּאָנאַר. קראַנקע טאַטע־מאַמע פון שפּיטאָל טראַנספּאָרטירט.

גענס : דער דייטש האָט עס געטון, ניט איך.

אסתר : דער דייטש מיט אייערע ווייסע הענט.

גענס : אָבער דערפאַר וואָס דו אַליין לעבסט דאַרפסטו דאָך מיך ליב האָבן. דאַנקבאַר זיין.

אסתר : דאָס בין איך טאַקע. איך וואַרט נאָר אויף דער געלעגנהייט אייך דאָס צו באַווייזן... און איצטער רוקט זיך אָפּ פון מיר.

גענס : קענסט ניט פאַרטראָגן מיין נאָענטקייט?

אסתר : איך קאָן ניט פאַרטראָגן דעם ריח פון בלוט און בראָנפן, וואָס שלאָגט פון אייך.

גענס : אַזש אַזוי ווייט? נו, דאָס לוינט זיך צו געדענקען. וואָרט. איך וועל מיך שוין באַמיען מיר זאָלן זיך קיינמאָל ניט באַגעגענען.

אברהם : (צו גענסן) צו דעם האָט איר אונדז גערופן?

גענס : איר ווייסט צוליב וואָס איך האָב אייך גערופן. איך אונטער־האַלט מיך דערווייל מיט דרעאָ רייצנדער דאַמע, ביז דער ענטפער וועט קומען.

אברהם : אונדזער ענטפער וועט קומען היינט ביינאַכט.

גענס : (ווילד) איך וויל אים שוין! (צו וויטענבערגן) וויטענבערג, וואָס האָסטו מיר צו זאָגן?

וויט : מיינע חברים האָבן שוין געזאָגט.

גענס : (באַהערשט זיך) לאָמיר זיך דורכשמועסן. איך מיין, גרינטלעך זיך דורכשמועסן. איך וויל אָפענע קאָרטן. איר פאַרשטייט? איך זע, וואָס איר גייט טון. איר מיינט איך ווייס ניט? איר האָט באַשלאָסן אים ניט אויסצוגעבן. איר האָט באַשלאָסן צו קעמפן... אַזוי האָט איר באַשלאָסן, האַ? (שווייגן) פאַרוואָס ענטפערט איר ניט?... איך בין ניט אייערס קיין שונא. איך שווער אייך. איך בין אַן אייגענער. אייער בלוט און פלייש... (פאַרטראַכט זיך) קאַמף... וויפיל מאָל טראַכט איך אליין דערוועגן? אין די גרויליקע נעכט פאַר אַן אַקציע, ווען איך דריי זיך אַ פאַרסמטער איבערן צימער מיטן דייטשן באַפעל אין האַנט, בעט זיך אַלץ אין מיר: צערייס דעם באַפעל, גרייט צו אַ ווידערשטאַנד. דער מוח הייבט אָן קאַלקולירן סטראַטעגישע פלענער, איינשטעלן די פאַרטיידיקונג, אָרגאַ־ניזירן דעם קאַמף. איך זע זיך אין שפּיץ פון דער געטאָ־מאַסע... אָבער דאַן מישט זיך אַריין מיין שכל און זאָגט: ניין, דו טאָרסט זיך ניט דערלויבן דעם לוקסוס פון קעמפן אַ פאַרשפּילטן קאַמף... איר קענט מיך, מיינט איר. איר זעט אין מיר אַ בלוט־דורשטיקן טייוול. מיך אַרט ניט. איר מעגט טראַכטן וואָס איר ווילט. איך וועל סייווי מיט אחריות אויספילן מיין פליכט לגבי דער געשיכטע. קעמפן איז טאַקע

שיין, טאַקע ראָמאַנטיש... אָבער ניט פאַר מיר. איך בין דאָ צו ראַטעווען לעבנס. צו שיצן וואָס עס לאָזט זיך, אַז עס זאָל בלייבן אַ שריד פון אונדזער יידישער ווילנע.

**וויט** : דאָס ליד האָבן מיר שוין ניט איינמאָל געהערט.

**גענס** : (צוריק אין פריערדיקן טאָן) און עס קלינגט ניט גענוג שיין אין דיינע אויערן, וויטענבערג?

**וויט** : עס גרילצט ווי פאַרזשאַווערטע בלעך.

**גענס** : דו האָסט אַן אַנדערס?

**וויט** : ווער ווייס צי אַפילו יעקב גענס וועט זיין העלדישן קאָפּ קענען ראַטעווען.

**גענס** : דאָס איז דיין ליד?

**וויט** : ניין. דאָס איז ניט מיין ליד. מיין ליד זינגט זיך אַנדערש. עס זינגט זיך מיט פאַרקריצטע ציינער. עס גליט אין די גראַנאַטן, אין די פייער־לופעס פון אונדזער געווער.

**גענס** : (מיט געלעכטער) אייער געווער! די פאַר צעבראָכענע ביקסלעך וואָס איר האָט? מיט דעם ווילסטו איינעמען די וועלט?

**וויט** : מיט ביקסן נעמט מען ניט איין די וועלט.

**גענס** : נאָר מיט וואָס דען?

**וויט** : מיט אַזעלכעס, וואָס דו פאַרמאָגסט ניט, יעקב גענס. מיט אַ געהיימען וואָפן אַזאַ, וואָס שמידט זיך אויס אין מוטיקע, ריינע הערצער. ניט אין אַזעלכע ווי דיינס.

**גענס** : (אויפגעבראַכט) דו וואָגסט דאָס אַזוי צו רעדן צו מיר? דו? וואָס האָסטו געטון די אַלע יאָרן פאַרן געטאָ? אפשר האָסטו עס אויסגעבויט און פאַרזאָרגט? אפשר האָסטו דעם קאָפּ איינגעשטעלט עס זאָל זיין אַן אָרגאַניזאַציע, עס זאָלן זיין וואַרשטאַטן? ווייסטו כאָטש וואו מיר וואָלטן היינט אַלע געווען אָן דעם אַלעם? ניין, דו מאַכסט זיך ניט וויסן. און ווער האָט פאַר די קינדער שולן אויסגעבויט? ווער האָט זיי אַביסל פרייד געגעבן? וויפל געזונט האָט מיך געקאָסט דאָס וועלדל ביי די דייטשן אויסצופועלן? און בלויז דאָס? ווער האָט טעאַטערס געבויט? יאָ. טעאַטערס. און ווער האָט

די שרייבער צום שרייבן געמוטיקט, אַפּילו האָנאָראַר גע־צאָלט?... ווער האָט דאָס אַלץ געטון? אפשר דו, האַ?

**וויט**: ניין. ניט איך. איך בין אויך ניט געשטאַנען ביים טויער און געציילט די קעפּלעך. איך האָב ניט דורכגעפירט קיין סע־לעקציעס. איך האָב ניט געקאַטעוועט קיין יידן, ניט אויס־געגעבן קיין מאַלינעס, ניט געשאָסן קיין שמוגלערס פון ברויט. איך האָב ניט פאַרשלעפּערט דאָס פאָלק מיט דער פוסטער האָפנונג, אַז אפשר וועט זיך לאָזן עפּעס אָפּראַטעווען. איך בין ניט געווען דעם דייטשס משרת, איך האָב ניט צוגעהאָלפן אים מיט גאָרניט אין זיין פאַרניכטונגס־אַרבעט. איך האָב אים ניט געהאָלפן באַרויבן די יידן פון צלם אלקים, נאָך איידער זיי ווערן פאַרניכטעט. איך האָב ניט פאַרטשאַדעט די מוחות מיט אויסגעדראָשענע צוזאָגן. איך האָב ניט צעבראָכן דעם יידישן שטאָלץ.

**גענס**: ניין, דו האָסט ניט. דאָס אַלץ האָב איך, איך אַליין געטון. און איך נעם עס אויף זיך. איך וועל טראָגן די אחריות דערפאַר. איך האָב ניט קיין מורא. אויב עס איז דאָ אַ גאָט וועט ער זען וואָס אין מיין האַרצן טוט זיך און מיך משפטן גערעכט. און אויב דער מענטש פון די קומענדיקע דורות וועט מיך אורטיילן, זאָל ער מיך. מיך אַרט ניט. מיין ערלעכקייט וועט סייווי אַרויפשווימען ווי בוימל אויפן וואַסער. די גע־שיכטע וועט מיך ריינוואַשן פריער צי שפּעטער... יאָ, איך בין גערעכט אין מיינע אויגן און גערעכט וועל איך זיין ביז אין מיין קבר אַריין... אמת, איך פיר יידן צום טויט, אָבער איך ראַטעווע יידן פון טויט. איך הייס אויפרייסן מאַלינעס און קאַטעווען ביים טויער, אָבער גלייכצייטיק באַשיץ איך צענד־ליקער אַנדערע מאַלינעס און מאַך מיך ניט זען, ווען הונדער־טער שמוגלען אַריין דורכן טויער. די דייטשן קומען צו מיר און פאָדערן טויזנט יידן. איך גיב. ווייל אויב וועל איך ניט געבן וועלן זיי קומען און נעמען בגוואַלד. ניט טויזנט, נאָר צען טויזנט. דאָס גאַנצע געטאָ וועט ווערן הפקר. און אַזוי ראַטעווע איך מיט הונדערט — טויזנט. מיט טויזנט —

צען טויזנט. איך ראַטעווע גופים, איך ראַטעווע לעבנס און דערפאַר שטעק איך אין טויט. דערפאַר לעב איך אַ פאַר־האַסטער צווישן די, וואָס איך ראַטעווע, אַ באַשפּיגענער און באַליידיקטער דורך די וואָס האָבן נאָך אַ דאַנק מיר דאָס שטיקל ברויט צו עסן.

**וויט** : אַ דאַנק דיר האָבן זיי דאָס שטיקל ברויט צו עסן?

**גענס** : וואָס דען, אַ דאַנק דיר?

**וויט** : אַ דאַנק דעם גוטן דייטש, וואָס באַוויליקט זיי דאָס שטיקל ברויט ווי לאַנג דאָס שטימט מיט זיינע חיהשע פּלענער... (פון אַלקערל הערט זיך טעאס שטימע. זי זינגט שיכורלעך און באַגלייט זיך אויף אַ מאַנדאָלין)

**טעא** : ווייל מיר זיינען ווי שאָטנס,
וואָס די נאַכט האָט צעשפּרייט.
באַר זי איינע פאַרשטייט
וואוהין יעדער גייט.
ווער צום לעבן, ווער צום טויט...

**גענס** : ניין, איר וועט קיינמאָל ניט פאַרשטיין וואָס איך טו. אַרויס־געוואָרפענע רייד... (שווייגן. הערט זיך איין אין טעאס געזאַנג. מיט אַ זיפץ) אייך איז וואויל...

**אברהם** : עס קען אייך זיין אַזוי וואויל ווי אונדז.

**גענס** : איר מאַכט דעם חשבון פון יידישן כבוד און מיר איז געגעבן געוואָרן צו מאַכן דעם חשבון פון יידישן בלוט.

**אסתר** : ווער הייסט אייך?

**גענס** : איר מיינט איך וואָלט ניט געוועזן גליקלעך צו זיין איינער פון אייך?

**אברהם** : נו?

**גענס** : נו. אַ שיינער נו. איך טאָר ניט. איך קאָן ניט לאָזן הפקר אַן אונטערגייענדיקע שיף... איך קאָן אייך בלויז מקנא זיין... דאָס מעג איך דאָך... אמת?

**אברהם** : דאַרפט איר אונדז כאָטש ניט שטערן. אויב זייט איר אין האַרצן מיט אונדז דאַרפט איר אונדז העלפן.

**גענס** : איך העלפן? רעדסט נאַרישקייטן, חבר... מיר האָבן זיך אויסגעקליבן צוויי פאַרשידענע וועגן צו דינען דעם פאָלק. און איינער שליסט אויס דעם צווייטן. מיין וועג שליסט אויס אייערן. אייערער — שליסט אויס מיינעם. דערפאַר זאָלט איר וויסן און געדענקען. איך וועל פון מיין וועג אויף קיין האָר ניט אָפּטרעטן. צו טייער האָט ער מיך שוין געקאָסט און איך בין גרייט פאַר אים מיין קאָפּ איינצושטעלן. נעמט זיך דאָס גוט אין זינען אַריין. איך וועל טון אַלץ איך צו צעשטערן. איך וועל שוינען אייערע לעבנס. דאָס יאָ. איך וויל איר אַליין זאָלט אַרויסגיין אַמאָל פון געטאָ און זאָגן דער וועלט: אונדזערע הענט זיינען ריין, ווייל יעקב גענס האָט זיינע געטונקען אין בלוט. האָט ניט קיין מורא. איך ווייס גענוי ווער עס געהערט צו אייערע גרופּעס. אָבער ס'וועט קיינעם קיין האָר פון קאָפּ ניט אַראָפּפאַלן. איך וויל בלויז אים. (ווייזט אויף וויטענבערגן) דער דייטש פאָדערט אים פאַרן פרייז פון אייך אַלע.

**וויט** : דו מיינסט וועסט איינרעדן מיינע חברים, וואָס דו האָסט איינגערעדט דעם געטאָ? מען דאַרף ברענגען דעם קרבן צו שוינען די איבעריקע, האָ? שפּעטער וועסטו זינגען דאָס זעלבע לידל צו די איבעריקע און אַזוי וועט עס גיין אַ גאַנג... און מיר זאָלן דיר גלויבן? מיר האָבן דיר קיינמאָל ניט געגלויבט און איצטער אוודאי ניט. אונדזער וועג שליסט אויס דיינעם. טאַקע אמת. אָבער אונדז פאַלט גאָרניט איין דיר אָפּצוטרעטן. דיין וועג איז גאָר קיין וועג ניט. זאָג ניט, אַז דו ווילסט ראַטעווען. זאָג עס ניט אונדז. מיר האָבן אָפענע אויגן... דו ביסט דער אויספירער פון דייטשס תליונישע צילן. אַ שמוציקער, נידעריקער אויספירער. און מיר ביסטו ניט קיין ברודער. מיר ביסטו אַ שונא. איך וועל זיך ניט איבערגעבן אין דיינע הענט און קיין לעבעדיקן וועסטו מיך ניט האָבן.

**גענס** : איך האָב אַמאָל געהאַט דרך־ארץ פאַר דיר, וויטענבערג, דו ווייסט? אָבער איצט זע איך ווי קליין דו ביסט.

ווײט : ווען דו וואָלסט מיך געזען אַ טויטן וואָלסטו נאָך ווײניקער דרך־ארץ געהאַט פֿאַר מיר. איך וואָלט געווען נאָך נישטיקער אין דײַנע אויגן.

גענס : פּחדן.

ווײט : איך וועל זיך באַמיען דאָס ניט צו זײַן.

(עס הערט זיך טעאָס געזאַנג)

טעא : ווײַל מיר זײַנען ווי שאָטנס,
וואָס די נאַכט האָט צעשפּרייט.
נאָר זי אײנע פֿאַרשטייט
וואוּאַהין יעדער גייט...

גענס : (צו ווײט) דו ווײסט סיווּוי ווי דו האַלטסט. וואָלסט זיך כאָטש געקאָנט גובר זײַן צו מאַכן אַ העלדישן זשעסט איצטער.

ווײט : דו ווילסט עס, האַ? עס וואָלט דיר געווען באַקוועם מײַן העלדישער זשעסט. איך בין ניט קײן העלד און איך שפּיל זיך ניט מיט מײַן לעבן. וואָס מײנסטו, מײַן בלוט איז וואַסער? אויב לאָזן עס פֿליסן, וועל איך עס לאָזן פֿאַר אַ טײַערן פּרײַז. און מײַן פּרײַז איז קאַמף. איך וועל ניט זײַן קײן שעפּס וואָס מען פֿירט צו דער שחיטה . . . און דו וועסט ניט זײַן מײַן שעכטער. ניט דו און ניט דער דײַטש, פֿאַר־שטײסט?

גענס : ווײַל איז דיר, אַז דו קענסט זיך דאָס אײַנרעדן.

ווײט : אוודאי איז מיר ווויל. דיר וועט ניט געגעבן ווערן אַ טויט ווי מײַנער. דו וועסט ניט שטײן אַרומגערינגלט מיט דײַנע חברים. דו וועסט ניט צײלן די קוילן, וואָס פֿליען פֿון אונדזערע אָרעמע ביקסלעך אין סאַמע האַרץ פֿון אונדזערע פֿײַניקער. דו וועסט ניט פֿילן אין זיך דעם הײסן פֿלאַם פֿון ליבשאַפֿט צו דײַנע ברידער, צו דער וועלט, צו זיך אַלײן, אין דער לעצטער שעה פֿון דײַן לעבן... אַ רחמנות אויף דיר. ווער ווײס צי דו ביסט אַזוי שלעכט ווי דו שײַנסט צו זײַן? אָבער גליקלעך ביסטו זיכער ניט.

גענס : און דו, דו ביסט גליקלעך, האַ?

וויט : אין אַ געוויסן זין, יאָ.

געגס : דאָס איז דער אונטערשיד צווישן אונדז ביידן. איך קען ניט זיין גליקלעך ווען איך זע ווי מיין פאָלק קומט אום.

וויט : דערפאַר לייגסטו צו אַ האַנט צו פאַרציען דאָס שטריקל?

גענס : זאָלסט ניט רעדן צו מיר אַזוי, וויטענבערג, איך וויל ראַטעווען...

וויט : דו ווייסט אַמבסטן, אַז דו קאָנסט ניט.

גענס : איך קאָן. אויב אין געטאָ וועט זיין רואיק שווער איך, אַז איך וועל ראַטעווען. אויב ניט די גאַנצע צוואַנציק טויזנט — איז צען, איז פינף טויזנט. עס וועט אַרויס אַ הייפל לעבע־דיקע... די לעצטע נייעסן האָט איר געהערט? עס קען שוין לאַנג ניט דויערן. מיר מוזן בלויז איבערהאַלטן. זיי ליידן קלעפּ אויף אַלע פראָנטן... לאָזט מיך בלויז איינ־האַלטן די רו אין געטאָ... (כמעט מיט געבעט) וויטענ־בערג...

וויט : (פאַרטראַכט) זיי וועלן דען לאָזן די יידן רואיק זיצן ביז...

גענס : יאָ. עס קאָן געשען.

וויט : וואָס קאָן געשען?

גענס : אַ נס! (וויטענבערג, אסתר און אברהם לאַכן זיך פונאַנדער. די טיר רייסט זיך פּלוצים אויף. עס קומען אַריין דריי ליטווינער געסטאַפּאָוצעס. ביידע פּאָליציסטן ביי דער טיר סאַלוטירן דערשראָקן. גענס שטעלט זיך אויף)

1 ליטווינער: דאָקומענטן! (וויט, אסתר און אברהם ווייזן זייערע פאַלשע פּאַפּירן)

2 ליטווינער: (מיט געשריי) ווער איז וויטענבערג?!

(לאַנגע שטילקייט. גענס הייבט לאַנגזאַם אויף די האַנט אַנווייזנדיק אויף וויטענבערגן)

גענס : דאָס איז וויטענבערג.

2 ליטווינער: (נעמט וויטענבערגן ביים אָרעם) קום!

(אסתר און אברהם רייסן זיך אויף פון די ערטער. ווילן אַרויסכאַפּן געווער. וויטענבערג האַלט זיי אָפּ מיט אַ האַנט־באַוועגונג. בלייבט שטיין אַנטקעגן גענסן)

**וויט** : (צו גענסן) זעסט שוין פּאַרוואָס איך בין גליקלעכער פון דיר? איך לאָז דאָ חברים. זיי וועלן שוין פאַרענדיקן מיין חשבון מיט דיר. וועמען וועסטו לאָזן, ווען דו וועסט דאַרפן גיין? (וויטענבערג אָפּ מיט די ליטווינער)

**אסתר** : (צו אברהמען) גיכער, קום!

**גענס** : אייער קאָמענדאַנט האָט אייך באַפוילן צו בלייבן און פאַר־ענדיגן דעם חשבון מיט מיר. איר פירט שוין ניט אויס זיינע באַפעלן?

**אברהם** : מיר פאַרשטייען זיינע באַפעלן בעסער ווי דו, תליון! (אסתר און אברהם אָפּ. גענס טוט אַ וואונק צו די צוויי פּאָליציסטן, וועלכע פאַרשווינדן גלייך נאָך די אַרויס־גייענדיקע. עס הערט זיך ווידער טעאס שפּילן אויף דער מאַנדאָלינע)

**גענס** : (אין דער ריכטונג פון אַלקערל) טעא, קום אַריין!

**טעא** : (באַווייזט זיך אין טיר) אַ פּאָר ריינע האַנטשן?

**גענס** : (נערוועז) ער איז אַוועק.

**טעא** : איך האָב געהערט.

**גענס** : (שפּרייזט איבערן צימער) איצטער וועט זיין גוט. איך האָב ווידער דאָס גאַנצע געטאָ אין מיין האַנט... גיס מיר איין אַ גלעזל... און יאָ... מען וועט דערוויל אָנקלינגען וואו מען דאַרף... (דרייט דעם טעלעפאָן) האַלאָ? יאָ, דאַ איסט גענס... וויר האבען איהן, יאָ, יאָ, יאַוואָהל. גוטע נאַכט, הערר קיטטעל,* גוטע נאכט... (לייגט אוועק דאָס טרייבל. צו טעא) פאַרטיק. באַלד וועט מיין קאָפּ ווערן צוריק לייכט. וועסט שוין זען ווי זיי וועלן איצט ציטערן פאַר מיר אַלע. (שמייכלט נערוועז) כ׳בין צוריק געוואָרן יעקב גענס... נו, גיב שוין אַהער דעם טרונק און קום אַהער, קראַסאַוויצע מיינע. וואַרט, גיס זיך אויך פריער איין אַ גלעזל... (זי פאָלגט אים) אָט אַזוי... לחיים!

*) קיטטעל — ליקווידאַטאָר פון ווילנער געטאָ.

טעא : לחיים! לחיים! יעקב גענס דער ערשטער, מלך ירושלים ד׳ליטא, פייערט זיין נצחון איבערן לייב פון געטאָ! זיי פריילעך, פאָלק. דער לייב ליגט אַ געבונדענער. ער וועט מער ניט ברילן אין די נעכט. וועסט קענען רואיק שלאָפן און פאַרשלאָפן דיין לעבן, דו גרויס פאָלק, וואָס יעקב גענס איז דיין פירער. אַנטשולדיק. כ׳מיין פאַרפירער...

גענס : (גייט צו צום באַר. גיסט אין זיך אַריין איין גלעזל נאָכן אַנדערן. לאַכט) בראַוואָ! בראַוואָ! אַ גוטער טאָסט, מכשפהלע מיינע. זייער אַ גוטער טאָסט. (גייט צו צו איר נאָענט. נעמט זי אַרום דער טאַליע) איין זאַך קאָן איך בלויז ניט פאַרשטיין. דו רעדסט פונקט ווי זיי...

טעא : ווי ווער?

גענס : ווי זיי, די „קעמפערס״ מיין איך. דו האָסט מיך פיינט פונקט ווי זיי. דו האָסט ניט קיין שום געפיל פאַר אחריות, פונקט ווי זיי... פאַרוואָס גייסטו ניט צו זיי, האַ?

טעא : איך צו זיי? דו ווייסט דען ניט, אַז איך בין צו איידל פאַר אַזאַ אַרבעט? וואָס מאַכסטו שפּאַס?... (ווייזט אים די הענט) קענען אַזעלכע דינע פינגער אומגיין מיט גראָבן געווער? און גיב נאָר אַ קוק אויף מיינע פיס. איז ניט קיין זינד אַרויפצוציען אויף זיי אַ פּאָר שמוציקע מענער־הויזן ווי זייערע מוידן טוען דאָס? און די ברוסט, די גאַנצע פיגור, איז זי ניט פאַר זייד און אַטלאַס באַשאַפן? וואָס רעדסטו פאַראַ נאַרישקייטן? איך טויג זיך בלויז צו איידעלע אַרבעטן. דינע, פיינע זאַכן מאַך איך. מיט אַ פּענע קען איך לעבנס־שיינען אויסשרייבן. פאַר דעם יאָ און פאַר יענעם ניט...

גענס : אַבי איך האָב געמיינט, אַז איך בין דיין איינציקער קרבן. קענסט פון זיך אַליין אויך ניט שלעכט אָפּלאַכן, זע איך... נו, רעד נאָך אַ ביסעלע, מיין שוואַלב. עס איז גוט דיך איצט צו הערן. קום נענטער צו מיר. קום, מיר האָבן אַ לאַנגע, שטילע נאַכט פאַר זיך...

טעא : די נאַכט וועט זיין לאַנג און שטיל בלויז פאַר די, וואָס שלאָפן אויף פּאַנאַר.

גענס : ווידער פֿאַנאַר. לאָז צורו אויף אַ ווילע. לאָז מיך קומען צו זיך. באַלד וועט מיר ווערן לייכטער. דאָס געטאָ וועט שלאָפֿן ווי אַ לעמעלע...

טעא : און יעקב גענס, דער פֿאַסטעך וועט עס היטן...

גענס : זאָלסטו טאַקע וויסן, אַז איך וועל עס היטן. איצט פֿיל איך ערשט ווי שטאַרק איך האָב ליב דאָס געטאָ. מיין ווערק איז עס. איך האָב עס אויפֿגעשטעלט, אויסגעבויט, איינגעאָרדנט. איך איינער אַליין. איך האָב עס פֿאַרזאָרגט מיט אַלץ, וואָס איך האָב נאָר געקאָנט... דו ווייסט דען ווי שווער עס קומט דאָ אָן יעדע זאַך צו דערהאַלטן? האָסטו אַן אָנונג וויפֿל מסירת נפֿש, וויפֿל געזונט און שוויס דאָס פֿאַרלאַנגט? עס איז דאָך אַן אמתע מלוכה אין מיניאַטור... אויפֿגעבויט און אויפֿגעהאַלטן פֿון איין מענטשן. טיילמאָל... איך וועל דיר אויסזאָגן אַ סוד... טיילמאָל פֿיל איך, אַז עס וועט מיר נאָך באַשערט זיין צו טון גרויסע זאַכן פֿאַר יידן. הערסט, טעא?... עס קאָן געשען מיר זאָלן אַרויס אויף דער פֿריי. עס קאָן געשען, אַז מיר יידן זאָלן באַקומען ארץ ישראל פֿאַר זיך אַליין. מען וועט אויפֿשטעלן אַ יידישע מלוכה... און דאַן, ווייסטו וואָס נאָך עס קאָן געשען? מען קאָן אַמאָל מיך, יעקב גענסן, רופֿן אָנצופֿירן מיט אונדזער פֿרייען לאַנד...

טעא : (לאַכט) דיך?

גענס : יאָ. וואָס לאַכסטו אַזוי?

טעא : פֿאַרוואָס פּונקט דיך?

גענס : ווייל עס איז ניט פֿאַראַן היינט אין דער וועלט קיין גרעסערער יידישער מלוכה־פֿירער פֿון מיר...

טעא : און די מושלים פֿון די אַנדערע געטאָס?

גענס : גיי שוין, וואָס דו רעדסט. ווי קומען זיי צו מיר? צווייטנס, קיינער פֿון זיי וועט סיווי ניט איבערלעבן.

טעא : בלויז דו איינער.

גענס : בלויז איך איינער.

טעא : טאַקע?

גענס : פאַרוואָס ניט? עס קאָן געשען אַ נס.

טעא : דו גלייבסט אין ניסים?

גענס : ניין.

טעא : טאָ וואָס רעדסטו?

גענס : וואָס אַרט דיך איך רעד. עס פאַרשאַפט מיר פאַרגעניגן צו רעדן אַזוי, רעד איך. וואָס איז? גענס טאָר שוין ניט האָבן קיין שטיקל פאַרגעניגן? יאָ... און דו ווייסט וואָס נאָך?... איך וואָלט וועלן האָבן אַ זון... אַ קליין יינגעלע...

טעא : אַ טראָן־פאָלגער.

גענס : אַ נאָכפאָלגער. צו מיינע מחשבות. איך וואָלט אים איבער־געגעבן אַלץ, וואָס איך פיל, וואָס איך חלום. ער וואָלט געבראַכט דער פרייער וועלט אַ גרוס פון מיר. איך וואָלט וועלן האָבן אַ שומר פאַר מיין נאָמען, אַ פאַרטיידיקער פאַר מיינע מעשים...

טעא : גיב אַכטונג, דו ווערסט פאַרצווייפלט!

גענס : די וועלט האָט נאָך אַזאַ אָפּטימיסט ניט געהאַט.

טעא : דו האָסט אייביק אַליין זיך געוואָלט שטעלן צום משפט.

גענס : איך וואָלט ניט וועלן זיין מיין אייגענער פאַרטיידיקער.

טעא : און דאָס רעשטל יידן, וואָס דו וועסט ראַטעווען?

גענס : אָ, זיי וועלן דאָס טאַקע זיין מיינע באַשולדיקער... און דו אויך... אויב דו וועסט בלייבן ביים לעבן, וועסטו די ערשטע אַ שטיין אין מיר שליידערן.

טעא : זיי ניט אַזוי זיכער.

גענס : (שמייכלט) וואָס איז דער מער מיט דיר?

טעא : איך האָב ניט קיין טבע צו פאַראַטן מיינע שותפים.

גענס : דו האָסט מיך ליב? זאָג דעם אמת, טעא.

טעא : איך האָב דיך ליב מיטן זעלבן האַס, וואָס דו מיך.

גענס : דו ביסט ווערט מען זאָל דיך באַזיגן.

טעא : דו אויך.

גענס : מיר זיינען זיך ווערט איינער דעם אַנדערן.

טעא : מיר זיינען גאָרניט ווערט.

גענס : זאָל זיין ווי דו זאָגסט. טאָ לאָמיר כאָטש זיין צוזאַמען. גאָרניט מיט גאָרניט קאָן אַמאָל צוזאַמען זיין עפּעס.

טעא : גאָרניט מיט גאָרניט איז צוזאַמען גאָרניט.

גענס : גוט, גוט... זעסט, איך גיב דיר אַלץ נאָך. אָבער לאָמיר מאַכן יום־טוב היינט. איך האָב היינט ניט מורא זיך דיר אונטערצוגעבן. זיי מיט מיר.

טעא : פאַרוואָס? דער בראַנפן איז צו שוואַך היינט?

גענס : שלאָף מיט מיר.

טעא : איך האָב ניט ליב צו שלאָפן. חלומות שרעקן מיך.

גענס : מיט מיר וועסטו חלומען שיין.

טעא : יאָ. ווען מיר וועלן שלאָפן איינער נעבן אַנדערן אויף פּאָנאַר. דאָרט וועל איך דיך אַרומנעמען אָט אַזוי (נעמט אים אַרום). כ'וועל זיך צוטוליען צו דיר ס'זאָל זיין וואַרעמער און כ'וועל חלומען. חלומען, אַז דער טויט האָט אָפּגעוואַשן פון אונדז דעם שמוץ, אז מיר זיינען ריין און אומשולדיק, פּונקט ווי די אַלע, וואָס מיר האָבן געשיקט אַהער.

גענס : איך וויל דיך אַ לעבעדיקע.

טעא : איך וויל דיך אַ טויטן.

גענס : איך בין נאָך ניט גרייט צו שטאַרבן.

טעא : (מיטאָמאָל באַגייסטערט) קום, לאָמיר זיך גרייטן. לאָמיר אַרויסגיין צו די פּאַרטיזאַנער. לאָמיר זיי בעטן זיי זאָלן אונדז נעמען צו זיך. דו קענסט זיי העלפן. דו ביסט אַ מיליטער־מאַן. קום, לאָמיר צוזאַמען מיט די קעמפערס אונטערצינדן דאָס געטאָ. לאָמיר וואַרפן פייער אויף די דייטשן, וואָס האָבן פון אונדז געמאַכט אַזעלכע פאַרזעענישן... לאָמיר שטאַרבן פריי, זינגענדיק. דו וועסט זען ווי די זינד וועט אָפּפאַלן פון אונדז. ווי לייכט עס וועט ווערן אויפן האַרצן, ווי גוט עס וועט זיין. קום, לייז זיך אויס פון דיין פאַרברעכן קעגן וויטענבערגן. פאַרנעם זיין פּלאַץ. ווער אַליין אַ וויטענבערג...

גענס : איך — א וויטענבערג? פאַרוואָס? איך בין גענס. און גענס קלויבט ניט אויס די וועגן פון אַ וויטענבערג. גענס האָט זיינע אייגענע וועגן. איך גיי ניט אין קיין פאַרשפּילטע מלחמות... איך וויל ראַטעווען...

טעא : איך ווייס, דו ווילסט ראַטעווען... זיך.

גענס : אפשר דאָס אויך. פאַרוואָס ניט? יעדער האָט רעכט צו שיצן זיין אייגן לעבן.

טעא : דו האָסט מיר ערשט געזאָגט, אַז דו טראַכסט ניט וועגן זיך.

גענס : אַזוי האָב איך געזאָגט? עס האָט זיך מיר פריער אַזוי אויסגעדאַכטן.

טעא : וואָס איז דען געשען צווישן פריער און איצט?

גענס : צווישן פריער און איצט האָב איך אים געשיקט צום טויט. און ווען ער האָט מיך אָנגעקוקט, האָב איך געפילט, אַז דאָס איז אמת. איך טראַכט וועגן זיך... און וועגן דיר אויך...

טעא : לאָז מיך אַרויס פון שתפות...

גענס : האָסט אַליין געזאָגט, אַז מיר זיינען שותפים.

טעא : ניט צום לעבן. צו דער זינד און צום טויט.

גענס : איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך בין נאָך ניט גרייט צו שטאַרבן. איך וועל לעבן אייביק. אין דער געשיכטע. ווי אַ העלד וועל איך לעבן.

טעא : ווי אַ הונט.

גענס : הייבסט ווידער אָן?

טעא : ער וועט לעבן ווי א העלד. און דיך וועט מען דערמאָרדן ווי דעם הונט, וואָס האָט געבילט אויף אים... זיי וועלן אַלע לעבן אייביק. די היינטיקע נאַכט וועלן זיי דיך גובר זיין, די קעמפּערס.

גענס : זיי קעמפן נאָך ניט, שרעק זיך ניט, מיין שוואַלב. און מען דערמאָנט זיי נאָך ניט. דערווייל בין איך נאָר אַ פאַקט. אַ ווירקלעכקייט. און איך מאַך די געשיכטע פון ווילנער יידנטום, ניט זיי.

טעא : עס איז גוט צו מאַכן געשיכטע, האַ? היטלער מאַכט אויך געשיכטע. דו פאַרגעטערסט דאָך אים. מיינסט איך ווייס

ניט? דו האָסט אים פיינט, ווייל דו פילסט, אז דו ביסט ניט אַזוי געראָטן ווי ער. עס איז זיס צו זיין האַר איבער מענטשלעכע לעבנס, האַ? מען פילט זיך דאָך ממש ווי אַ גאָט.

גענס : (לאַכט) האָסט זיך שוין צערעדט. אַ מינוטקעלע געווען גוט צו מיר, נעמסטו זיך שוין אָפּ?... אוודאי האָב איך פאַרזוכט מאכט... אָבער איך וויל מאכט פאַר אַ העכערן ציל. פאַר־שטייסטו דאָס? איך וויל העלפן די, וואָס איך הערש איבער זיי. איך וויל זייער גוטס.

טעא : דו פּאַיאַץ, דו. פילסטו כאָטש ווי דער דייטש ציט דיך פאַרן שטריקל? דיין מאַכט איז עס דען? דו ביסט דאָך דער נידעריקסטער, שמוציקסטער שקלאַף אין דער וועלט

גענס : מיט דער אילוזיע פון מאַכט קען מען אויך עפּעס אויפטון.

טעא : אויפגעטון האָסטו טאַקע. פאַר זיי האָסטו אויפגעטון. דו האָסט ליב דיין פאָלק? דעם דייטש האָסטו ליב, אים ווילסטו געפעלן ווערן. דו ווילסט זיין אַ דייטש. דיין פיינטשאַפט צו די דייטשן איז נאַר אַ פאַרדראָס, וואָס זיי האַלטן דיך אַזוי נידעריק.

גענס : לאָז מיך שוין צורו, איך בעט דיך. אפשר ביסטו גערעכט, אפשר איז וויטענבערג גערעכט. איך בין טאַקע ניט אַזוי גוט ווי איך מיין. אָבער צי בין איך אַזוי שלעכט ווי איר מיינט?

טעא : נאָך שלעכטער.

גענס : (לאַכט) נאָך שלעכטער.

טעא : יאָ, דו ביסט אַ... (גענס לייגט איר אַרויף די האַנט אויפן מויל)

גענס : איך ווייס, איך ווייס... (נעמט זי אַרום) וואו האָסטו פאַר־טאַכליעוועט די גוטע שטימונג מיינע? זאָל שוין זיין גענוג, מכשפהלע, איך בעט דיך... זאָל שוין איין מאָל פאַר אַלעמאָל זיין שלום צווישן אונדז. נו... נעם מיך אַרום... דו ביסט דאָך שוין מיד אַליין.

טעא : אַזוי מיד, אַז איך פיל מער ניט די מידקייט.

גענס : (גלעט אירע האָר) לערן זיך געניסן פון רגעס. דאָס גיט כּוח אין מאָמענטן, ווען מען דאַרף זיין שטאַרק. דו וועסט מיך ניט איבערמאכן, איך וועל דיך ניט איבערמאכן... מיר קלעטערן ביידע אויף אַ ווילדן באַרג. קוק זיך ניט אום אויף צוריק. אונטער די פיס ליגט אַן אָפּגרונט, אָבער אויבן, אויפן שפּיץ וואַרט פאַר אונדז אפשר א ביסעלע רו... קלעטער מיט מיר אַרויף...

טעא : כּדי פון וואָס העכער אראָפּצופאַלן.

גענס : טראַכט ניט וועגן פאַלן.

טעא : איך ליג שוין אין אָפּגרונט.

גענס : שלאָף דערווייל מיט מיר.

טעא : ס'איז דיר אומעטיק אַליין?

גענס : ס'איז מיר פריילעך אַליין.

טעא : טאָ וואָס דאַרפסטו מיך?

גענס : מיט דיר בין איך אויך אַליין. איך בין אייביק אַליין. בלויז מיט דיר וועט זיין וואַרעמער.

טעא : דו שרעקסט זיך ניט צו זיין אַליין?

גענס : דער גרויסער איז אַממעכטיקסטן אַליין.

טעא : דו ביסט דער גרויסער?

גענס : שפּאַר אָן דיין קאָפּ אויף מיין אַקסל...

(ער פרעסט זי צו זיך. קושט זי צערטלעך. עס דערהערט זיך אַ טומל פון יענער זייט טיר)

טעא : וואָס טומלט זיך דרויסן?

גענס : (לאָזט זי אָפּ) גיי, גיב אַ קוק...

(פאָליציסט קומט אַריין. סאַלוטירט דערשראָקן)

פאָליציסט : הער קאָמענדאַנט, איך מעלדע... וויטענבערג איז אַנטלאָפן. די פאַרטיזאַנער זיינען באַפאַלן די געסטאַפּאָוצעס ביים טויער און אַוועק מיט אים... מיט וויטענבערגן... ער איז פריי...

(פאָליציסט לויפט אַרויס)

טעא : ער איז פריי! (באַגייסטערט) זיינע חברים האָבן אים באַ־פרייט. זיינע גוטע חברים... דאָס געטאָ וועט ברענען... די

נאַכט וועט זיך אויפוועקן! (וואַרפט אַרויף אויף זיך די פעלערינע) דאָס געטאָ שטייט אויף און גייט אונטער... הוראַ!... (לויפט צו דער טיר)

**גענס** : (פאַרלוירן) טעא! טעא! קום צוריק!

**טעא** : (אין טיר) שרעק זיך ניט, יעקבל, איך פאַרראַט ניט מיינע שותפים... איך גיי בלויז אַ קוק טאָן וואָס זיי טוען... די לייבן...

(עס הערן זיך ווייטע קלעפּ אין טירן, אָפּקלאַנגען פון שטימען... די פאָרהאַנג איבער דער באַלקאָן־טיר הויבט זיך הויך און אַנטפּלעקט דעם הימל אין פולער פּראַכט פון אַ זומער־נאַכט... די אַרויסגאַנג־טיר בלייבט אָפן. אַ צוג־ווינט לויפט צווישן איר און דעם אָפענעם באַלקאָן. נעבעך און בולטער הערט זיך דער פּאַרטיזאַנער־פּאַראָל: ליזע רופט! ליזע רופט! גענס שטייט באַוועגלאָז אין מיטן פון צימער.)

## פאָרהאַנג

# אקט דריי

## בילד איינס

עס איז פיר א זייגער פאַרטאָג. דער הימל אין מזרח לייכט מיט א ראָזלעכן אָנזאָג פון אַ נייעם טאָג. די לופט איז קיל, דורכזיכטיק.

די סצענע שטעלט פאָר דעם הויף פון פּאַרטיזאַנער־שטאַב אויף אשמענער געסל. א גרויסע צאָל קעמפערס איז דאָ איצטער פארזאמלט. זיי דערוואַרטן אינסטרוקציעס פון שטאַב און די לעצטע ידיעות. איין אָפּטיילונג באַוואָפנטע קעמפערס שטייט אין פולער אָרדנונג האַרט ביים הויז גרייט צו פארטיידיקן דעם אריינגאנג צום שטאַב־צימער. די איבעריקע פאַרזאַמלטע זיינען צעוואָרפן גרופּעסווייז איבערן הויף, טייל זיצן אויף דער ערד, דאָס געווער ביי דער זייט און רוען. אין אַ זייט, אָפּגעזונדערט אביסל פון די איבעריקע, שטייען אלע מיטגלידער פון פפ״אָ־שטאב, אויסער וויטענבערגן.

עס איז שטיל. אלע הערן זיך איין צום העלכער, וואָס טראָגט פונאנדער יעקב גענס׳ שטימע. אין דער נאַכט האָט גענס צונויפגערופן דאָס גאַנצע געטאָ אויף אַ פלאַץ ניט ווייט פון דאַנען. מען הערט דייטלעך זיינע רייד. בלויז פון צייט צו צייט ווערן זיי פאַרלוירן אין די געשרייען און געוויינען פון אויפגעברויזטן המון.

**גענס׳ שטימע:** איך וויל אייך ראַטעווען, ברידער! העלפט מיר! זוכט וויטענבערגן! ער איז באַהאַלטן אין געטאָ. געפינט אים! יאָגט אים! כאפּט אים!... נור דורך רו און ארבעט פירט אונדזער וועג צום לעבן... העלפט מיר איינהאַלטן די רו!... מיר קענען דערלעבן אַ ליכטיקן טאָג. מיר קענען אַרויס פון דאַנען אויף דער פריי! צעשפּרייט זיך איבער אַלע גאַסן און הויפן! זוכט אין אַלע לעכער און מאַלינעס! ברענגט אים צו מיר אַ לעבעדיקן. וואָס גיכער! וואָס גיכער! (די צוויי מיידלעך, שרקה און פריידל זיצן צונויפגעטוליעטע אַביסל אין אַ זייט פון די איבעריקע קעמפער)

שרקה : זאָל ער שוין אויפהערן רעדן...

פריידל : האָסט מורא?

שרקה : עס איז אַזוי אומהיימלעך...

פריידל : דאָס זיינען די אומעטיקסטע שעהן, אזוי ווי איצטער. צווישן טאָג און נאַכט.

שרקה : אַזאַ שרעקלעכע נאַכט. די פיס זיינען מיר שטייף...

פריידל : עס דוכט זיך, אַז אויסער אונדז און געַנס' שטימע איז קיינער מער ניטאָ אויף דער וועלט. מיר זאָלן ווי הויך שרייען וועט אונדז קיינער ניט הערן.

שרקה : עס נאָגט עפּעס אַזוי אונטערן האַרץ.

פריידל : אַז דו ווילסט קענען מיר זיך צוזעצן צו מיין ברודער.

שרקה : ניט וויכטיק.

פריידל : אָבער נאָך גוט וואָס מיר האָבן דאָ מיין ברודער, אמת? מיר האָבן ניט בלויז מיין ברודער. מיר האָבן אַלע חברים.

שרקה : איז וואָס, אַז מיר האָבן זיי?

פריידל : וואָס הייסט איז וואָס?

שרקה : זע, דער הימל ווערט שוין ראָזלעך.

פריידל : מיר וועלן באַקומען גראַנאַטן. מיין ברודער האָט מיר געזאָגט.

שרקה : דו ווייסט וואָס מען טוט מיט דעם?

פריידל : מיר וועלן שוין וויסן.

שרקה : אָבער די נאַכט וועלן מיר שוין מסתמא ניט...

פריידל : האָסט מורא צו זאָגן דאָס וואָרט „קעמפן”?

שרקה : די זון וועט דאָך אוודאי באַלד אַרויס.

פריידל : פאַרוואָס שרעקט דיך אַזוי דאָס וואָרט?

שרקה : מיר וועלן נאָך אַמאָל זען די זון.

פריידל : ער אויך.

שרקה : ער הייסט גאָר וויטענבערג, ניט לעאָ.

פריידל : וואָס איז דאָס וויכטיק?

שרקה : גאָרניט.

פריידל : זיין אמתער נאָמען איז וויטענבערג. זיין פאַרטיזאַנער נאָמען איז לעאָ.

שרקה : איך ווייס, איך ווייס.

פריידל : אַנטוישט זיך אין אים?

שרקה : וואָס טרייבסטו קאַטאָוועס?

פריידל : ווער טרייבט קאַטאָוועס? ביסט דען געקומען צו דער פּפ״אַ צוליב אים אָדער זיין נאָמען?

שרקה : פאַרוואָס גייען מיר איצט שטאַרבן פאַר אים?

פריידל : מיר גייען ניט שטאַרבן, מיר גייען קעמפן. דאָס איז אַן אונטערשיד.

שרקה : אַ שענער וואָרט. דאָס איז דער אונטערשיד. דער אמת איז דאָך...

פריידל : די דייטשן מיינען ניט אים... קלערסטו, אַז ער וואָלט געלאָזן מיר זאָלן שטאַרבן פאַר אים?

שרקה : זעסט דאָך, אַז ער לאָזט.

פריידל : איך זאָג דאָך דיר.

שרקה : דו זאָגסט מיר גאָרניט.

פריידל : וואָס איז מיט דיר?

שרקה : ווען ניט ער וואָלטן מיר נאָך געקאָנט אַביסל לעבן. כאָטש נאָך אַ פּאָר טעג...

פריידל : נעכטן ביסטו געווען די ערשטע, וואָס האָט באַשלאָסן צו קומען אַהער.

שרקה : ווייל עס איז געווען בייטאָג. די זון האָט געשיינט. כ׳האָב געמיינט, אַז עס וועט געשען באַלד. אָן אַזעלכע נעכט.

פריידל : דו וויינסט?

שרקה : פריידל...

פריידל : (נעמט זי אַרום) וויין, אויב דו קענסט. עס שאַדט גאָרניט...

שרקה : די פיס זיינען מיר שטייף...

(פריידלס ברודער, א **בחור** פון א יאָר זיבעצן דערנענ־טערט זיך)

בחור : קומט אַריבער צו אונדז, מוידקעס. מיר גייען זינגען.

שרקה : וואָס גייען מיר?

בחור : מיר גייען זיך אויסלערנען דעם נייעם הימן. שטעלט זיך אויף. (מיידלעך שטעלן זיך אויף)

גענס' שטימע: אויב שטעלן מיר ניט צו וויטענבערגן ביז צען אַ זייגער, קומען די דייטשן אריין אין געטאָ. מיר וועלן ווערן אָפּגעווישט, אַז קיין זכר וועט פון אונדז ניט בלייבן...

שרקה : זאָל ער שוין אויפהערן רעדן.

פריידל : הער זיך ניט צו צו אים... הער די מעלאָדיע... מיין ברודער האָט פאַרשריבן די ווערטער...
(עס דערהערט זיך א שטיל ברומען פון פארטיזאנער־ליד. אויפן הויף באווייזט זיך **ברוך** מיט זיין פרוי, **מאשע**. זי גייט אָנגעשפּאַרט אויף צוויי שטעקנס. זיי בלייבן שטיין אין אַ ווינקל פון הויף)

מאַשע : (צו ברוכן) ווען דו וואָלסט עמעצן געקאָנט וואָלט מען דיר אפשר געגעבן אַ שטיקל געווער פאַר אונדזביידן.

ברוך : ווילסט צוגיין נענטער?

מאַשע : אוודאי.

ברוך : גאָרניט מיד?

מאַשע : וואָס פאַלט דיר איין? זע נאָר, ברוך, ווער זיצט עס דאָרטן, איז עס ניט אַמאָל דער דאָקטאָר?

ברוך : אוודאי איז עס ער. זעסט, האָבן מיר שוין אַן אייגענעם. ווילסט צוגיין? (דערנענטערן זיך צום דאָקטאָר וואָס זיצט אָנגעשפּאַרט אָן אַ שטיין און רויכערט זיין ליולקע)

ברוך : דאָקטאָר!

דאָקטאָר : (אויפגעוואַכט) יאָ, וואָס איז געשען?

ברוך : איר דערקענט מיך ניט?

דאָקטאָר : ברוך?

ברוך : דאָקטאָרלעבן, איך דאַרף אייך האָבן.

דאָקטאָר : אויסגעקליבן זיך אַ צייט.

ברוך : איך דאַרף אַ טובה... נעכטן אין באָד האָב איך ביי אייך געבעטען שלאָף־פּילן. איר האָט ניט געגעבן. גוט געטון.

דאָקטאָר : עס ווילט זיך דיר מער ניט שלאָפן?

ברוך : ניין, איך וויל פון אייך אַ שטיקל געווער.

דאָקטאָר : דאָס גאָר?

ברוך : איך וויל אַ ביקס פאַר מיר און פאַר איר. (ווייזט אויף מאַשען)

דאָקטאָר : און ווער איז זי?

ברוך : ווער? מיין פרוי. מאַשע. איר געדענקט זי ניט?

דאָקטאָר : (שטעלט זיך אויף) דיין פרוי? (נעמט זי אָן פאַר די הענט) זע נאָר, איך האָב גאָרניט געוואוסט, אַז דו ביסט אַזאַ שיינע...

מאַשע : אַז איר וועט פאַרשאַפן געווער וועט איר מיך זען נאָך אַ שענערע.

דאָקטאָר : ווי אַזוי זייט איר געקומען אַהער?

מאַשע : (לאַכנדיק) צו פליען!

דאָקטאָר : ניין, באמת?

מאַשע : גאָר פשוט. אַ נס איז געשען מיט מיר. אַ ריינער נס... איצט וועל איך שוין אָנהייבן גיין, איר וועט זען...

ברוך : (צו מאַשען) קום, איך וועל אויסשפרייטן מיין רעקל. וועסט זיך צוזעצן.

מאַשע : זיצן? וואָס זיינען מיר געקומען אַהער זיצן? (צום דאָקטאָר) מיר וועלן דאָ צוואַרטן אַ מינוט און איר גייט צו זיי. דאָקטאָרלעבן. זאָגט זיי, אַז איך בין אויך אַ קעמפערין, אַז דאָס האָב איך אָנגערעדט אַלע קראַנקע צו שפּרינגען פון שפּיטאָל־פענצטער און זיך ניט לאָזן נעמען... זאָלן זיי געבן געווער... ברוך האָט געדינט אין פוילישן מיליטער.

ברוך : טוט אונדז אַ טובה...

מאַשע : די לעצטע טובה.

דאָקטאָר : איך האָב ניט ליב צו טון לעצטע טובות.

מאַשע : וואָס מיינט איר, דאָקטאָרלעבן?

דאָקטאָר : איך העלף ניט צו קיין זעלבסטמערדער.

מאַשע : (לאַכט) דאָס ליגט אונדז אַפילו ניט אין זינען. איך ווער דאָך געזונט, דאָקטאָר. איר זעט גאָרניט? איך וועל אייך מער ניט דאַרפן. נו, גייט. טוט דאָס פאַר אונדז... איר זייט דאָך אַזאַ טייערינקער, אַזאַ גוטינקער... (גלעט אים די באָרד)

דאָקטאָר: אויב אַזוי וועל איך שוין טאַקע גיין און צום סאַמע שטאַב. (גייט צו צו דער גרופּע שטאַב־מיטגלידער און ווינקל פון הויף)

מאַשע: (צו ברוכן) אַ מחיהדיקע נאַכט... אויבן אין שטוב האָב איך געמיינט, אַז מער איז קיינער ניט פאַראַן אויף דער וועלט אויסער אונדזביידן. גיב נאָר אַ קוק אַ הימל אַ ביסל... אוי, ברוכל, פאַרוואָס ביסטו פריער ניט געקומען צו זיי?

ברוך: איך ווייס ניט.

מאַשע: אַמאָל ביסטו דאָך געווען אַ בראַוועד... בלויז דאָ אין געטאָ ביסטו פלוצים שרעקעוודיק געוואָרן, אַזוי בידנע הילפלאָז... ביסט בייז וואָס איך זאָג דיר דאָס?

ברוך: ניין.

מאַשע: מיט נאַרישע בבא מעשיות האָסטו מיך געקאַרמעט און געוואָלט איך זאָל זיך באַגייסטערן מיט זיי. מאַשעלע, מאַשינ־קע, פלעגסטו זאָגן, עס וועט זיין גוט. אָט שוין, אָט באַלד. מיר ווערן באַגליקט, מיר ווערן אויסגעלייזט...

ברוך: און דו האָסט מיר אַפילו ניט געענטפערט.

מאַשע: וואָס האָב איך דער געזאָלט ענטפערן? האָסט מיר וויי געטון. מער ווי געטון ווי מיינע געליימטע פיס.

ברוך: דו האָסט מיך פיינט געהאַט.

מאַשע: רחמנות געהאַט אויף דיר.

ברוך: אין רחמנות איז דאָ פיינטשאַפט. איך האָב גאַנץ גוט געפילט ווי פרעמד איך ווער דיר.

מאַשע: דו מיר? דערפאַר ביסטו אַנטלאָפן פון שטוב אויף טעג אויף גאַנצע?

ברוך: איך האָב ניט געקאָנט פאַרטראָגן דיין שווייגן.

מאַשע: און ווען דו ביסט צוריק געקומען האָסטו מיך ווידער געוואָלט איבערבעטן מיט אַזאַ נייעסל?

ברוך: וואָס האָב איך געזאָלט טון?

מאַשע: ווערן איינער פון זיי.

ברוך: פאַרוואָס האָסטו דאָס מיר קיינמאָל ניט געזאָגט?

מאַשע : אַזעלכע זאַכן זאָגט מען קיינעם ניט צו טון. מען טוט זיי אַליין.

ברוך : (אויפגערעגט) טאָ פאַרוואָס האָסטו עס אַליין ניט געטון?

מאַשע : איך?

ברוך : יאָ. דו. האָסט ניט געקאָנט? איך אויך ניט. עס האָבן מיר צוגעפּעלט דיינע געזונטע פּיס, פאַרשטייסט? געליימט בין איך געוועז...

מאַשע : איינציקער...

ברוך : פאַרשטייסטו שוין?

מאַשע : איצט וועלן מיר זיי באַצאָלן פאַר אַלץ.

ברוך : פאַר אַלץ? באַצאָלן זיי פאַר אַ רגע שווייגן, וואָס איז געוועזן צווישן אונדז, וואָלט שוין אויך געלוינט.

גענס׳ שטימע : ווילט איר אַלע אומקומען פאַר וויטענבערגן?

שטימען : ניין! מיר ווילן ניט! מיר ווילן לעבן!

פאַרטיזאַנער : (זינגען שטיל).

און אויב פאַרזאַמען וועט די זון אין דעם קאַיאַר,
ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פון דור צו דור...

גענס׳ שטימע : עס שלאָגט די לעצטע שעה, ברידער, זייט גרייט! די דייטשע מאַכט וויל אים, בלויז אים איינעם! העלפט מיר און דער פּאָליציי געפינען וויטענבערגן!

פאַרטיזאַנער : געשריבן איז דאָס ליד מיט בלוט און ניט מיט בליי,
ס׳איז ניט קיין ליד פון אַ פויגל אויף דער פריי...

גענס׳ שטימע : ווער איז וויכטיקער, ער איינער צי מיר אַלע? איין וויטענבערג צי צוואַנציק טויזנט יידן?!

פאַרטיזאַנער : נאָר ס׳האָט אַ פאָלק צווישן פאַלנדיקע ווענט,
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט.

גענס׳ שטימע : זוכט אים! כאַפּט אים! ברענגט אים צו מיר, מיר זאָלן אַלע קענען לעבן!

שטימען : מיר ווילן לעבן! לעבן! לעבן!

(אויפן הויף באַווייזט זיך שליח פון גענסן. מען ווייזט אים אָן אויף די מיטגלידער פון שטאַב)

שליח : יעקב גענס האָט געהייסן זאָגן, אַז וויטענבערג מוז צוגע־שטעלט ווערן אַ לעבעדיקער ביז צען אַ זייגער.

שלמה : דאָס איז די נייעס, וואָס דו ברענגסט אונדז?

שליח : וואָס זאָל איך זאָגן גענסן?

שלמה : ער זאָל אים אַליין צושטעלן. ער איז אַ גוטער צושטעלער, ס'שאָדט ניט.

שליח : גענס וויל אַן ענטפער.

אסתר : ער האָט אים שוין באַקומען.

שליח : די דייטשן וועלן אַריין אין געטאָ.

שלמה : זאָלן זיי אַריין. וואָס זוימען זיי זיך אַזוי לאַנג?

(שליח אָפּ. קומט אַריין המון יידן מיט שטעקנס און שטיינער. צווישן דער מאַסע אַ טייל פון די אָנוועזנדיקע אין באָד אַ נאַכט פריער)

שטימע : וואו איז וויטענבערג? גיט אונדז וויטענבערגן!

שטימע : מיר ווילן ניט אומקומען אַלע פאַר איינעם!

פרוי : (צו די קעמפערס מיט געבעט) איר זייט דאָך יידישע קינדער...

שטימע : האָט רחמנות אויפן ביסל קליינוואַרג. אַזוי לאַנג זיי אויס־באַהאַלטן.

שטימע : האָט רחמנות אויף זיך אַליין...

שטימע : וואָס שטייט איר ווי גזלנים און קוקט אונדז אָן? וואָס האָט איר קיין הערצער ניט?

שטימע : הערצער האָבן זיי? שטיינער האָבן זיי...

פרוי : איר זייט דאָך אונדזער בלוט און פלייש. אונדזערע ברידער זייט איר דאָך...

צפורה : פּרוּווט נאָר שטעלן אַ טראָט צום הייזל, וועט איר שוין זען וואָספאַראַ ברידער דאָס זיינען.

שטימע : וואָס היטן זיי אַזוי דאָס הייזל, וואָס?

(אסתר און דאָקטאָר דערנענטערן זיך צו ברוכן מיט מאַשען)

מאַשע : (צום דאָקטאָר) איר האָט, זע איך, גאָרניט געבראַכט.

דאָקטאָר : אסתרן האָב איך געבראַכט.

אסתר : מיר האָבן ניט מער קיין געווער, חברים. (צו ברוכן) אָבער פאַר דיר איז דאָ אַן אַנדער אַרבעט.

מאַשע : און איך?

אסתר : דו? (באַטראַכט זי)

מאַשע : האָב ניט מורא, חברטע, איך וועל ניט זיין קיין לאַסט...

אסתר : זיכער ניט. ניין. זיכער ניט...

מאַשע : וואָס קען איך טאָן?

אסתר : באַלד... דו וועסט אפשר צוגרייטן עסן פאַר די קעמפּערס... איך וועל דיך שוין רופן ווען עס וועט נויטיק זיין. (צו ברוכן) קום, וועסט באַקומען אינסטרוקציעס...

מאַשע : איר נעמט אים צו פון מיר?

אסתר : ער דאַרף צוגיין צו זיין פּאָזיציע ניט ווייט פון דאַנען.

מאַשע : מיר וועלן ניט זיין צוזאַמען?

אסתר : מיר זיינען דאָך אַלע צוזאַמען.

ברוך : איך גיי, מאַשעלע.

מאַשע : גיי, ברוך, גיי... (קוקן זיךביידע אָן א רגע. ברוך אַפּ מיט אסתרן. דער פּאַרטיזאַנער הימן, וואָס איז ביז איצט געברומט געוואָרן אין שטילע טענער צעהילכט זיך ענדלעך איבערן גאַנצן הויף. אין אָנהייב ווערן די געשרייען פון המון פאַר־הילכט דורך די טענער פון ליד, אָבער ביסלעכוויז, ביסלעכ־וויז ווערט דאָס קאָמפּלוסטיקע געזאַנג שטילער און די קולות פון המון העכער און העכער)

שטימע : אַ געזאַנג אויף זייערע קעפּ.

שטימע : זעט נאָר די שמחה ביי זיי!

שטימע : גיט אונדז וויטענבערגן! אַ סוף זאָל דאָס נעמען!

שטימע : אַ טויט וויטענבערגן!

שטימע : וואו איז ער, דער פּחדן, וואו?

שטימע : יאָ. דער אומברענגער אונדזערער!

שטימע : דער רציח!

שטימע : דער גזלן!

שטימע : יידן, וואָס האָבן מיר זיך אַוועקגעשטעלט ווי די קלעצער און רירן זיך ניט פון אָרט?

שטימע : יאָ, די צייט לויפט.
שטימע : די זון איז שוין באַלד אַרויס.
שטימע : עס דערנענטערט זיך די שעה פון משפט!
שטימע : גאָט אין הימל! ווי שפּעט איז?
שטימע : וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?
שטימע : גוואַלד יידן, שטייט ניט, זוכט אים, זוכט אים!
שטימע : וווּ קען ער זיין? וואו זוכט מען אים?
שטימע : וואו? פרעגט ביי זיי, ביי די „העלדן״. זיי ווייסן זיין אַדרעס.
צפורה : ווער דאַרף פרעגן? איר זעט ניט, אַז ער מוז זיין דרינען אין הייזל?
שטימע : אוודאי מוז ער זיין דרינען!
שטימע : טאָ וואָס שטייען מיר?
שטימע : זעט נאָר, ווי זיי האָבן אָנגעשטעלט די ביקסן אויף אונדז.
שטימע : ווער האָט פאַר זיי מורא, ווער?
שטימע : וויי, וויי, ווער וואָלט דאָס געגלויבט?
צפורה : זיי זיינען ניט בעסער פון די דייטשן. אַז מען קאָן פאַרטיידיקן אַזאַ רציחה איז מען נאָך ערגער פון אַ דייטש! אוי, גאָטעניו, ווען ער קומט אַזוי אויף מיינע הענט! איך וואָלט אים צעריסן, איר הערט? איך וואָלט גאָרניט געהאַט קיין האַרץ אים צו לאָזן אַ לעבעדיקן פאַר די דייטשן. מיינע קינדער זאָלן זיין זיינע אָפּלייזערס? ניט דערלעבן וועט ער עס! ערגער פון אַ דייטש איז ער, איר הערט? ער קאָן דאָך ניט צוזען ווי היטלער לאָזט אונדז אַביסל צורו...
משה : (וואַקסט אויס נעבן צפורהן) אַז אַן אייזל האָט אַמאָל גערעדט ווי אַ מענטש האָבן זיך אַלע געוואונדערט. אָבער, אַז אַ מענטש רעדט ווי אַן אייזל וואונדערט זיך קיינער ניט.
צפורה : (דערקענט אים) אַ גוט־יומטוב אייך, וואָס מאַכט איר עפּעס אָנשיקעניש מיינער? איר האָט זיך פאַרדונגען צו זיין מיין לעבעדיקער שאָטן, האַ? אַ חוצפה דאָס האָט! שלעפּט זיך מיר נאָך יעדן טריט און שריט. כ׳בין אייך עפּעס שולדיק, האַ?

משה : מיר? חלילה... עס פּאַסט בלויז ניט פאַר אַ פּרויענצימער צו רעדן אַזעלכע רייד. פרויען זיינען באַשאַפן צו זיין אײדעלע וועזנס, שטילע טויבן, צאַרטע נשמות...

פרוי : דאָס וועלן מיר זיך דערלויבן צו זיין אויף פּאַנאַר. שטילע טויבן און צאַרטע נשמות...

משה : נו, וועל איך צו אײך דאָרטן אַהינקומען שמועסן אַביסל, אָבער ניט צו איר (ווײַזט אויף צפורהן). זי זאָגט דאָך, אַז זי גייט ניט אויף פּאַנאַר. מוז איך זיך אונטערהאַלטן מיט איר דאָ אויף דער וועלט...

עקיבא : (צו משהן) ווי האָט איר נאָך כוח צו חוזקן איצטער, רב איד?

משה : (דערקענט עקיבאן) איך בין איר שאָטן און איר זייט מײַנער, האָ, זיידעניו? אײַך געפעלט אויך קיינמאָל ניט וואָס איך זאָג.

עקיבא : מאַכט זיך ניט פאַר קיין לץ.

משה : א נאר איז דער, וואָס זאָגט דעם אמת ווי א חכם. דעם אמת דארף מען זאָגן ווי א לץ.

עקיבא : ניטאָ איצט קיין צייט פאַר חוזק, איר הערט ?

משה : וואָס ווילט איר פון מיר?

עקיבא : זעט איר טאַקע גאָרניט וואָס דאָ קומט פאָר?

משה : און אַז איך זע, דאַרף איך זיך צערעוווען ווי די יידענע? דאָס וואָלט אײַך בעסער געפעלן? אפשר זאָל איך גאָר נעמען אַ שטעקן, צי אַ שטיין און שטעלן זיך אַנטקעגן זיי דאָרטן?

משה : חלילה...

עקיבא : וואָס דען?

עקיבא : וואָס שלאָגט איר דעם עולם מיט אייער חוזק און ביליקע שפּאָסן, זיי זיינען נאָך ווייניק געשלאָגן?

משה : איך קאָן ניט פאַרטראָגן זייערע געשרייען. זייער חיהשע שנאה צו די יונגע דאָרט אויף יענער זייט. צו די קינדער וואָס טראָגן נאָך דאָס גאַנצע ביסל מענטשלעכקייט אונדזערס אַזוי פאַרעקשנט.

עקיבא : פאַרוואָסזשע גייט איר ניט אַריבער צו זיי?

משה : איצטער מאַכט איר שוין חוזק פון מיר. איך צו זיי? ווי קום איך צו זיי? איך בין דען אויך נאָך אַ מענטש?

עקיבא : עס איז אייך גוט צו רעדן אַזוי, האַ?

משה : ניין, איך מיין ניט קיין שפּאַס. וואָס וועל איך שוין אויפטון ביי זיי? וואָס גייט מיך דען בכלל אָן די גאַנצע קאָכעניש, מיינט איר? אָט בין איך סתם געקומען אַ קוק טאָן אַ ספּעקטאַקל. און עס וועט זיין וואָס צו זען. איך פאַרזיכער אייך. אַ קאַמף פון פאַרשפּילטע מיט פאַרשפּילטע פאַר אַ פאַרשפּילטער זאַך... נאָר דעם אמת געזאָגט, אויב שוין פאַרשפּילן וואָלט איך טאַקע געוואָלט ווי זיי דאָרטן...

עקיבא : טאָ וואָס טוט איר דאָ, פרעג איך אייך?

משה : זיי דאַרפן מיך ניט.

עקיבא : פון וואַנען ווייסט איר?

משה : איך האָב זיי ניט וואָס צו געבן.

עקיבא : נעמט וואָס זיי קענען אייך געבן.

משה : דאָס קען איך אויך ניט. איך בין ניט בכוח צו נעמען אויך ניט. נעמט אייך דאָס אין זינען אַריין רב ייד, איך בין אַ לעבעדיקער מת.

עקיבא : איר האָט זיך דאָס גוט גענומען אין זינען אַריין. באַקוועם אייך אַזוי. איר זייט ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר גאָרניט. אַריינגעשטעלט זיך אַ לצניש בלימל אין לאַץ און חי געלעבט.

משה : איך טו קיינעם קיין עוולה ניט.

עקיבא : אייערע רייד טוען.

משה : איך פּיל עס גאָרניט. איך פּיל בכלל גאָרניט.

עקיבא : באמת?

משה : אויב מען רעדט שוין יאָ פון פּילן, וועל איך אייך זאָגן. דאָס איינציקע וואָס איך וואָלט געקאָנט פּילן איז האַס... צו זיי דאָ אַרום...

עקיבא : אויף עפּעס אַנדערש קענט איר זיך ניט גובר זיין?

משה : פאַרוואָס רעדן זיי אַזוי? איר האָט געהערט וואָס די יידענע האָט געזאָגט? זיי זיינען ערגער פון די דייטשן. ניט מער און

ניט ווייניקער. יעקבל האָט אין זיי אַריינגעדרשנט אַ האַלבע שעה און שוין האָט ער זיי אָנגעצונדן. ווי זאָגט דאָס ווערטל? כי חומר ביד היוצרים איז דער המון. יעדער קאָן מאַכן פון אים וואָס ער וויל. דערפאַר איז ער טאַקע אַזאַ פאַר־זעעניש... דער המון.

עקיבא : איר האָט זיי פיינט, האַ? גיט נאָר אַ בעסערן קוק אויף זיי... קוקט... איר זעט די פנימער? די פארצווייפלונג וויינט דאָך פון זיי אַראָפּ. איר זעט די אויגן? דער ווילן צום לעבן צאַפּלט אין זיי. זייער געשריי הערט איר? זיי הערן אים אַליין ניט. קוקט אויף זיי, קוקט, אייערע ברידער... ווי ווערט אייך דאָס האַרץ ניט צעגאַנגען פון ווייטיק?

משה : איך וואָלט געוואָלט קענען רעדן ווי איר.

עקיבא : רעדן. וואָס איז רעדן?

משה : יאָ. ווי זאָגט איר, רעדן איז גאָרניט.

שטימע : זעט נאָר, די פּאַטשיילע האָט זיך אַ ריר געטון אין פענצטער!

שטימע : ער מוז זיין אינעווייניק. ער איז זיכער אינעווייניק.

שטימע : לאָמיר אַריינוואַרפן שטיינער!

שטימע : שטיינער וועלן ניט העלפן. כאַפּן מוז מען אים. מיר מוזן אים האָבן אַ לעבעדיקן.

שטימע : טאָ לאָמיר אים כאַפּן און אַן עק זאָל עס נעמען.

שטימע : רירט זיך, יידן, וואָס האָט איר מורא?

שטימע : מיר האָבן סייווי גאָרניט צו פאַרלירן.

שטימע : קומט זיך אַריינרייסן אין הייזל!

שטימע : געגאַנגען יידן, געגאַנגען, ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך פאַר זיי!

שטימע : כאַפּט אים! כאַפּט אים!

שטימע : אַ טויט וויטענבערגן! אַ טויט וויטענבערגן!

שטימע : קומט אַלע! קומט! קומט!

(מאַסע רוקט זיך פאָרויס)

שלמה : (צום המון) קיינער זאָל ניט וואַגן צו שטעלן אַ טראָט!

שטימע : און וואָס וועט זיין, אַז מיר וועלן יאָ וואַגן?

שלמה : קיינער זאָל ניט וואַגן האָב איך געזאָגט!

שטימע : קוקט אים אָן, ער האָט געזאָגט...

שטימע : מיר האָבן פאַר אייך ניט קיין מורא...

שטימע : רוקט זיך, יידן, רוקט זיך!

אסתר : (צום המון) האַלט זיך צוריק! וויטענבערג איז ניט אייער שונא... לאָזט זיך ניט פאַרפירן פון געגנסן... ער האָט ניט אין זינען אייער טובה. זיין הויט וויל ער ראַטעווען.

שטימע : ניט אמת. אונדז וויל ער ראַטעווען.

שטימע : יאָ. ער וויל אונדז העלפן.

שטימע : ער וויל מיר זאָלן נאָך דערלעבן אַרויסצוקומען פון דאַנען.

שטימע : איר ווילט אונדז באַגראָבן.

שטימע : וויטענבערג וויל אונדז אומברענגען!

שטימע : יאָ. ער וויל מיר זאָלן אַלע גיין פאַר אים איינעם.

אסתר : וויטענבערג שטעלט איין זיין לעבן פאַר אונדזער כבוד.

שטימע : ווער האָט אים געבעטן?

שטימע : מיר דאַרפן ניט קיין כבוד. לעבן ווילן מיר!

שטימע : יאָ, לעבן ווילן מיר!

שטימע : וואו איז ער, אייער וויטענבערג? אויב שטעלט ער זיך איין פאַר אונדז, טאָ זאָל ער אַרויסקומען!

שטימע : זאָל ער זיך איבערגעבן צו די דייטשן!

שטימע : וואָס באַהאַלט ער זיך, אייער העלד?

אסתר : וויטענבערג איז דער פירער פון דער פאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע. ער וועט אונדז פירן צום קאַמף מיטן דייטש.

שטימע : ער וועט אונדז פירן צו אונדזער סוף.

שטימע : ער איז אַ שונא ישראל!

שטימע : ער איז אַ רציח!

אסתר : (מיט געבעט) פאַרוואָס ווילט איר ניט זען, יידן, פאַרוואָס פאַרשטייט איר ניט וואו מיר האַלטן? לאָמיר צוזאַמען זיך קעגנשטעלן די מערדער פון אונדזערע משפחות. קומט מיט אונדז! לאָמיר זיין צוזאַמען. נעמט די שטעקנס און שטיינער וואָס איר האָט געבראַכט קעגן אונדז און לאָמיר צוזאַמען

באַגעגענען דעם שונא! מיט פויסטן! מיט קללות, מיט דער גאַנצער ביטערניש אונדזערער! קומט קעגן דייטש! קומט קעגן דייטש! לאָמיר ניט שטאַרבן ווי די לעמער! לאָמיר פאַלן ווי גבורים!

**שטימע** : מיר ווילן ניט שטאַרבן!

**שטימע** : מיר ווילן דערלעבן די פרייהייט.

**שטימע** : מיר ווילן נאָך פארזוכן א ביסל פרייד.

**שטימע** : מיר ווילן דערציילן דער וועלט וואָס מיט אונדז איז אָפּגעטון געוואָרן!

**שטימע** : מיר ווילן נאָך זען ווי דער דייטש נעמט איין אַ וויסטן סוף!

**שטימע** : מיר ווילן ראַטעווען אונדזערע קינדערלעך!

**אסתר** : אונדזער גורל איז אַ געחתמעטער...

**שטימע** : ווי לאַנג מען לעבט איז דאָ האָפנונג.

**שטימע** : גאָט וועט העלפן.

**שטימע** : עס קאָן געשען אַ נס.

**שטימע** : יאָ, אַ נס.

**שטימע** : מיר וועלן געהאָלפן ווערן!

**שטימע** : מיר וועלן איבערלעבן!

**שטימען** : לעבן! לעבן!

(עס באַווייזן זיך פאָרשטייער פון יידן־ראַט)

**שטימע** : שאַט, דער יידן־ראַט גייט...

**שטימע** : איצט וועט מען עפּעס אויפטון.

**שטימע** : (צו די פאָרשטייער) רעדט צו זיי, טאַטעלעך, רעדט צו זיי...

**פאָרשטייער** : (צו די קעמפערס) ווער איז דאָ דער עלטסטער ביי איך?

**יעקב** : איציק וויטענבערג.

**פאָרשטייער** : ווער פאַרטרעט אים?

**יעקב** : קיינער ניט.

**פאָרשטייער** : מיר ווילן רעדן מיט אים.

**יעקב** : גייט, זוכט אים אויף.

**פאָרשטייער** : געבנס זאָגט צו אים אויסצולייזן. דאָס גאַנצע געלט פון דער געטאָ־קאַסע וועט ער געבן פאַר זיין קאָפּ.

שלמה : נעכטן האָט ער אים אַליין איבערגעגעבן דער געסטאַפּאָ און היינט זאָגט ער צו אים אויסצולייזן ?

פאָרשטייער : די דייטשן וועלן אריין צען א זייגער עס איז ניט קיין שפּאס.

שלמה : מיר שפּאַסן ניט.

פאָרשטייער : מיר ווילן רעדן מיט וויטענבערגן.

זלמן : ער איז ניטאָ.

פאָרשטייער : ניטאָ ? אַרויס פון געטאָ ?

שטימע : איר האָט געהערט ? ער איז אַנטלאָפן !

שטימע : גוואַלד, ער איז אַנטלאָפן !

שטימע : איצט זיינען מיר פאַרלוירן.

פאָרשטייער : די דייטשן גרייטן זיך אַריינצוקומען מיט טאַנקן אין געטאָ. געדענקט וואָס איר טוט !

שטימע : איר האָט געהערט ?

שטימע : טאַנקן ! יידן, וואָס טוט מען ?

שטימע : זיי גייען אונטערצינדן דאָס געטאָ !

(פאָרשטייער פון יידן־ראַט גייען אַרויס. פרויען לויפן זיי נאָך)

פרוי : (צו די פאָרשטייער) טאַטעלעך, וואָס גייט איר אוועק ?

פרוי : העלפט אונדז ! גיט אַן עצה !

פרוי : וואָס לאָזט איר אונדז דאָ איבער אַליין ? (יידן־ראַט אָפּ)

דוד : און איך גלויב ניט, ער זאָל האָבן אנטלאָפן, איר הערט ?

ייד : (צו דודן) ניין, ניין, אַ נאַר וועט ער זיין. קלאָר ווי דער טאָג, אַז ער האָט געמאַכט פּליטה... אַזאַ איינעם גייט דען עפּעס אָן ?

שטימע : טאָ פאַרוואָס לאָזן זיי אונדז ניט צו צום הייזל ?

שטימע : איר ווייסט ניט פאַרוואָס ? ווייל זיי מאַכן אַן אַנשטעל, אַז ער איז דאָרטן. ער זאָל געווינען צייט... עס איז אַ בלאָף, אָט וואָס !

שטימע : יאָ. זיי מאַכן פון אונדז לייטיש געלעכטער.

דוד : און איך זאָג אייך, אַז ער איז אין געטאָ. און מעגלעך טאַקע אינעווייניק אין דער הייזקע.

שטימע : אפשר טאַקע ?

שטימע : איז נאָך דאָ אַ האָפנונג אויב אַזוי...

משה : (צו דודן) זאָגט מ'ר, פאַרוואָס זאָל ער טאַקע ניט האָבן אנטלאָפן אין וואלד אריין, וויטענבערג ?

דוד : איך קען אים גוט, דעם פויגל. וואָס וואָס, נאָר קיין אַנטלויפער איז ער ניט.

משה : איר קענט אים ?

דוד : יאָ. מיין חבר געווען אַמאָל. באַגעגנט אים ערשט נעכטן. אָבער ווער האָט געזאָלט וויסן ?...

משה : איך בין נייגעריק וואָספאַראַ פּנים עס האָט אַזאַ איינער.

דוד : איר קענט אים זיכער.

משה : איך ? ווי פאַלט איר אויס ?

דוד : אין באָד נר. 2 זייט איר געווען אַמאָל ?

משה : אַ שיינע פראַגע. דאָס איז דאָך מיין באָד.

דוד : נו, קענט איר זיכער דעם פאַרוואַלטער...

משה : אוודאי קען איך אים. מיינער אַ גוטער פריינד...

דוד : דאָס איז וויטענבערג.

משה : וויטענבערג ? וויי, איך האָב אַפילו זיין נאָמען ניט גע־וואוסט...

דוד : עס האָט ניט קיין זין צו שטיין אין אַ זייט. מען דאַרף זיך אַריינרייסן אין הייזל. קומט, לאָמיר צולייגן אַ האַנט.

משה : איר זייט דאָך זיין חבר.

דוד : געווען אַמאָל. איצט בין איך זיין שונא. קומט!

משה : ניין!

דוד : מען דאַרף ראַטעווען דאָס געטאָ...

משה : (דודן אויפן אויער) איר ווייסט, ברודערקע, וואָס איך וועל אייך זאָגן ? איר זייט שמוציק. זייער שמוציק... (גייט אַוועק פון איהם)

שטימע : הערט, יידן, אַן עראָפּלאַן!

שטימע : עראָפּלאַנען גייען אויף אונדז!

שטימע : אין באָמבע מאַכט אונדז פּערטיק...

שטימע : קוקט ווער עס גייט אַהער!

שטימע : די ווילדע יונגען, די קוימענקערערס, די פּאָליציי!
(עס באַווייזט זיך אַ חברה געזונטע מענער)

שטימע : איצטער וועט מען עפּעס אויפטון!

טרעגער : וואָס שטייט איר ווי בהמות איינס ביי ס׳אַנדערע?

קוימענקערער : אויף וועמען וואַרט איר, אויף משיחן?

פּאָליציסט : רירט זיך, ליימענע גולמס, וואָס שטייט איר ווי די דרענגער?

פרוי : (צו די געקומענע) העלפט אונדז, טאַטעלעך!

פרוי : ראַטעוועט אונדז!

שטימע : נעמט זיך אָן פאַר אונדזער קריוודע!

טרעגער : (צו זיינע חברים) נו, יאַטן, מען נעמט זיך צו זיי?

שטימע : נעמט זיך! נעמט זיך!

שטימע : זאָלן זיי וויסן, אַז דאָס געטאָ איז ניט הפקר.

שטימע : יאָ, לערנט זיי אָפּ איין מאָל פאַר אַלעמאָל!

שטימע : גיט אַ פאַרקאַטשע די אַרבל!

שטימע : אַ געזונט אויף אייערע הענט!

טרעגער : (צו די קעמפּערס) וואו איז ער?

פּאָליציסט : גיט אים בעסער מיט גוטן.

שלמה : קיינער זאָל ניט וואַגן דורכצורייסן די רייען!

קוימענקערער : געדענקט, בלוט וועט זיך גיסן!

קעמפּער : מיר גיבן ניט אויס אונדזער קאָמענדאַנט.

פּאָליציסט : דאָס געטאָ קען ניט אומקומען צוליב אייער קאָמענדאנטל.

קעמפּער : עס וועט ניט אומקומען צוליב אים. עס וועט אומקומען צוליב די דייטשן.

שטימע : די בעסטע זאַך וואָלט געווען מען זאָל זיי אַלעמען איבער־געבן דער געסטאַפּאָ.

שטימע : יאָ, לאָמיר אַליין אַריינרופן די דייטשן צו זיי!

עקיבא : יידן, וואָס טוט זיך מיט אייך?

טרעגער : קומט, האָט ניט קיין מורא!

פּאָליציסט : (צו די קעמפּערס) גיט אים מיט גוטן. מיר וואָרענען אייך.
(המון רוקט זיך פאָרויס)

קעמפּערס : גייט צוריק! גייט צוריק!

עקיבא : פאַרהאַלט זיך, ברידער, דורות קוקן אויף אונדז!

ייד : (ווייזט אויף עקיבאן) וואָס רעדט ער?

שטימע : לאָזט אים געמאַכט, נעבעך פון זינען אַראָפּ... קומט!

המון : אַ טויט וויטענבערגן!

קעמפּערס : שטיין בלייבן! שטיין בלייבן!

עקיבא : יידן, אַ וועלט קוקט אויף אונדז!

שטימע : (צו עקיבאן) רוקט זיך אָפּ, זיידעשי, שטייט ניט אין וועג!

שטימע : ניט באַלעמוטשען, יידן.

שטימע : גיכער! גיכער!

קעמפּער : שטיין בלייבן! שטיין בלייבן!

שטימע : זיי וועלן שיסן אויף אונדז.

שטימע : שיסט! שיסט!

יעקב : ברידער, יידן...

שטימע : אָט איז שוין באַלד דאָס הייזל...

שטימע : כאַפּט אים! כאַפּט אים!

שטימע : אַ טויט וויטענבערגן!

(מאסע שטויסט זיך אָן אָן די רייען פון די קעמפּערס).

עקיבא : (וואַרפט זיך צווישן די קעמפנדיקע) יידן, גאָט קוקט אויף אונדז!

שטימע : מיר האָבן אים אין דר'ערד. אַזאַ גאָט, וואָס האָט דערפירט דערצו מעג צוקוקן. זאָל ער שעפּן נחת!

עקיבא : (פרואווט פונאַנדערצייסן די קעמפּערס מיטן המון) וואָס טוט איר? וואָס טוט איר?!

שטימע : רוקט זיך אָפּ, אַלטער. אַוועק פון דאַנען!

עקיבא : (פאַרצווייפלט) אַ ברודער אויף אַ ברודער טאָר ניט אויפ־הייבן קיין האַנט!

שטימע : נאָך צוויי טריט צום הייזל. שטופּט זיך, שטופּט זיך!

קעמפּערס : גייט אַוועק!

שטימע : אָט איז ער באַלד אין אונדזערע הענט!

קעמפּערס : צוריק!

עקיבא : גוואַלד, יידן!

(עס דערהערט זיך אַ שאָס. מאַסע ציט זיך צוריק. שטילקייט. עקיבא בלייבט ליגן אין מיטן פון דער סצענע)

שטימע : ער איז טויט.

שטימע : ווער האָט עס געטון?

שטימע : ווײ וואָס זיי האָבן געטון!

שטימע : געשטאָרבן פון אַן אייגענער האַנט. קען נאָך זיין אַ זיסערער טויט?

משה : (דערנענטערט זיך צו עקיבאס קערפּער) ווען איר זאָלט ויסן ווען איר האָט דאָ אַוועקגעהרגעט, ווען איר זאָלט וויסן...

שטימע : דאָס האָבן זיי געטון. זיי האָבן געשאָסן.

שטימע : גלויבט מיר, איך בין אים שוין מקנא.

שטימע : יאָ. ער האָט שוין אַלע מלחמות געוואונען.

(פון אונטערן הייזל באַווייזט זיך וויטענבערג אָנגעטון אין אַ לאַנגן שוואַרצן מאַנטל, מיט אַ קאַפּוזע אויפן קאָפּ. זעט אויס ווי אַ פרוי. ער לאָזט זיך אַראָפּ ביי עקיבאס קערפּער)

שטימע : ווער איז דאָס?

שטימע : זיינע אַ קרובה אוודאי.

משה : (דערקענט וויטענבערגן. מיט היץ צו וויטענבערגן) אנטלויפט! אנטלויפט!

(וויטענבערג רירט זיך ניט פון אָרט)

שטימע : ער האָט כאָטש ווער עס זאָל אים באַוויינען, דער אַלטער.

שטימע : אַ גליק אויף זיין קאָפּ.

שטימע : זעט נאָר וואָספאַראַ ליכטיק פנים ער האָט...

שטימע : שוין בעסער זיי האָבן געטראָפן אַן אַלטן, ווי זיי וואָלטן חלילה אַוועקגעלייגט אַ יונגערמאַן.

שטימע : אַן אַלטער וויל דען ניט לעבן, מיינט איר?

שטימע : וואָס דען? ווער וויל דאָס ניט לעבן?

שטימע : וואָס האָט איר זיך אַוועקגעשטעלט באַווײנען אים אַלע?

שטימע : יאָ. עס איז מער אונדז צו באַווײנען.

שטימע : לאָמיר זיך ראַטעווען.

טרעגער : קומט! איצט איז שוין ניטאָ וואָס מורא צו האָבן!

שטימע : זיי קענען אונדז נאָך אַלעמען אַוועקלייגן...

שטימע : זאָלן זיי, זאָלן זיי!

שטימע : עס ווערט שפּעט!

טרעגער : אַלע נאָך מיר. איינס, צוויי!

(מאַסע רוקט זיך פאָרויס. קעמפּערס לאָזן זיי דורך צום הייזל. שטייען פאַרלוירענע. עס הערט זיך אַ בראַזגען פון שויבן. וויטענבערג שטעלט זיך אויף. באַגעגנט זיך פּלוצים אויג אויף אויג מיט דודן, וואָס קומט אַרויס צו לויפן פון הייזל. דוד דערקענט אים. וויטענבערג אַנטלויפט)

דוד : איך האָב אים דערקענט! יידן, דאָרט לויפט ער! ער האָט זיך איבערגעטון פאַר אַ פרוי! כאַפּט אים!

שטימע : יאָ. דאָרט לויפט ער!

שטימע : גיכער, לאָמיר אים כאַפּן!

(המון לאָזט זיך נאָך וויטענבערגן. פאַרטיזאַנער בלייבן שטיין אין אומאָרדנונג אַרום עקיבאס קערפּער. משה גייט צו צו אסתרן)

משה : איך קען אים, דעם וויטענבערג אייערן. ער איז געווען פאַרוואַלטער פון מיין באָד.

אסתר : טאָ וואָס שטייט איר? וואָס יאָגט איר זיך ניט נאָך אים?

משה : איך? איך וויל ווערן איינער פון אייך.

אסתר : דוכט זיך, עס איז א ביסעלע צו שפּעט.

משה : איך ווייס. איך וועל אייך גאָרניט קענען העלפן. וויטענבערגן אויך ניט. אָבער ס׳מאַכט ניט אויס איצטער. איך וויל זיין מיט אייך.

אסתר : (לאַכט ביטער) איצטער ווילט איר זיין מיט אונדז, האַ?

משה : זיי ניט ברוגז, טאָכטער... דו פאַרשטייסט? ביז היינט בין איך געווען אַ לעבעדיקער מת. יאָ, יאָ... איז געקומען דעראָ, וואָס ליגט דאָ איצטער אַ מת און האָט מיך מחיה מתים געווען. אַז ער איז ניטאָ מוז איך זיין... איך פיל עס

דאָ... אין מיר. איך מוז זיין פאַר אים. איך ווייס, אַז איך קען גאָרניט טאָן... אָבער ער האָט מיך געשיקט צו אייך. עס איז בעסער צו זיין מיט אייך. בעסער פאַרשפּילן מיט אייך און מיט וויטענבערגן. דער המון האָט פאַרשפּילט צום דייטש און איר האָט צוויי מאָל פאַרשפּילט. צום דייטש און צום המון. אָבער בעסער מיט אייך צוויי מאָל פאַרשפּילן. אַ סך בעסער... (באַטראַכט אסתרן) ווי ליכטיק דו ביסט, טאָכטער מיינע. דו ווייסט וואָס איך זע אין דיינע אויגן? איך זע אין זיי די פייערן פון אונדזער חרובן בית המיקדש. אין דער שטימע דיינער, כאָטש אַזוי סאָלדאַטסקע און טרוקן, הער איך דאָס קלאָגן פון דער מוטער רחל איבער אירע פאַרוואָגלטע קינדער. און העלפן קענסטו זיי גאָרניט העלפן... אָבער דו ביסט יונג, טאָכטער. דו האָסט אין זיך דעם פונק פון אונדזער שיינקייט, דעם חן פון אונדזער געפאַלנקייט. לעב! נעם דיין ביקסל און נעם די יונגען, וואָס דו האָסט מיט זיך, רייסט זיך דורך צו די וועלדער. שלאָגט זיך דורך צו דער פרייהייט. זאָל די וועלט, קוקנדיק אויף אייך, זען וואָספאַראַ פאָלק מיר זיינען געווען. און נעמט מיט וויטענבערגן. ער דאַרף לעבן. ער קאָן בויען בעסער ווי חרוב מאַכן. קעמפט פאַרן לעבן, ניט פאַרן טויט. גייט אַלע, גייט. לאָזט דאָס געטאָ. זיי וועלן אייך מוחל זיין אַלע. אויב ניט איצט איז שפּעטער. האַלעוויי זאָלט איר נאָר בשלום אַריבערקומען צו דער ליכטיקער וועלט. האַלעוויי זאָל די וועלט דערזען אין אייך, וואָס זי האָט צעשטערט אין אונדז.

**אסתר** : (פאַרטראַכט) און איר אַליין? איר וועט מיטקומען?

**משה** : ניין. איך מוז דאָ בלייבן. (ווייזט אויף עקיבאַן) ער איז אויך אין האַרצן געווען מיט אייך און געבליבן מיטן המון. זיין פּלאַץ טאָר ניט בלייבן ליידיק. איך וועל אים פאַרנעמען. אָבער איר מוזט גיין...

**אסתר** : פאַרוואָס זאָלן מיר אַנטלויפן? ווער זיינען מיר דען? מיר זיינען אויך דאָס פאָלק.

**משה** : איר זייט דאָס פאָלק, אָבער דאָס פאָלק איז ניט איר. אין אייך איז פאַראַן דאָס בעסטע, וואָס מיר פאַרמאָגן. דערפאַר דאַרפט איר זיין אונדזערע שליחים צו דער וועלט.

**אסתר** : דאָס געטאָ שיקט אונדז ניט.

**משה** : האָט אייך דאָס געטאָ געשיקט זיך שלאָגן פאַר זיין כבוד?

**יעקב** : מיר האָבן געוואָלט אומקומען צוזאַמען מיט זיי.

**משה** : אויב האָט איר דרך־ארץ פאַר זייער ווילן טאָרט איר אפשר דאָס אויך ניט טאָן. זיי לאָזן אייך ניט שטאַרבן פאַר זייער כבוד? לעבט כאָטש פאַר זייער כבוד.

**יעקב** : (צו די ארומיקע) וואָס טוען מיר, חברים?

**אסתר** : מיר קענען ניט אַריבערשפּרייזן דעם טויטן גוף פון אַ יידן ווי עס וואָלט קיינמאָל גאָרניט געשען.

**יעקב** : האָבן מיר זיך ניט געריכט אויף אַזאַ פאַל?

**אברהם** : זיך געריכט און ניט געגלויבט, אַז עס וועט קומען.

**שלמה** : (נידערגעשלאָגן) איך זע, אַז איר גיט זיך אונטער. אַלע גיט איר זיך אונטער. איך האָב עס גלייך געוואוסט. פול מיט וואַקלענישן זייט איר געווען גלייך פון אָנהייב אָן, קיין ביסל ענטוזיאַזם ניט פאַרמאָגט...

**יעקב** : מאַך אונדז ניט קיין פאָרוואורפן, שלמה...

**שלמה** : ווער מאַכט פאָרוואורפן? איך בין נאָר נייגעריק וואָס מיר וועלן איצטער טון.

**יעקב** : מען דאַרף זיך באַראַטן מיטן קאָמענדאַנט.

**שלמה** : וואָס ווילט איר ער זאָל אייך זאָגן, האַ? וואָס דערוואַרט איר פון אים?

**אסתר** : מען דאַרף הערן זיין מיינונג.

**שלמה** : (אַנטשלאָסן) חברים, איך שלאָג פאָר... איר ווייסט וואָס איך שלאָג פאָר? מיר זאָלן אַרויסגיין אַלע צום געטאָ־טויער. דער גאַנצער שטאַב... מיר זאָלן צוזאַמען באַגיין זעלבסט־מאָרד דאָרטן... אַלע. איר פאַרשטייט? מיר גיבן ניט אויס אונדזער קאָמענדאַנט... מיר שטאַרבן מיט אים... (שווייגן. אומבאַהאָלפנקייט אויף די פנימער פון די קעמפער. אַ שאַרף געשריי שניידט דורך די לופט)

מאַשע : ברוך! ברוך! (פאַלט. ברוך קומט אָן צו לויפן)

ברוך : וואָס איז געשען, מאַשעלע, מאַשעלע?!

מאַשע : מיינע פיס! מיינע פיס! איך קען זיי מער ניט רירן!

ברוך : גיכער, דעם דאָקטאָר! וואו איז דער דאָקטאָר? (דאָקטאָר שטייט אין אַ זייט, רירט זיך ניט פון אָרט) העלפט מיר, דאָקטאָרלעבן, העלפט מיר! (נעמט מאַשען אויף די הענט)

מאַשע : מיינע פיס! מיינע פיס! (ברוך מיט מאַשען אָפּ. מען הערט נאָך אַ לאַנגע ווײַלע איר געשריי פון ווייטן)

## פאָרהאַנג

## בילד צוויי

אַ שעה שפּעטער. די סצענע איז צעטיילט אין צוויי טיילן. דער קלענערער טייל פון איר שטעלט פאָר עדזשעס צימערל. עס איז כמעט איינגאַנצן פאַרזונקען אין פינצטערניש, הגם דרויסן איז שוין פולער טאָג. דורך דעם פאַרהאָנגענעם פענצטער רייסט זיך בלויז אַריין אַ ווייס רעמל ליכטיקייט.ביים פענצטער שטייט עדזשע. מען זעט זי נאָר דאַן, ווען זי מאַכט אַוועק אַ טייל פון דער פאַרהאַנג אַרויסצוקוקן אין דרויסן.

דער צווייטער, גרעסערער טייל פון דער סצענע שטעלט פאָר די גאַס נעבן עדזשעס הויז. די גאַס איז פול מיט זון־ליכט, אָבער זי איז לער. פון ווייטן טראָגט זיך אַהער אַ טומל. מען קען אַפילו אונטערשיידן איינצלנע אויסרופן: כאַפּט וויטענבערגן! כאַפּט וויטענבערגן! אין געסל באַווייזט זיך פאלקע און שלומקע.

**שלומקע** : וואו זיינען אַלע יאַטן?

**פאַלקע** : יאָגן זיך נאָך וויטענבערגן.

**שלומקע** : אפשר זאָלן מיר זיך אויך יאָגן?

**פאַלקע** : כ׳האָב ניט קיין כוח. נאָך היינט גאָרניט געגעסן. די שכנה לויפט אַרום די גאַנצע נאַכט.

**שלומקע** : קענסט זיך ניט אַליין נעמען עפּעס צו עסן?

**פאַלקע** : די שאַפקע איז פאַרשלאָסן. זי האַלט דאָס שליסעלע ביי זיך.

**שלומקע** : טאָ קום, לאָמיר זיך יאָגן נאָך דיין שכנה.

**פאַלקע** : עס וועט ניט העלפן. זי גיט קיינעם ניט דאָס שליסעלע.

**שלומקע** : איך האָב נאָך היינט מיין טאַטן אויף די אויגן ניט געזען. ער איז אַוועק ביינאַכט הערן געגנסן און נאָך ניט אַהיים־געקומען.

**פאַלקע** : אַזוי פיל מענטשן יאָגן זיך נאָך איינעם און קענען אים ניט כאַפּן... ער מוז זיין אַ גוטער לויפער.

**שלומקע** : וואָס וואָלסטו געטון, ווען דו ביסט וויטענבערג?

**פאַלקע** : איך ווייס ניט. עס בורקעט מיר אין בויך פון הונגער.

שלומקע : ווילסט מען זאָל אים שוין כאַפּן, האַ? וואָלט דיין שכנה אַהיימגעקומען.

פאַלקע : דו ווייסט וואָס זי וויל טון? זי וויל דאָך הרגענען דעם פויגל אויף שבת. זי זאָגט, אַז זי האָט שוין אַ האַלב יאָר ניט געפילט דעם טעם פון פלייש און אַז מען וועט הרגענען דעם פויגל וועט יעדער קענען אָפּנאַגן אַ ביינדל. ווען ניט וויטענבערג וואָלט דער פויגל שוין ניט געלעבט, דו ווייסט?

שלומקע : טאָ אפשר העלפן מיר וויטענבערגן, צו ראַטעווען דעם פויגל?

פאַלקע : איך וואָלט די צונג אַראָפּגעשלונגען פון הונגער.

שלומקע : אַז דו רעדסט אַזוי פיל פון עסן, ווער איך שוין אַליין הונגעריק. הער אויף...

פאַלקע : איך קען ניט אויפהערן.

שלומקע : עס בורקעט מיר שוין אויך אין בויך.

פאַלקע : איך בין ניט שולדיק.

שלומקע : ביסט יאָ. דו מאַכסט מיך הונגעריק.

פאַלקע : איך מאַך דיך ניט.

שלומקע : דו מאַכסט מיך יאָ.

פאַלקע : איך שווער דיר, אַז ניט.

שלומקע : לאָמיר זיך שוין בעסער שפּילן אין עפּעס.

פאַלקע : איך קאָן זיך איצט ניט שפּילן.

שלומקע : וואָס דען וועלן מיר טון?

פאַלקע : לאָמיר אַרויסרייסן אַ פּאָר גרעזלעך און קייען.

שלומקע : רייס דיר אַרויס. איך בין ניט קיין קו.

פאַלקע : (רייסט אַרויס אַ פּאָר גרעזלעך. דערלאַנגט שלומקען) פּאַר־זוך...

שלומקע : עס האָט זיך דיר פאַרגלוסט צו זיין אַ קעלבל, ווי נעכטן אין באָד?

פאַלקע : דו ווייסט גאָר וואָס? לאָמיר טאַקע צולויפן אין באָד.

שלומקע : צו וואָס?

פאַלקע : דער פאַרוואַלטער האָט געוואָלט ווערן מיין טאַטע. אפשר האָט ער עפּעס צו עסן. ער איז אַ רייכער.

**שלומקע** : (לאַכט) אוי, פאַלקע, ווי אַזוי קאָן ער ווערן דיין טאַטע?

**פאַלקע** : ער וויל. האָסט ניט געהערט נעכטן?

**שלומקע** : (לאַכט העכער) וואָספאַראַ נאַר דו ביסט.

**פאַלקע** : הער אויף צו לאַכן. די מינוט זאָלסטו אויפהערן!

**שלומקע** : (זינגט אונטער) פאַלקע איז אַ נאַר! פאַלקע איז אַ נאַר! (פאַלקע לויפט אַוועק) וואַרט אויף מיר, פאַלקע, אַנטלויף ניט! (קינדער אַפּ)

(די גאַס איז צוריק לער. עס דערהערן זיך קלעפּ אין עדזשעס פענצטער. זי ציטערט אויף. רייסט אַוועק די פאַטשיילע. וויטענבערג שטייט אין דרויסן קוים אָטעמענדיק. זי העלפט אים אַריינקריכן אין צימער)

**וויט** : פאַרהענג צוריק! (זי פאָלגט אים) מאַך ליכטיק... (זי צינדט אָן אַ ליכט. ער שלייכט זיך מיד צום טיש. לייגט אַוועק דעם רעוואָלווער. לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ שטול) זעסט, איך בין ווידער ביי דיר... צום אָרט, וואָס מיין האַרץ האָט ליב. אַהין פירן מיך מיינע פיס... גיב מיר אַ טרונק... (זי דערלאַנגט אים א קוואַרט וואסער.ביידע קוקן זיך אָן פאַרלוירן) וואָס טוסטו דאָ? פאַרוואָס ביסטו ניט מיט דיין קאַמפּס־גרופּע? (זי שווייגט) דערזערטירט, האָ?

**עדזשע** : דו ביסט נאַס... (וויל אים אָפּווישן דעם שטערן. ער פאַר־האַלט איר האַנט)

**וויט** : (שמייכלט בלייך) זיינען מיר ווידער צוזאַמען... כ׳בין געלאָפן אַהער ווי אַ קינד, וואָס וויל זיך באַהאַלטן אונטער דער מאַמעס פאַרטעך. (לאָזט אָפּ איר האַנט) איך בין ניט קיין קינד. דאָס געטאָ וויל מיין טויט און איך בין אַזוי צונויפגעוואַקסן מיטן געדאַנק צו קעמפן, אַז איך קען גאָרניט אַנדערש שטאַרבן... אַ ייד איז געהרגעט געוואָרן אין אַשמענער געסל. דו ווייסט? אַ טייערער ייד געוועזן. די חברים וואָלטן געדאַרפן פאַרשטיין, אַז דאָס ענדערט ניט די לאַגע... און אפשר יאָ? ווען דער אַלטיטשקער וואָלט מיר געקאָנט זאָגן וואָס צו טון... אַ געלעכטער, האָ? מיר, דעם קאָמענדאַנט פון דער פפ״אָ דאַרף מען זאָגן וואָס צו

טון... עדזשע, איך וויל ניט עס זאָל זיך אַזוי ענדיקן... אפשר וועלן די חברים באַשליסן, אַז מיר שלאָגן זיך פאַרט? ניין. זיי וועלן זאָגן, אַז איך דאַרף זיין אַ קרבן, אַז ערגער פון אַלץ איז אַ ברידער־הריגה... זיי וועלן דערצו ניט דערלאָזן. און איך? איך מעג דערלאָזן?... איך האָב געהאָפט צו ווערן אַ פונק, וואָס וועט אויפרייסן דעם דער־שטיקטן צאָרן פון געטאָ... און דאָ? וואָס בין איך? אַ הונט אַ געיאָגטער פון אַ סטאַדע הונגעריקע וועלף... איך האָב מורא פאַר די פייניקונגען. קאָזלאָווסקי איז געווען אַ מוטיקער בחור, נו, איז וואָס? ער האָט צוזאַמענגעבראָכן. איך וויל ניט גיין צו זיי... איך וויל מיך שלאָגן... איך וועל... גיב מיר נאָך וואַסער...

**עדזשע** : (דערלאַנגט אים וואַסער) קום, שפּאַר זיך צו אויפן בעט...

**וויט** : (טרינקט. באַרואיקט) ביסט ניט ברוגז וואָס איך בין געקומען אַהער?

**עדזשע** : (פירט אים צום בעטל) קום, ביסט מיד...

**וויט** : (זעצט זיך אויפן בעטל) מיר האָבן שטענדיק געהאַט ווייניק צייט פאַר זיך. איצטער איז בעסער. איך בלייב ביי דיר ביזן סוף. ניטאָ מער וואו זיך צו איילן. ניטאָ מער קיין באַפעלן צו געבן. אַפילו ניט זיך... זעץ זיך נעבן מיר.

**עדזשע** : יאָ. איך וועל פאַרריגלען די טיר.

**וויט** : איך האָב געטרייע חברים. זאָלן זיי איצטער מיר באַפעלן. איך בין דאָך ניט מער קאָמענדאַנט. ניטאָ קיין קאַמף, איז ניטאָ קיין קאָמענדאַנט. איך טאָר אפשר אַזוי ניט רעדן, האַ? מיינע חברים קוקן אויף מיר. דאָס געטאָ קוקט אויף מיר... איך בין מיד... דו ווייסט ווי זיי האָבן מיך געיאָגט? דורך דעכער און בוידעמער בין איך געקומען אַהער... (שליסט די אויגן) אוי, מאַמע, ווי מיד דיין זון איז... די וועלט יאָגט זיך נאָך דיין קינד, מאַמע מיינע, העלף... באהאלט מיך אין זיך... איך וויל צוריק צו דיר...

(שטילקייט. וויטענבערג ווערט אנטדרעמלט. עדזשע לעשט אויס דאָס ליכט. רעאַליטעט פאַרשווינדט. א וויג־ליד ניגון טראָגט זיך אהער פון ערגעץ ווייט. עס באַווייזט זיך די געשטאַלט פון וויטענבערגס מוטער).

מוטער־געשטאַלט: איך האָב דיך גערופן, מיין יינגעלע. עס איז צייט דער וועלט גוט־מאָרגן צו זאָגן. אַ זון וואַרט אויף דיר אונטערן פענצטער און א בלויער הימל. פרייד איז פאַר דיר אָנגעגרייט אין די פאַלדן פון דיינע טעג און אַ זיס געזאַנג טריפט מיטן זילבערנעם טוי פון דיינע נעכט. דערוואַך צום לעבן.

וויטענבערגס שטימע: מיר איז דאָ גוט, מאַמע. איך האָב מורא פאַר דעם טאָג און מיך שרעקט די נאַכט.

מוטער־געשטאַלט: פאַר וועמען האָט זיך צו שרעקן אַ יינגעלע, וואָס האָט אַ מאַמען? איך וועל וואַכן איבער דיר אין דיין וויטן לעבן אַריין. די וועלט האָט גרויסע, ברייטע וועגן, וואָס ציען זיך ביז אונטערן הימל אַרונטער. דו וועסט פון דיין וויגל אַרויסשפּאַנען, מיין קינד, און זיך לאָזן איבער די וועגן אַ יונגער, אַ מונטערער...

וויטענבערגס שטימע: אויף די וועגן וואַקסן וועלדער בלינדע. וואוהין פירן די וועגן, מיין מאַמע?

מוטער־געשטאַלט: די וועלדער זיינען גרינע. פולע מיט פייגל־געזאַנגען...

וויטענבערגס שטימע: מיך שרעקן די שדים, וואָס לויערן דאָרטן. וואוהין פירן די וועגן, מיין מאַמע?

מוטער־געשטאַלט: פעלדער מיט תבואות און סעדער מיט פירות שפּרייטן זיך אויס ביי די זייטן. דו וועסט פליקן די פרות און זייגן דעם זאַפט. די פרייד פון דער ערד וועסטו צעקייען מיט דיינע שטאַרקע ציינער...

וויטענבערגס שטימע: אין האַרץ פון דער פרייד ליגט דער קערן פון ביטערקייט. וואוהין פירן די וועגן, מיין מאַמע?

מוטער־געשטאַלט: דו וועסט מיט טריט דיינע פעסטע פאַרקריצן אין שטיינער, פאַרשרייבן אויף זאַמדן דיין גאַנג דעם געזונטן.

און דאַן וועט פון ווייטע צעוויקלטע וועגן דיר קומען אַנטקעגן דיין חבר, דיין ברידער, דער מענטש.

**וויטענבערגס שטימע:** ער קומט מיט אַ שטיין אין דער האַנט. וואוהין פירן די וועגן, מיין מאַמע?

**מוטער־געשטאַלט:** ער וועט דיך לערנען אַ ניגון אַ נייעם און דו וועסט אים פון זיין אַליינקייט באַפרייען. צוזאַמען מיט אים וועסטו וואונדער באַווייזן. די סודות, וואָס דרימלען אין הימלען דערלייזן...

**וויטענבערגס שטימע:** אַנטעק, מיין ברודער האָט מיך גערופן קרעציקער ייד. וואוהין פירן די וועגן, מיין מאַמע?

**מוטער־געשטאַלט:** און דאַן וועט זי קומען. אַ ליכטיקע, ווייסע, מיט אויגן ווי זונען צעגליטע און הייסע... דיין בענקשאַפט וועט קלינגען אין אירע געלעכטערס... (מוטער־געשטאַלט פאַר־שווינדט)

**וויט:** (האַלב דערוואַכט) עדזשע? ביסט דאָ? גיב מיר וואַסער... (זי דערלאַנגט אים וואַסער) איך האָב ליב וואַסער... (טרינקט) מיר זיינען קיינמאָל ניט געפאָרן צוזאַמען אין אַ שיפל, האַ? און אפשר יאָ? איך האָב גערודערט און דו ביסט געלעגן אין אַ ווייסן קלייד, אָנגעשפּאַרט אויף מיינע קניען און האָסט געזונגען, דאָס וואַסער האָט געזונגען... געדענקסט ווי מיר האָבן זיך קיינמאָל ניט געבאָדן צוזאַמען? קיינמאָל ניט. אַן אימהדיק וואָרט. און אפשר איז גאָר ניטאָ קיין „קיינמאָל ניט״? אפשר איז דאָ בלויז „אייביק״... דאָס איז אַ ליכטיק וואָרט! עס איז ברייט און טיף ווי אַ ים... לאָמיר שווימען אין דעם ים וואָס הייסט „אייביק״... קום אַריין אין שיפל... נאָר וואָרט... עמעץ רופט. מיר קענען ניט אַוועקשווימען אַליין. דיביים ברעג דאַרפן אונדז. מען קען זיי ניט לאָזן אַליין און מען קען זיי ניט נעמען מיט זיך. מוז מען בלייבן, האַ? זיי ניט אומעטיק. עס איז גוט צו בלייבן אויך. צו קענען זאָגן זיך: מען האָט געקאָנט אַוועק־שווימען, נאָר מען איז ניט געשוואומען... עדזשע? עס

ווערט ליכטיק אין מיר. איך האָב זיי ליב... די וואָס שרייען אין דרויסן: אַ טויט וויטענבערגן!... איך בין זייערער... זייערער? און וועמענס בין איך געווען ביז איצטער? פאַרוואָס ווילן זיי מיך ניט קיין שטאָלצן, נאָר אַ צעבראָכענעם? פאַרוואָס זאָל איך זיך לאָזן בינדן? פאַרוואָס זאָל איך ניט טאָרן צערייסן כאָטש איין דייטשן האַלדז מיט דיאָ פויסטן?... זיי ווילן מיך פאַר אַ קרבן און ניט פאַר קיין העלד. און מיין פליכט איז צו פאָלגן, האַ? ווידער פליכט? ניין. אויב איז עס ליבע, דאַרף עס ניט זיין קיין קרבן פון פליכט. עס דאַרף זיין אַ קרבן מיט התלהבות... דו כליפּעסט, עדזשע? איצט איז אַלץ איינס. מעגסט כליפּען, נאַרעלע... מיר וועלן מאַכן אַ לחיים איבער דיינע טרערן. טרערן קענען מאַכן שיכורער פון ווייַן... ווי גייט עס דאָרטן? און איר וועט שעפּן וואַסער פון די קוואַלן פון דערלייזונג... לחיים! (זינגט) ושאבתם מים בששון ממעינות הישועה... ושאבתם מים... מים...

**עדזשע**: שאַ... זינג ניט, מען קאָן דערהערן אין דרויסן.

**וויט**: די וועלט וועט אַמאָל אויפשטיין צו אַ טאָג אָן מיר און דער טאָג וועט זיין פול מיט ליכט. עס וועט זיין דער טאָג פון באַפרייאונג... ווי איז דאָס מעגלעך? ווי קאָן דאָס זיין אַ טאָג פון באַפרייאונג אָן מיר? ער וועט ניט טאָרן זיין אָן מיר... איך וועל ניט לאָזן. ערגעץ וואו וועל איך מוזן זיין... נאַריש גערעדט, האַ? און דאָך... אָט זע איך זיי אַלע... ווי שיין זייט איר, ברידער מיינע, אין טאָג פון דערלייזונג. אָ, ווי איר האָט דאָס צעפּייניקט מיין ליבע צו אייך. נאָר נשקשה, איך בין אייך מוחל. איר זייט דאָך אויך פּונקט ווי איך, ניט דאָיקע, דאָיקע... אין די ווייסע טליתים זעט איר אויס ווי מיין טאַטע אין אַ יום־כיפּור פאַרנאַכט פאַר כל נדרי... און איר, אַלע ווייבער, מיט די ווייסע טיכלעך אויף די קעפּ, מיט די ווייכע, צעקנייטשטע געזיכטער, איר זייט דאָך מיין האַרציקע מאַמע... און די חברה דאָרט, אין די צעקנעפּלטע בלוזעס, מיט צעשויבערטע טשופּרינעס,

דאָס זיינען דאָך מיר, די קעמפּערס פון דער פּפּ״אָ... און זי?... וואָס טוט זי דאָ?
(עס באַווייזט זיך די געשטאַלט פון דינהן. רעאַליטעט פאַר־שווינדט ווידער)

דינה : איך בין געקומען דיר שענקען אַ שמייכל... עס איז היינט דער טאָג פון באַפרייאונג אויף דער וועלט.

וויט : איך וואַרט אויף דעם שמייכל אַ לעבן לאַנג. דו האָסט מיך מער ניט פיינט?

דינה : די שנאה בלייבט שטיין ביים ברעג פון קבר. נאָר די ליבע גייט ווייטער.

וויט : דו ביסט גערעכט. זי נעמט מיך אַרום, די ליבע. וואָסאַמאָל מערער און מערער. וואָס אַמאָל ברייטער שפּרייט זי זיך און ברייטער... זי ציט מיך אַראָפּ צו דער ערד, זי רייסט מיך אַרויף צו די הימלען. וואו זיינען אונדזערע קינדער, דינה?
(עס באַווייזן זיך די געשטאַלטן פון פאלקען און שלומקען)

דינה : אָט שטייען זיי דאָרטן.

וויט : דאָס זיינען ניט מיינע קינדער.

דינה : וואָספאַראַ טאַטע ביסטו? דערקענסט שוין דיינע קינדער ניט?

וויט : קען זיין, אַז איך בין נאָך אַלץ צופיל פאַרנומען מיט זיך... דערפאַר. (צו די ייִנגלעך, וואָס פאַרשטעלן די אויגן מיט די הענט) וואָס ווייִנען עפּעס אַזעלכע חתן־בחורימלעך?

שלומקע : מיר זיינען ניט קיין חתן־בחורימלעך.

וויט : וואָס דען זייט איר?

שלומקע : מיר זיינען קינדער.

וויט : קינדער. וואָספאַראַ פריילעך וואָרט. ווי פאָרן זיך קינדער מיט טרערן?

פאַלקע : מיר האָבן אַ פויגל און ער קען ניט פליען.

שלומקע : ער האָט קראַנקע פליגלען.

וויט : ניט די פליגלען זיינען ביי אים קראַנק, זונעלעך.

פאַלקע : טאָ פאַרוואָס פליט ער ניט ?

וויט : ווייל איר ווילט ניט ער זאָל פליען.

קינדער : ניט אמת.

וויט : אַז ער וועט אַוועקפליען וועט איר דאָך ניט האָבן קיין פויגל.

פאַלקע : מיר ווילן ניט ער זאָל אַוועקפליען. מיר ווילן בלויז ער זאָל פליען.

וויט : וואו ?

פאַלקע : איבערן שטוב, איבערן הויף...

וויט : אַמבעסטן וואָלט געווען איר זאָלט אים צובינדן אַ שטריקל צו די פיס, וועט איר אים קענען אַראָפּציען צו דער ערד ווען איר ווילט.

פאַלקע : יאָ. מיר וועלן אַזוי טאָן ווען ער וועט אָנהויבן פליען.

וויט : איר וועט אים הרגענען.

פאַלקע : מיר ווילן אים ניט הרגענען. מיר האָבן אים ליב.

וויט : שאַדט ניט. ער וועט זיך לאָזן. ער האָט אייך אויך ליב.
(געשטאַלטן פון קינדער און דינהן פאַרשווינדן. וויטענבערג דערוואַכט. ניכטער. גייט אַראָפּ פון בעט צום טיש צו. לאָדנט אָן רעוואָלווער)

עדזשע : (פאַלט צו צו אים) וואָס גייסטו טון ?

וויט : זיי מיר מוחל... איך האָב זיך אויסגעקליבן דאָ ביי דיר... איז עס ניט ריכטיק אזוי ? זאָג אליין.

עדזשע : (פאַרצווייפלט) ניין ! ניין !

וויט : איך וויל בלויז נעמען מיין לעבן אין מיינע הענט. מער גאָרניט. איז דאָס אַן עוולה ? איך אַנטלויף דאָך ניט... איך וויל ניט מען זאָל טון מיט מיר. איך וויל טון מיט זיך אַליין. טאָר איך דאָס אויך ניט?

עדזשע : (מיט געבעט) ראַטעווע זיך ! ראַטעווע זיך, איציק !

וויט : דאָס גאָר ? איך האַלט שוין ניט דערביי, עדזשע.

עדזשע : עס איז נאָך צייט, איצטער... זע נאָר, איציק, קענסט אַדורכלויפן פון דאַנען ביז צום פּאַרקאַן. קיינער וועט דיך

ניט זען... דער הויף איז לער, די גאַס אויך... עס איז דאָך ניט ווייט פון דאַנען צו דער עפנונג... דו ווייסט, וואו מען שמוגלט... וואו מען האָט געשמוגלט ס׳געווער... דו קענסט דאָך דעם וועג צום וואַלד...

**וויט** : (קאַלט) איך קען דעם וועג צום וואַלד, אָבער ער איז ניט מיינער.

**עדזשע** : דיינער, דיינער, זיי האַסן דיך סיוווי אַלע.

**וויט** : עס דוכט זיך דיר.

**עדזשע** : האָסט געהערט זייערע געשרייען?... עס איז ניטאָ פאַר וועמען זיך מקריב צו זיין... דו הערסט? איציקל, ראַטעווע זיך... ראַטעווע מיך... מיר וועלן איבערלעבן, וועסט זען.

**וויט** : איבערלעבן, אָבער ניט לעבן.

**עדזשע** : מיר וועלן נאָך זיין גליקלעך.

**וויט** : מיר זיינען עס שוין געווען.

**עדזשע** : דו דאַרפסט לעבן.

**וויט** : איך דאַרף שטאַרבן.

**עדזשע** : רעד ניט אַזוי, איך בעט דיך. עס איז נאָך ניט אַלץ פאַרפאַלן. זיי מוטיק, אַנטלויף...

**וויט** : איך בין אַ פּחדן.

**עדזשע** : דו ביסט ניט.

**וויט** : איך האָב מורא פאַר יסורים. איך וויל ניט זיין קיין צווייטער קאָזלאָווסקי. איך וויל ניט אויסגעבן.

**עדזשע** : רעד ניט דערפון, טייערער. זע, קיינער איז ניטאָ אין גאַס. קוק אַרויס, וועסטו זען... מיר וועלן זיך אַמאָל באַגעגענען. עס וועט אונדז זיין גוט צוזאַמען.

**וויט** : עדזשע, העלף מיר! לאָז צורו מיט די רייד. העלף מיר!

**עדזשע** : איך וויל דו זאָלסט לעבן!

**וויט** : ניין. דו ביסט קיינמאָל ניט געווען קיין גוטע קעמפערין.

**עדזשע** : (פאַלט אויפן בעט) איך קען ניט. איך קען ניט!

**וויט** : (לאָזט זיך אַראָפּ אויפן שטול ביים טיש) אַליין... אינגאַנצן אַליין...

(לאנגע שטילקייט.ווירקלעכקייט פארשווינדט. ס'באווייזט זיך די געשטאַלט פון עקיבאן)

עקיבא : ניט איינגאַנצן אַליין.

וויט : דאָס זייט איר? זייט מיר מוחל...

עקיבא : דו דאַרפסט זיך איילן, זון מיינער. איצט איז דיין ריי.

וויט : איך בין נאָך ניט פערטיק מיט זיך.

עקיבא : קיינער ווערט קיינמאָל ניט פערטיק מיט זיך.

וויט : קיינמאָל, האָט איר געזאָגט?

עקיבא : קיינמאָל.

וויט : אַ מוראדיק וואָרט.

עקיבא : שרעקסט זיך נאָך אַלץ פאַר ווערטער?

וויט : אונטער דעם וואָרט ליגט אַ תהום.

עקיבא : איבער די תהומען הענגען הימלען.

וויט : אייביק?

עקיבא : אייביק.

וויט : מיר האָבן זיך אמאָל באגעגנט, אמת, רב ייד?

עקיבא : אַמאָל.

וויט : אויך אַ וואָרט.

עקיבא : אַמאָל איז געווען און אַמאָל וועט זיין. אַמאָל איז געווען — אין מעשיות, אַמאָל וועט זיין — אין חלומות...

וויט : און וואו איז די וואָר?

עקיבא : וואָר איז מעשה און וואָר איז חלום.

וויט : אָבער וואו איז דער „איצט"?

עקיבא : ער איז דער אויגנבליק פון טאָט. די רגע פון מעשים.

וויט : מיין רגע.

עקיבא : דו האָסט דערוואַכט?

וויט : (ווייזט אויפן רעוואָלווער) יאָ. אָט האַלט איך דערביי...

עקיבא : דאָס?... נאָך ניט גענוג פאַר דיר.

וויט : וואָס ווילסטו נאָך מער?

עקיבא : דיין רגע וועט לעבן אין דעם „אַמאָל איז געווען" און דיין רגע וועט לעבן אין דעם „אַמאָל וועט זיין". איך וויל נאָך מער פון דיר.

וויט : איך קאָן ניט מער.

עקיבא : דו קאָנסט. ווי זאָגט דער אַלטער פסוק? געדענקסט, איך האָב ליב איבערצוטייטשן פסוקים? שתה מים מבארך... טרינק וואַסער פון דיין ברונעם. טרינק אויס דיין מוט ביזן דנאָ. דו ווייסט אַליין ניט ווי טיף ער טוט גרייכן, דיין קוואַל. טרינק ביזן סוף פון די כוחות דיינע... דאָס לויפיקע פון דיין ברונעם... יפוצו מעינותיך חוצה... דאַן וועלן זיך צעשפּרייטן דיינע שטראָמען פון דרויסן. אין די גאַסן וועלן זיי פליסן. דיין מוט וועט ווערן דער מוט פון געטאָ. דיין גבורה — די גבורה פון פאָלק. דו ביסט זייער געבונ־דענער כוח. דו ביסט ווילנע. דאָס שטאַרבנדיקע און דאָס לעבנדיקע.

וויט : ווידער ווערטער.

עקיבא : וואָס האָסטו אַזוי פיינט ווערטער?

וויט : ווער עס דאַרף גיין אַליין, ברויך ניט קיין ווערטער.

עקיבא : דו גייסט ניט אַליין. דו גייסט בלויז פאָראויס. אַ גורל אַזאָ. דיין טראָט וועט אַ צייכן אַ טיפן לאָזן אויף וועגן. און יעדער, וואָס וועט דיינע שפּורן פאַרבייגיין וועט זאָגן: דורך דאַנען איז איציק געגאַנגען אַ שטאָלצער, איז לייכטער מיר איצטער צו גיין...

וויט : מיין מאַמע האָט ערשט ביי מיין וויגל דאָס אַלץ מיר געזאָגט. נאָר ליכטיקער האָט עס געקלונגען.

עקיבא : איצט ביסטו אַ מאַן. מעג קלינגען דיר ביטער. נאָר טון דאַרפסטו טון, וואָס דיר איז געגעבן. באַהאַלט דעם רעוואָל־ווער. די דייטשן ווילן דיך אַ לעבעדיקן. קום, איך וועל דיך באַגלייטן... מיין נאָמען איז עקיבא.

וויט : באַקאַנט מיר דער נאָמען.

עקיבא : און דיינער איז יצחק.

וויט : אַזוי פיל יצחקס און עקיבאס האָבן יידן געהאַט.

עקיבא : איך בין ניט איך און דו ביסט ניט דו...

וויט : מיר זיינען זיי...

עקיבא : יאָ.

וויט: צו דער עקדה בין איך געגאַנגען...

עקיבא: מיין הויט האָט מען מיט אייזערנע קאַמען געשונדן און איך האָב געזאָגט צו מיינע תלמידים...

וויט: דו האָסט תלמידים געהאַט...

עקיבא: און דו האָסט חברים.

וויט: אמת. חברים. איך לאָז דאָ חברים... מוז איך דאָך אַ האָפנונג פאַרמאָגן צו לאָזן פאַר זיי בירושה...

עקיבא: דו פאַרמאָגסט זי.

וויט: טאָ לאָמיך איצט גיין זיי אַנטקעגן.

עקיבא: יאָ. גיי זיי אַנטקעגן, מיין זון...

(עקיבאס געשטאלט פארשווינדט. וויטענבערג צינדט אָן דאָס ליכט. עס דערהערן זיך קלעפּ אין טיר. ס׳קומט אריין די מיטגלידער פון שטאב. מיט אראָפּגעלאָזענע קעפּ. בלייבן זיי שטיין ביי דער טיר.

וויט: (מיט וואַרעמקייט) חברים...

יעקב: קאָמאַנדיר...

וויט: איך ווייס...

אסתר: די פּאַרטיי האָט באַשלאָסן...

וויט: איך ווייס.

יעקב: דער שטאַב האָט באַשלאָסן... מיר טאָרן ניט...

וויט: איך ווייס.

(די גאַס ווערט אָנגעפולט מיט יידן. פון דרויסן רייסן זיך אַריין זייערע געשרייען: מיר ווילן לעבן! מיר ווילן לעבן! גיט אונדז וויטענבערגן!)

שלמה: קאָמאַנדיר...

וויט: יאָ, חבר, איך גיי... איך קום... (צו יעקבן) נעם מיין רעוואָלווער. ער איז אָנגעלאָדנט. (גיט זיין רעוואָלווער יעקבן) מאַך ניט קאַליע קיין קויל. קיין איינציקע ניט... דאָס געטאָ איז פאַרלוירן... דער קאַמף איז ניט פאַר־לוירן... לויפט אין די וועלדער... רייסט זיך דורך צו דער פריי (קערט זיך אום) עדזשע? שטעל זיך אויף, עדזשע. קום מיך באַגלייטן. (צו די חברים) קומט מיך אַלע באַ־

גלייטן... (געשרייען פון דער גאַס: אַ טויט וויטענבערגן! אַ טויט וויטענבערגן!) איך קום שוין... איך קום שוין... (עפנט די טיר. המון פון דרויסן מאַכט אַ שפּאַלער)

שטימע: ער שטייט אין טיר, איר זעט?
שטימע: יאָ. דאָס איז ער. ער קומט אַרויס!
שטימע: אַבי מען זעט אים שוין.
שטימע: ער גייט, יידן! קוקט, ער גייט!
שטימע: אוי, אַ שטיין איז מיר אַראָפּ פון האַרצן...
שטימע: קוקט נאָר אַ גאַנג אַביסל...
שטימע: ער גייט ווי אַ מלך.
שטימע: ווי, וואוהין עס גייען אונדזערע מלכים...
שטימע: ווי בלייך ער איז...
שטימע: **צו די פיס וואָלט מען אים געדאַרפט פאַלן, דעם שטויב פון זיינע טריט קושן...**
שטימע: יצחק גייט צו דער עקדה...
שטימע: זעט נאָר ווי ער קוקט אויף אונדז.
שטימע: ער האָט אונדז פיינט.
שטימע: ער שמייכלט.
שטימע: ס'דוכט זיך אייך.
שטימע: ער האָט עפּעס געזאָגט?
שטימע: ניין. ער רעדט גאָרניט. זעט נאָר ווי ער קוקט אויף אַלעמען.
שטימע: וואָס קוקט ער אַזוי?
שטימע: יאָ. ער שמייכלט.
שטימע: וואָס פאַלט אייך איין?
שטימע: ער איז אונדז מוחל...
שטימע: קומט, לאָמיר אים באַגלייטן אַלע.
שטימע: באַלד וועט ער זיין אין זייערע הענט.
שטימע: וואו איז ער? איר זעט אים נאָך, יידן?
שטימע: ער איז פאַרשוואונדן אין ראָג.
שטימע: פאַרשוואונדן?

שטימע : יאָ. מען זעט אים שוין ניט.

פרוי : גוואַלד, ווי שפּעט קאָן שוין זיין איצטער?

פרוי : פאַרגעסן, אַז שבת רוקט זיך אין שטעטל אַריין, האָ?

פרוי : אָפּבאַלאַמוטשעט אַ פרימאָרגן... נו, נו...

פרוי : בלויז אַ פרימאָרגן? איך בין דאָך שוין די גאַנצע נאַכט אויף די פיס.

פרוי : ליכט אויף שבת האָט איר שוין?

פרוי : מען דאַרף לויפן אַהיים אַ ביסל וואַרעמס אָפּקאָכן...

ייד : שוין צייט אָפּצודאַווענען...

ייד : מען וואָלט געדאַרפט צולויפן אין מרחץ אַריין...

(טייל יידן פאַרשווינדן. אַנדערע שטייען נאָך גרופּעסווייז און שמועסן. עס באַווייזן זיך גאַסן־הענדלער)

1 הענדלער: יידעלעך, וואַשט זיך אויף שבת, וואַשט זיך! קויפט די גוטע זייף מיט דער מאַרקע „הירש", זי שוימט זיך אַ מחיה! קויפט! קויפט!

2 הענדלער: ווער קויפט צוקערקעס, איריסן?!... פאַרזיסט אייך ס'לעבן מיט אַ גוטן איריס! איריסן!... איריסן!...

3 הענדלער: ווער האָט אַ פּאָר „לאָקשן"* צו פאַרקויפן? ווער האָט „ווייכע"? גאַראַנטירט ברויט מיט קאַרטאָפל, בוריקעס און מעל...

4 הענדלער: (אַ יונג בחורל) ווער קויפט ציאַנקאַלי, ווער קויפט ציאַנ־קאַלי? דער טויט קומט מיט אַן אויגנבליק... פאַרהיט זיך פון פאַנאַר... קויפט ציאַנקאַלי!...

מיידעלע : ווער קויפט באַבקעס? טייגלעך? ווער קויפט די גוטע קאַרטאָפל באַבקעס? נאָר איין רובל אַ שטיק?!

פרוי : (צו אַ גרופּע שמועסערינס) ביי מיר וואוינען צוויי מענער, וואָס מען האָט ביי זיי די ווייבער אַוועקגענומען ביי דער אַקציע מיט די גאָלע שיינען. און אַז זיי נעמען זיך קאָכן זייער וועטשערע, די צוויי מאַנצבילן, קאָן מען עפּעס אַוועק־קריגן. איר הערט? אין טאָפּ פון די נעכטיקע קאַרטאָפליעס

---

*) „לאָקשן", „ווייכע" — אמעריקאנער דאָלאַרן.

קאַכט מען היינט גרויפּן. אין די היינטיקע גרויפּן קאָכט מען מאָרגן אַ ברויט־זופּ. זיי זאָגן ס'איז אַ שאָד אויסצו־וואַשן ס'טעפּל. עס גייט פאַרלוירן עסן דערביי. און דאָס ביסל געקעכטס לאָזן זיי דען יאָ אָפּקאָכן ווי ס'באַדאַרפט צו זיין? מען שטייט ביי דער קיך מיטן לעפל אין דער האַנט, מען זופּט און מען מישט, מען מישט און מען זופּט און פון פייער נעמט מען שוין אַראָפּ אַ ליידיקן טאָפּ.

2טע פרוי : אַ רחמנות נעבעך. די מערסטע וואָס שטאַרבן אַוועק זיינען די מענער אָן ווייבער.

3טע פרוי : בלויז אויף די מענער איז אייך אַ רחמנות?

4 הענדלער: ווער קויפט ציאַנקאַלי? ווער קויפט ציאַנקאַלי?

מיידעלע : (שרייט אים איבער) ווער קויפט באבקעס? ווער קויפט באבקעס? (לויפט צו צו צפורהן) מאַמע, מאַמע, קום נאָר אהער... ער לאָזט מיך ניט האנדלען! (ווייזט אויף ציאנקאַלי הענדלער)

צפורה : ווער לאָזט דיך ניט האַנדלען, נשמה מיינע? וואָס קענסטו זיך מיט אים ניט קיין עצה געבן, שלים מזל וואָס דו ביסט?!

מיידעלע : איך בין ניט שולדיק. ער שרייט מיך איבער.

צפורה : און מיט וואָס האנדלט ער דאָס אזעלכעס?

4 הענדלער: ווער קויפט ציאַנקאַלי?! ווער קויפט ציאַנקאַלי?

צפורה : (צום בחורל) דער רוח זאָל דאָס נעמען, האָסט שוין ניט מיט וואָס צו האַנדלען, האָסטו שוין ניט? אַוועק פון דאַנען, נאָר שוין!

4 הענדלער: (לאָזט זיך ניט אַוועקשטופּן) לאָזט מיך צורו... איך דאַרף אויך לעבן... ווער קויפט ציאַנקאַלי... ווער קויפט?

צפורה : ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקע, איך וועל דיר דערלאַנגען אין הינטן אַריין. וואָס ווילסטו, דעם דייטש צוהעלפן, ווילסטו? טראָג זיך אָפּ זאָגט מען דיר! (פאַרמעסט זיך מיטן פוס. בחורל אַנטלויפט)

צפורה : (זיגעריש) עסט יידעלעך, עסט. דעם דייטש אויף צעפּי־קעניש, קויפט די גוטע טעמעדיקע באבקעס, אַ שטיק געזונט וועט אייך צוקומען. ווער קויפט טייגלעך?... קאַר־טאָפּל־באבקעס ווער קויפט?!

שטימע : זעט נאָר, יעקב גענס פאָרט דאָרטן אין דער קאַרעטע...

שטימע : אָט גייט די פּאָליציסטין טעא... (אַ פּאָר פרויען לויפן צו צו טעאן)

פרוי : טעאלעבן, אַ געזונט אויף אייך...

פרוי : טאָכטערשי, איר זעט דאָך אויס ווי אַ בת מלכה, איך וויל אייך בעטן אַ טובהלע... אַ קלייניקייט...

פרוי : איך האָב אַ קראַנקן מאַן, טעאלעבן...

פרוי : איך האָב ניט שבת צו מאַכן, נשמה מיינע...

גענס׳ שטימע : פונאַנדערגייַן זיך! גיכער! פונאַנדערגייַן זיך! (פּאָליציסטן מיט שטעקנס אין די הענט טרייבן פונאַנדער דעם עולם)

פאַלקע : (לויפט צו צו שלומקען, אָטעמט קוים) שלומקע, עס איז געשען, עס איז געשען!

שלומקע : וואָס איז געשען? רעד אַ וואָרט!

פאַלקע : דער פויגל!

שלומקע : זי האָט אים דערהרגעט?

פאַלקע : ניין. ער איז אַוועקגעפלויגן.

שלומקע : אַוועקגעפלויגן? אינגאַנצן?

פאַלקע : איך האָב אים ניט מער.

שלומקע : דו דאַרפסט זיך פרייען. ער איז פריי.

פאַלקע : איך האָב אים ליב געהאַט.

שלומקע : און איצטער?

פאַלקע : איך בענק צו אים.

שלומקע : ער וועט צוריקקומען. וועסט זען. ער וועט קרייזלען איבער דיין הויז, איבער מיינעם, איבערן געטאָ, איבערן גאַנצן הימל...

פאַלקע : דו מיינסט אַזוי ?

שלומקע : אוודאי. לאָמיר קוקן אויפן הימל. אפשר וועלן מיר אים זען.

פאַלקע : (קוקט אַרויף) דו זעסט שוין עפּעס ?

שלומקע : יאָ. איך זע אים. דאָרטן... דאָרטן... אויפן האָריזאָנט. ער פליט אַהער...

פאַלקע : איך זע אים... איך זע אים...

שלומקע : זעסט ווי שיין ער טראָגט זיך איבערן הימל ? ווי הויך ?

פאַלקע : מיין פויגל...

שלומקע : דער הימל זעט אויס ווי אַ ים און זיינע צוויי פליגל ווי זעגלען פון אַ שיפל... ער שוועבט אַזוי נאָענט... ער טראָגט זיך אַזוי ווייט...

פאַלקע : מיין פויגל. מיין שיינער פויגל !

(קינדער שטייען פאַרקוקט אין הימל)

## פאָרהאַנג

## סוף